STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05047

# MESIRES NEFESH

Menahem Mendl

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Elaine Deutsch*
*in honor of*
*Warren, Lisa, Geoffrey, Laura, Emily, Justine & Kate*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעזרת השם יתברך

# מסירות נפש

## וואונדערליכע ערציילונגען

היסטארישע קאפיטלען וועגן מענטשן פון פאלק
וועלכע האבן געווידמעט זייער לעבן צו העלפן
דעם אידישן פאלק, סיי אין אלגעמיין און סיי
פאר איינצעלנע ביז מסירות נפש

רעדאקטירט און בעארבעט

פון

**מנחם מנדל**

ירושלים ה׳ תשמ״ה

כל הזכויות שמורות לעורך ומו״ל
מנחם מנדל

©

AII rights reserved
Jeruselem, Israel

נדפס בארץ ישראל
printed in Israel

# פארווארט

דער דאזיגער ספר "מסירות נפש" נעמט ארום א תקופה פון עטליכע הונדערט יאהר, אין וועלכן דער אידישער פאלק אין רוסלאנד איז אויסגעקומען צו ליידן צרות און פערפאלגונגען פון דער דארטיגער רעגירונג, און פון די וואס שטייען ביי דער ארטיגער מאכט, ווערנדיג אונטערגעהעצט קעגן די אידן פון די הויכע פענסטער.

און אזוי ווי אין אלע צייטן, ביי אלע גזירות און רדיפות, האבן זיך ארויסגעשטעלט פון פאלק אזעלכע מענטשן וועלכע האבן זיך דערהויבן איבער אלעמען מיט זייער ענערגיע און שטאלץ, מיט זייער גרייטקייט און געוואגטקייט צו ארויס העלפן און זיך מוסר נפש זיין, סיי פארן יחיד און סיי פאר דעם גאנצער צבור.

נישט אלעמאל זיינען עס געווען גראדע די מנהיגים, פיהל מאל זיינען זיי גאר געקומען פון פאלק, אויסגעוואקסן פון די מאסן, האבנדיג דעם געפיהל פון פעראנטווארטליכקייט, ווען זייער הארץ פיהלט און דערהערט דעם וויי געשריי און צער פון דעם יחיד און רבים, האבן זיי זיך אנגעגארטלט מיט מוט, מפקיר געווען זייער אייגענע שטוב און געלאפן צו דער הערשאפט, אנקלאפן די טהירן און בעטן מיט תחנונים צו ראטעווען די געפלאגטע.

די דאזיגע מסירות־נפש־אידן, זיינען שטענדיג געשטאנען אין קאנטאקט מיט די פארשידענע שררות און פריצים, מיט די הויכע ספערן כדי ווען עס מאכט זיך עפעס א גזירה אויף אידן זאל מען וויסן דערפון איידער עס ווערט פארווירקליכט ווערן און עס קענען אפרופן אדער באזייטיגן.

מיר האבן דא צוזאמענגעשטעלט מאטעריאל וועגן א געוויסן טייל פון די פערזאנען וועלכע האבן געשפילט א ראלע מיט זייער טעטיגקייט אין א געוויסע תקופה פון אידישע צרות און פלאגן וואס איז פארגעקומען אין רוסלאנד און פוילן אין די יאהרן פון דער צארישער הערשאפט, וואו זיי האבן זיך דערהויבן מיט זייער מסירות נפש און איבערגעגעבנקייט פארן פאלק.

אין אלע דורות ביז היינטיגע צייטן געפינען זיך אויך פיהל פאלן וואו עס פאדערט זיך הילף סיי פארן יחיד און סיי פארן ציבור, לאמיר נעמען אלס מוסטער אט די פערזאנען וועלכע ווערן דא באשריבן אין ספר און זיך אפלערנען פון זיי ווי אזוי צו אפפערן דעם לעבן און זיך מוסר נפש זיין ווען עס האנדלט זיך צו טהון א טובה פאר א אידן.

לאמיר גיין אין די וועגן פון אונזערע עלטערן אין די פריהערדיגע דורות וועלכע האבן געוויזן מיט זייער פיהרונג דעם ריכטיגן וועג פון דאס אידישע פאלק, צו זיין געטריי איינער פארן אנדערן, צו העלפן איינעם דעם צווייטן מיט אלע מעגליכקייטן אין אלע צייטן און אין דעם זכות פון אויספיהרן די ערבות פאר יעדן אידן דורך טהון חסד און יענעם שטיין צו הילף, וועלן מיר זוכה זיין אז אויך הקב"ה וועט מיט אונז טהון חסד און אינגיכן אויסלייזן פון אלע גלות'ן ווען עס וועט אויפלייכטן דאס ליכט פון די אמתע גאולה שלימה בב"א.

ירושלים ה' תשמ"ה

**מנחם מנדל**

# אינהאלט

ערשטער קאפיטל: **ר׳ לייב מייטעס** ......................................... יג — כב

די מסירה פון די קאראאימער צום פוילישן קעניג — דער ווילנער גאון באפוילט צו שיקן ר׳ לייב מייטעס אלס שתדלן צום קעניג — ר׳ לייב גייט אריין צום קעניג מיט די שיך אין האנד — די קאראאימער האבן פארשפילט — פקוח נפש דוחה שבת — דער ווילנער גאון וויינט ביי דער פטירה פון ר׳ לייב

צווייטער קאפיטל: **נחומקע לץ** ......................................... כג — לו

די צרות וואס אידן אין שקלאוו שטייען אויס דורך דעם גענעראל זאריטש — א פונק האפנונג מיטן אנקומען פון פירשט פאטיאמקין — פארשפארט די וועג — ארויפגעלייגט די מיסיע אויף נחומקע לץ — די אותיות זיינען ארויסגעפאלן פון בריוו — דער שיכורער סאלדאט — א צווייטן מאל אפגענארט — די ערפאלגן פון דער דעפוטאציע

דריטער קאפיטל: **ר׳ יהושע צייטלין** ......................................... לז — ס

געווארן הויפט ליפעראנט פון רוסישן פראנט — דער אויסטייער שלאס — די דעלעגאציע צום נייעם קעניג — א בלבול אויפן געלד זאמלען — דער איידעם אברהם פערעץ — דער פריינד געוואכאוויץ — די הילף פון דעם קאמער דינער קוטייסאוו — גוטע בשורות פאר אידן — באשטעטיגט צו אויספארשן גראף זאריטשעס מעשה תעתועים — דערזשאווין פרובט צו פארפידהרן — דער ערשטער עלילת דם אין רוסלאנד — אראפגענומען די באשולדיגונג

פערטער קאפיטל: **נסיונות** ........................................ סא — עד

דער קאמיטעט איינצוארדענען אידן — דערזשאווין ווערט דעמיסיאנירט — דער לערער מענדל לאפין מיטן פירשט אדאם טשארטאריסקי — דער איבערברוך אין לעבן פון אברהם פערעץ — א פאלקס חרפה — דער עונש פאר זיך טשעפען מיטן בעל ה"תניא" — ר' משה צייטלין ענטזאגט זיך פון דעם עשירות נסיון — געוואכאוויץ גייט נאך די טריט פון פערעץ — אוועק פון פאלק

פינפטער קאפיטל: **ר' נתן נאטקין** ........................................ עה — צח

גרויסע פלענער — די פאלשע ראלע פון דערזשאווין — יחידישע שתדלנות — ארעסטירט דעם וויטעבסקער ראש הקהל — די ברכה פון ר' חיים וואלאזשינער — דאס באגעגעניש מיטן גראף קאטשעביי — דער אומבאקאנטער הער — דאס וואונדערליכע באגעגעניש מיטן קייסער — שטעל זיך אפ! — דער שטילער קאמפ מיט דערזשאווין

זעקסטער קאפיטל: **זונדל זאנענבערג** ........................................ צט — קלב

אין דעם וויין קעלער — ריין געוואשן פון גראדנער בלוט בלבול — די זילבערנע עטרות פון די קיטלען ווערן אראפגענומען — שליחים פון כלל ישראל — די צוויי מתים פארן קעניג פיאטער — דער ברודער פון פינאנץ מיניסטער — דער אנטלאפענער ארעסטאנט — די אידן אין קאלענקאוויטש אין א גרויסע צרה — דער פסק פון ר' טעוועלע אז פקוח נפש איז דוחה שבת — ר' זונדל פארט קיין פעטערבורג — די וואקלענישן פון קייזער — רבי חיים וואלאזשינער פארט קיין פעטערבורג — דער קרימער משיח — דאס פקחות פון רבי חיים וואלאזשינער — די טראגישע ענדע

זיבעטער קאפיטל: **אליעזר דילאן** ................................. קלג — קמו

דעפּוטאטן פון אידישן פאלק — פריינדשאפט פון קייזער — די איינלאדונג פון קייסער — דער אודיענץ — די שווערע לאסט פון שתדלנות — א מסירה אויף דילאן — אויסגעלעבט אין ארעמקייט

אכטער קאפיטל: **ר' יום טוב ליפמאן זעלצער** ........ קמז — קנח

יוגנט עראינערונגען פון די סלאוויטער מדפיסים — ארויפגעשפרונגען אויף דעם קייזערליכן וואגן — א שווארצער טוכענעם ראק — דער פלוצלונגדיגער ארעסט — לידער פארן קייסער — פלוצלונג געשטארבן

ניינטער קאפיטל: **ר' איטשעלע מאנאסטירשצינער** קנט — קפח

די אמטשיסלאווער גזירה — א רעוויזיע אויף קאנטראבאנד — א בלבול אויף די אידן — דער הארבער פסק פון ניקאלאי — אויסטערלישע ליידן פון אמטשיסלאווער אידן — ר' איטשעלע מיטן רב פאהרן קיין פעטערבורג — די ווענדונג צום קעניג — דער אויספארשער א שונא ישראל — דער נייער אויספארשער באפרייט די אידן — די מוסרים שמד'ן זיך אפ — דער באזוך ביים קרוין פרינץ — געפאלן אין חלשות — פארגעשטעלט פארן קייסער — טייערע אויערינגלאך — מבקר חולה געווען דעם קרוין פרינץ

צענטער קאפיטל: **ליטמאן פייגין** ........................................ קפט — רי

שנעלע פאסט פערד — דער קוטשער פון קייסער — א גאלדענער רונג פון קייסער — דער בלבול אויף דעם ישובניק מיט זיינע איידעמס —ביידע דאקטוירים אידן — פייגין זוכט ראיות — דער ווידוי פארן גלח — פייגין פאהרט קיין פעטערבורג ביז איבער פסח — אויסטערלישע רעקאמענדאציע בריוו — שארפע אויסדריקן — איבערגעדרייט דאס רעדל

עלפטער קאפיטל: **יוסף היילפערין** ........................................ ריא — רמ

א אומדערגרייכבארע קראפט — די גאלדענע גאס — דער קאמפ מיט די גזירה פון "ראזראדן" — די געהיימע האנד — די גזירה צו נעמען אידן אין מיליטער דינסט — די רשעות פון דעם אונטערגעקויפטן מיניסטער — געלד פארן שווייגן — דער קאמף מיט די משכילים — ווער זיינען די געגנער?! — דער פארשטייער אין דער קאמיסיע — דער צמח צדק ביי רבי יצחק וואלאזשינער — אויסגעטרונקען דעם ביטערן בעכער ביז צום ענדע

צוועלפטער קאפיטל: **ר' יענקעלע קאוונער** .............. רמא — רסד

א עלנדער יתום — ראש ישיבה און מורה הוראה — די דעלעגאציע צום קייסער — בוימל צומישט זיך נישט מיט וואסער — אין שפיץ פון דער רבנים קאמיסיע — אויסגעפועלט רעכט פאר אידן — מלאך מושיע — א נייע צרה פון דעם משומד בראפמאן — א טויט קלאפ פארן משומד — געשטארבן דער מלאך מושיע

# אריינפיהר

דער צוויי־טויזנט־יעריקער גלות האט געשאפן אין דעם לעבן פון דעם אידישן פאלק א מין אייגנארטיקע אינסטיטוציע, וואס מען זעט נישט איר גלייכן ביי קיין שום אומה ולשון. דאס איז די אינסטיטוציע פון די אזוי גערופענע "שתדלנים". לעבעדיק צוזייט און צושפרייט איבער דער וועלט אין פארשידענע לענדער אונטער דעם יאך פון פרעמדע מושלים, אפהענגיק פון זייער ווילן, און גאנץ אפט פון זייערע ווילדסטע קאפריזן, כמעט שטענדיג אומבאשיצט נישט בלויז אין די בירגערליכע, נאר אפילו אין זייערע מענטשליכע רעכט, — איז ביי אידן ענטשטאנען דאס באדערפעניש צו האבן שטענדיג גרייט פון זייער זייט געוויסע פערזאנען, וואס זאלן צו יעדער צייט פארטיידיגן זייערע אינטערעסן, וואו מען באדארף און פאר וועמען מען באדארף.

זענען די דאזיגע פערזאנען ארויסגעניצט געווארן אין מאמענטן פון עלילת־דם׳ען, פון שלעכטע גזרות, פון גירושים, פון אפנעמען געוויסע פרנסות, פון ארויפלייגן הויכע, דריקנדע שטייערן א.ד.ג., אין אזעלכע פאלן איז די פארטיידיגונג באשטאנען אדער אין בעטן רחמים ביי די שררות, אדער אין אונטערקויפן זיי אליין, און אמאל אויך זייערע ווייבער און קעבס־ווייבער, און זאגאר די משרתים, מיט אלערליי מינים פון שוחד. שפעטער האט די שתדלנות אנגעהויבן אנצונעמען א אנדער פארם — די פארם פון אויפקלערונג. די שתדלנים פלעגן אפגעבן די געהעריגע מלוכה־ארגאנען פארשידענע דערקלערונגען וועגן דעם מאטעריעלן און דעם גייסטיגן צושטאנד פון דער אידישער באפעלקערונג דא און דארטן, פלעגן פאר זיי באלייכטן די און יענע פראגע פון אידישן לעבן אויפן גרונד פון צוזאמענגעקליבענע און גוט באארבעטע מאטעריאלן ווי סטאטיסטישע טאבעלן א.ד.ג., פלעגן זיי דערלאנגען בקשות, מעמאראנדומס און דעקלאראציעס אין נאמען פון אידישן פאלק.

נישט שטענדיג האט די שתדלנות געבראכט פאר אידן די געוואונטשענע רעזולטאטן, אפט פלעגט זי בלייבן ליגן אומבאמערקט אונטער דעם גרינעם טישטאך פון די דעפארטאמענטן, ס'האט אפילו אויך פאסירט, דאס נאך דער שתדלנות איז די אידישע לאגע פיל פארשארפטער געווארן. אבער נישט געקוקט אויף דעם, האט אין דער צייט פון פיל דורות, און נאך ביז דער לעצטער צייט, די שתדלנות כלפי חוץ געשפילט אין אידישן געזעלשאפטליכן לעבן א גרויסע ראלע און איז באטראכט געווארן פונם אידישן פאלק אלס העכסט נויטיגער פאליטישער אינסטיטוט.

די שתדלנים פלעגן געקליבן ווערן דורך די קהלות, ביי די וואלן איז נישט געלייגט געווארן קיין אכט אויף עשירות און נישט אויף יחוס אבות. געוויילט האט מען נאר יראים ושלמים, ג־ט'ספארכטיקע מיט דעם ריין אידישן ברען פון אמונה און בטחון און מיט דער אמת־אידישער התלהבותדיקער מסירת־נפש פאר די אינטערעסן פון פאלק. דערצו האבן זיי געדארפט זיין גרויסע פקחים, מיט אפענע מוחות, כדי צו פאלן ווען מען באדארף, אויף אלערליי המצאות, מענטשן מיט צינגער, וואס שטייענדיג פאר די גרעסטע שררות, זאלן זיי זיך נישט פארלירן אין קיין סיטואציע און באלד אויפן ארט וויסן וואס אפצוענטפערן און ווי אזוי אפצוענטפערן.

צווישן די שתדלנים, וועלכע האבן געשפילט א באזונדער באדייטנדע ראלע אין דעם לעבן פון דעם רוסיש־פוילישן אידנטום פאר דער צייט פון יעקאטערינע דער צווייטער, ביז צו דעם פאלן פון דעם צארישן רעזשים, זענען געוועזן איינעגע אזעלכע, וואס האבן, א דאנק זייער אויסערגעוויינליכע פעהיקייטן, פארבונדן מיט א אייזערנער ענערגיע, מיט גרויס פקחות און מיט א היבשער מאס אידעאליזם, ארויסגעראטעוועט פון די גרעסטע סכנות און אומגליקן נישט בלויז איינצעלנע פערזאנען, נאר אויך גאנצע קהלות. די דאזיקע מענטשן האבן מפקיר געוועזן לטובת דעם אידישן פאלק זייער צייט און זייערע בעסטע כחות, האבן זיך פיל מאל געשטעלט אין די שרעקליכסטע געפארן, זייענדיג גרייט צו שטארבן על קידוש־השם.

עס זענען געווען אזעלכע שתדלנים, וואס בשעת זיי איז אויסגעקומען צו שטעלן זיך פאר א שררה, וועלכער האט געהאט א נאמען פון א בייזן און קאפריזנעם מענטש, האבן זיי אנגעטון אונטער די שבת׳דיקע קליידער זייערע תכריכים, וועלכע זיינען ביי זיי געלעגן שטענדיג אנגעגרייט, כדי טאמער ווערט דער שררה דערצארנט און הייסט זיי טויטן, ווי ס׳האט וויפל מאל פאסירט, זאלן זיי דארט אויפן ארט באגראבן ווערן לויט דעם אידישן דין און אין תכריכים.

צווישן די ברייטע פאלקס־מאסן זיינען אזוינע שתדלנים געפייערט געווארן ווי פאלקס־העלדן, און דאס פאלק האט זייערע נעמען ארומגעשפינען מיט פארשידענע ערציילונגען, וואס פלעגן ווערן איבערדערציילט אין די פארווארפנסטע ווינקאלאך פון ליטע, פוילן און ווייס־רוסלאנד פון באבעס צו אייניקלאך אין די שבתדיקע זיסע בין־השמשות׳ן.

אין די קומענדיגע קאפיטלאך וועלן מיר אדורכפירן פארן לייענער א גאנצע ריי פון די אינטערעסאנטסטע טיפן שתדלנים, וואס יעדער איינציגער פון זיי האט מיט זיך און מיט זיין טעטיקייט געבילדעט א באזונדער טרויעריגן קאפיטל אין דער געשיכטע פון די רוסיש־פוילישע אידן אין די לעצטע צוויי הונדערט יאר.



אידן גייען אין גלות

## ערשטער קאפיטל:
# ר׳ לייב מייטעס

די מסירה פון די קאראאימער צום פוילישן קעניג — דער ווילנער גאון באפוילט צו שיקן ר׳ לייב מייטעס אלס שתדלן צום קעניג — ר׳ לייב גייט אריין צום קעניג מיט די שיך אין האנד — די קאראאימער האבן פארשפילט — פקוח נפש דוחה שבת — דער ווילנער גאון וויינט ביי דער פטירה פון ר׳ לייב



דער אריינגאנג צו דער גרויסער שוהל אין ווילנא

# ר׳ לייב מייטעס

## א.

אין די לעצטע יארן פאר דער דריטער צוטיילונג פון פוילן, האבן די אידן אין ליטע און ווייס־רוסלאנד איבערגעלעבט זייער שווערע און פינסטערע טעג. באזונדער שלעכט איז געווען די לאגע פון די ליטווישע אידן אין די גרעסערע שטעט. אין ווילנע, למשל, האבן אידן געמעגט וואוינען נאר אין באשטימטע גאסן, די איבעריגע שטאט טיילן זיינען געווען פאר זיי פארשלאסן. פון צייט צו צייט האט די מאכט ארויסגעגעבן אויף אידן נייע גזרות, וועלכע האבן באגרעניצט זייער רעכט אין האנדל און וואנדל. מיט דער אנטיסעמיטישער שטימונג פון דער מאכט האבן זיך באנוצט אלערליי שונאי ישראל און געשאטן אויף אידן מיט די גיפטיקסטע מסירות.

געברענטע ליידן זיינען דאן די ליטווישע אידן אויסגעשטאנען פון די ארומיגע קאראאימער, וועלכע האבן נישט געקענט רוהיג אריבערטראגן יעדעס מאל, ווען די אידן האבן זיך משתדל געווען, מ׳זאל פארברייטערן זייערע רעכט. די קאראאימער האבן זיך שטענדיג געזוכט אויסצופיינען פאר דער רעגירונג און אויפווייזן, אז נאר זיי זענען עס די אמתע אידן און בכן, דארפן נאר זיי אליין געניסן פון אלע פריווילעגיעס.

אין א געוויסן טאג — דאס איז געווען אין יאר תקמ״ד האבן זיך די ווילנער אידן דערוואוסט, אז די קאראאימער האבן אויסגעריכט שלוחים קיין ווארשע צום קעניג סטאניסלאוו פאניאטאווסקי מיט א אויספירליכן מעמאראנדום, אין וועלכן זיי דערקלערן, אז דיווירקליכע אידן זיינען זיי, אז זיי האבן עס באקומען די תורה פון בארג סיני, אז זיי באזיצן די עכטע אידישע מאראל, אז ביי זיי איז פארבליבן בירושה די אידישע עטיק, און די

אידן זענען א מין ערב רב, עפעס א מישמאש פון פארשידענע עלעמענטן, וואס מאכט זיי פאר א שעדליך פאלק, פון וועלכן דאס לאנד דארף פטור ווערן. פארענדיגט האט זיך דער מעמאראנדום מיטן פארשלאג אפצונעמען ביי די אידן דאס לעצטע ביסל זכיות און פארשפארן זיי נאך אין א איינגערן געטא.

די דאזיקע ידיעה האט אנגעווארפן אויף דער אידישער באפעלקערונג אין ליטע א גרויס שרעק. דער ווילנער גאון זצ״ל האט דאן צונויפגערופן צו זיך א אסיפה פון די גרעסטע אידישע פערזענליכקייטן פון דער גאנצער געגנט, און מ׳האט באהאנדלט די פראגע, ווי אזוי צו באקעמפן די קאראאימער. די אסיפה האט באשלאסן אפצווווארטן ביז וואנען עס וועט באקאנט ווערן דער רעזולטאט פון דעם מעמאראנדום, און דאן וועט מען זען וואס מ׳האט צו טון.

וועגן די רעזולטאטן פון דער דאזיקע קאראאימער מסירה האט מען דערציילט אין ליטע פאלגענדע אינטערעסאנטע פרטים:

גאר אומגעריכט האט ווילנער קהל באקומען א ארויספאדערונג פון ווארשע צו שיקן אהין אויסגעקליבענע מענטשן, וועלכע זאלן פארן קעניג אין די אויגן האבן א ויכוח מיט די קאראאימער און אויפווייזן ווער ס׳איז פריער געווען: די קאראאימער אדער די אידן.

דאן האט דער ווילנער קהל מיט דעם גאונ׳ס הסכם באשלאסן צו שיקן קיין ווארשע ר׳ לייב מייטעס פון פינסק, וועלכער איז דעמאלט געווען ווייט און ברייט באריהמט אונטערן נאמען ר׳ לייב שתדלן.

דער דאזיקער ר׳ לייב שתדלן איז געווען א גרויסער למדן און א ירא שמים, ער האט גע׳שמ׳ט אלס דער איינציקער אידישער פויליש־קענער אין גאנץ ליטע. פונוואנען ס׳האט זיך צו אים גענומען אזוי פיהל קענטעניש אין פויליש, בשעת ער איז כל ימיו אפגעזעסן נאר על התורה ועל העבודה, — דאס האט קיינער נישט געוואוסט, מ׳האט נאר געוואוסט, אז אויסער זיין גרויסער לומדות און ג־ט׳ספארכטיקייט איז ער נאך א פקח אין וועלטליכע

זאכן און פארשטייט זיך גוט פונאנדערצוקלויבן אין דעם פארפלאנטערסטן ענין, און דער עיקר איז, וואס ער קען זיך צונויפרעדן מיט שררות. דעריבער איז ווען מ׳האט נאר געדארפט אויסטענהן זיך מיט דער מאכט, האט מען דערצו אויסגעוויילט ר׳ לייב מייטעס, און יעדעס מאל פלעגט ער האבן גרויס ערפאלג. לויט דעם גאונ׳ס פארשלאג האט דער קהל פון ווילנא אויסגעקליבן ר׳ לייב׳ן פאר איר שטענדיגן שתדלן.

## ב.

מיט דעם גאונ׳ס ברכה אויפן וועג איז ר׳ לייב שתדלן אפגעפארן קיין ווארשע.

אין דעם טאג, אויף וועלכן עס איז באשטימט געווארן דער ויכוח, האט זיך ר׳ לייב טובל געווען, געזאגט תהלים און געפאסט. בלאס ווי די וואנד, איז ער אין גרויס פחד אריין אין קעניגליכן שלאס, און האט גאנץ ערשטוינט אנגעקוקט די פראכט פון דעם פאלאץ. ער איז דורכגעגאנגען אלע זאלן, וואס האבן שעמערירט פון גאלד און זילבער, און האט זיך אפגעשטעלט אין דעם פאדערשטן צימער פארן קעניגס קאבינעט, דערווארטנדיג אומגעדולדיג דעם מאמענט, ווען ער וועט ארויסגערופן ווערן צום ויכוח.

מיט ר׳ לייבן אין צימער האבן זיך געפונען אויך די שלוחים פון די קאראאימער. דער צערעמאניע־מייסטער האט זיי געזאגט, אז די מאדע איז אריינצוגיין אין דעם קעניגס קאבינעט נאר אין זאקן, און דעריבער האט ער זיי געהייסן אויסטון די שיך.

אלע האבן אויסגעטון די שיך. די קאראאימער האבן אין דער לעצטער מינוט באקומען גרויס פחד, ווייסנדיג ביי זיך גאנץ גוט, אז גערעכט זיינען די אידן. ר׳ לייב איז אבער פון רגע צו רגע רוהיגער געווארן. צום סוף איז אים איינגעפאלן אפצוטון די קאראאימער א שפיצל.

ווען מ׳האט זיי געמאלדן, אז דער קעניג נעמט זיי באלד אן, און עס האט זיך געעפנט די טיר פון זיין קאבינעט, איז ר׳ לייב אריין צום ערשטן,

אבער בעת די קאראאימער זיינען געגאנגען אין זאקן, האט ער זיינע שיך געטראגן אין האנט.

זיי זיינען אריין אין זאל און האבן זיך פארנויגט צום קעניג.

די קאראאימער האבן תיכף אויסגעניצט ר׳ לייב׳ס פארלעגנהייט אלס מאטעריאל, צו א נייער מסירה, און דער עלטסטער פון זיי האט זיך אנגערופן:

— דו זעסט, אדוני קעניג, ווי דער איד באציט זיך צו דיר? ער וויל דיר אפילו קיין כבוד נישט אפגעבן. נאכמער: ער שפעט פון דיר, ער האלט די שיך אין האנט, עפעס אזוי ווי ער וואלט נישט געגלויבט אין דיינע דינער און איז זיי חושד, אז זיי וועלן צו׳גנב׳ענען זיינע שיך.

דער קעניג איז שטארק אויפגעבראכט געווארן און מיט גרויס צארן האט ער געפאדערט ביי ר׳ לייבן א ערקלערונג.

— גנעדיקער קעניג! — האט אויסגערופן ר׳ לייב, פאלנדיק אויף די קני — ווען איך וואלט אליין געקומען צו דיין מאיעסטעט, וואלט איך געוויס געלאזט די שיך אין קארידאר, איך האב אבער אין פאדערשטן צימער געלאזט די קאראאימער, און דעריבער האב איך די שיך געמוזט נעמען מיט זיך.

— פארוואס?

— גנעדיקער קעניג! — האט געענטפערט ר׳ לייב — מיר, אידן, האבן אזא מסורה, בשעת ג־ט האט זיך באוויזן צו משה רבינו פון סנה און האט צו אים געזאגט: ״של נעליך מעל רגליך״, טהו אויס די שיך פון דיינע פיס, — האט ער די שיך אויסגעטון און ער איז געגאנגען מקבל פנים זיין די שכינה. ווען ער איז געקומען צוריק, האט ער שוין די שיך נישט געפונען, ווייל די קאראאימער האבן זיי צוגענומען. פון דעמאלט אן היטן מיר די שיך פאר די קאראאימער.

די קאראאימער זיינען אנגעצונדן געווארן פון גרויס כעס און שרעק.

— זייט איר גאר היסטארישע שיך־גנבים? — האט דער קעניג געפרעגט די קאראאימער.

— גנעדיקער קעניג! — האט אויסגערופן איינער פון די קאראאימער שלוחים, — דער איד טראכט אויף אונז אויס א בלבול. אלץ, וואס ער דערציילט דיר, איז שקר וכזב.

— האט איר א ראיה, אז דער איד זאגט ליגן? — האט געפרעגט דער קעניג.

— געוויס, געוויס האבן מיר א ראיה — האט א קאראאים שטאלץ געענטפערט. — ווי איז עס געמאלט, אז די קאראאימער האבן גע׳גנב׳עט די שיך ביי משה רבינו, בעת דעמאלט זיינען נאך גאר קיין קאראאימער נישט געווען.

— גענוג! — האט אויסגערופן דער קעניג, און זיך צעלאכט פון ר׳ לייבס איינפאל. — איר פארשפארט שוין דעם ויכוח, איר האט אייער משפט פארשפילט, און די אידן האבן רעכט.

רעדנדיק האט דער קעניג דערלאנגט ר׳ לייבן די האנט און אים הייס באדאנקט פאר זיין איינפאל. ער האט אים דערלאנגט א פאפיר אונטערצושרייבן, אז ער זאגט עדות, אז די אידן זענען געוועזן א סך פריער פאר די קאראאימער, כדי עס אפיציעל צו באשטעטיקן.

## ג.

דאס איז פארגעקומען שבת. ר׳ לייב האט אבער פיל נישט געטראכט, ער האט צוליב פקוח־נפש פון דעם אידישן פאלק מחלל שבת געווען, און אונטערגעשריבן דאס פאפיר.

אז ר׳ לייב איז געקומען צוריק קיין ווילנע, איז געווארן אין שטאט שמחה וששון. דער ויכוח מיט די קאראאימער האט זייער באאומרוהיקט די אידישע באפעלקערונג אין ליטע און ר׳ לייב׳ס נצחון האט געגעבן האפנונג,

אז נישט בלויז קיין נייע גזירות וועלן נישט זיין, נאר די אלטע וועלן אויך בטל ווערן.

גלייך אהיימקומענדיג, איז ר׳ לייב אריין צום גאון. דער ווילנער גאון, וועלכער האט שוין געוואוסט פון דעם ווארשעווער ויכוח, איז ר׳ לייב׳ן ארויפגעפאלן אויפן האלז און האט אים געקושט.

ר׳ לייב האט אבער זייער געוויינט ווי א קליין קינד.

— וואס וויינסטו, מיין קינד? — האט אים געפרעגט דער גאון — דו דארפסט זיך, פארקערט, פרייען, וואס מיט דיין זכות האסטו געראטעוועט דעם כלל ישראל פון א אומגליק.

— רבי! — האט זיך אפגערופן ר׳ לייב טרויעריק, — איך האב ביים קעניג מחלל שבת געווען.

און ר׳ לייב האט דערציילט דעם גאון די גאנצע געשיכטע.

נאכדעם, ווי דער גאון האט אויסגעהערט די דערציילונג, איז ער צו אים צוגעגאנגען, האט אים געדריקט די האנט און געזאגט:

— ווייסטו וואס, לייבל, נעם קלויב זיך אויס פון מיינע שבתים, וועלכן שבת דו ווילסט, און גיב מיר אוועק דעם שבת, וואס דו האסט מחלל געווען, און לאמיר זיך בייטן.

ערשט דאן האט זיך ר׳ לייב אביסל בארוהיגט.

★ ★ ★

אויך פון דער היסטארישער שטאנד־פונקט שטימען די פאקטן מיט דער ווירקליכקייט. די ליטווישע קאראאימער זיינען שטענדיג געווען דם שונאים זייערע אידישע שכנים און האבן נישט אויפגעהערט זיי צו פארפאלגן דורך אלע סארטן מסירות און בלבולים. דער ווילנער קהל האט שטענדיק געדארפט שטיין אויף דער וואך און אפהיטן די אידישע

באפעלקערונג פון די קאראאימישע אינטריגעס. ריכטיג איז אויך, אז צוליב די קאראאימישע רדיפות האט די ווילנער אידישע קהלה געהאלטן א שטענדיגן שתדלן, וועלכער האט געדארפט יעדעס מאל אפווארפן די טענות פון די קאראאימער און אויפווייזן זייערע פאלשקייטן. דער דאזיקער שתדלן איז געווען ר׳ לייב מייטעס, און די שכירות, וואס ער האט גענומען האט אנגעטראפן פינף גילדן א וואך. וואו נאר א סכסוך מיט דער מאכט, וואו נאר א גזירה און ביי יעדער עת צרה בכלל, האט ווילנער קהל אויסגעריכט פון זיין צד ר׳ לייב מייטעס, און ער האט כמעט יעדעס מאל פארטיידיגט די אידישע אינטערעסן מיט גרויס גליק. ער האט כסדר געלויערט נאך די קאראאימער און באצייטנס אנגענומען די געהעריקע מיטלען קעגן זייערע אידנפיינטליכע פלענער.

מיט דעם זעלבן ר׳ לייב מייטעס, האט זיך די ווילנער אידישע קהילה באנוצט אויך נאך דער לעצטער צוטיילונג פון פוילן, ווען ליטע איז אריבער אין רשות פון רוסלאנד. ר׳ לייב מייטעס האט געהאט א היבשע ידיעה אויך אין דער רוסישער שפראך, און ווען עס איז ארויס דער ערשטער באפעל פון יעקאטערינע דער צווייטער, וועגן נעמען באזונדערע אפצאלן פון אידן, האט מען ר׳ לייב מייטעס געשיקט קיין פעטערבורג אויסצופועלן, מ׳זאל דעם גזר דין פארלייכטערן. אין פעטערבורג האט זיך ר׳ לייב דערשלאגן צום פירשט פאטיאמקין, מיט וועלכן ער האט געהאט א גרויסן ויכוח וועגן אידן און אידישקייט.

ר׳ לייב מייטעס איז געשטארבן נאך ביים לעבן פון דעם ווילנער גאון. מען דערציילט, אז דער גאון, וועלכער האט קיינמאל קיינעם נישט מספיד געווען, איז דערוויסנדיג זיך וועגן ר׳ לייב׳ס פטירה, ארויף אין זיין קלויז אויף דער בימה און האט אויסגערופן: ״שר וגדול נפל היום בישראל״. דערביי האט ער זיך פונאנדערגעכליפעט ווי א קליין קינד...



דער ווילנער גאון רבי אליהו זצ"ל

## צווייטער קאפיטל:
# נחומקע לץ

די צרות וואס אידן אין שקלאוו שטייען אויס דורך דעם גענעראל זאריטש — א פונק האפנונג מיטן אנקומען פון פירשט פאטיאמקין — פארשפארט די וועג — ארויפגעלייגט די מיסיע אויף נחומקע לץ — די אותיות זיינען ארויסגעפאלן פון בריוו — דער שיכורער סאלדאט — א צווייטן מאל אפגענארט — די ערפאלגן פון דער דעפּוטאציע



ווינטער אין סיביר

# נחומקע לץ

## א.

נאך דער דריטער צוטיילונג פון פוילן פאר יעקאטערינע דער צווייטער אין יאר תקמ״ג זיינען אונטער אנדערע, אויך די גרויסע און געדיכטע אידישע באפעלקערונגען פון ליטא און ווייס רוסלאנד, אריבער אין דעם רשות פון די רוסן. אין אנהויב האט אויסגעוויזן אז די רוסישע רעגירונג האט אינגאנצן נישט בדעה צו באגרעניצן דורך באזונדערע געזעצן די רעכט וואס די דאזיקע אידן האבן ביז דאן גענאסן ביי די פוילישע מושלים, זי האט נישט געטשעפעט דעם ״קהל״, האט נישט אנגערירט דעם בית דין, האט זיך נישט אריינגעמישט אין די אידישע רעליגעזע און קולטורעלע אינטערעסן, און געלאזן זיי ביי די אלטע אויטאנאמישע פריוויליגיעס. ס׳איז אבער אריבער א געוויסע צייט, און דער מצב האט זיך אנגעהויבן ענדערן צום שלעכטן. דא און דארטן האט מען גענומען באגרעניצן ביסלעכווייז די אידישע רעכט אויף דעם און אויף יענעם געביט און בארויבן זיי זייערע רעכטן איינע נאך דער אנדערער.

צום ערשטן האבן דאס דערפילט די אידן פון דער שטאט שקלאוו, וועלכע האבן זיך אין יענער צייט, צוליב איר ווייט און ברייט פארשפרייטן האנדל, גערעכנט פאר דער ווייס־רוסישער רעזידענץ. פאר איר מאטעריעלער אויפבלי האט שקלאוו געהאט צו פארדאנקען אויסשליסליך איר אידישער באפעלקערונג, וועלכע האט געפירט קאלאסאלע געשעפטן נישט בלויז מיט רוסלאנד, נאר אויך מיט די גרעסטע אויסלענדישע פירמעס. צוליב דעם, וואס די שקלאווער אידן פלעגן גאנץ אפט באזוכן די באדייטנדסטע האנדלס צענטערן אין די פארשידענע מערב־לענדער, זיינען זיי געוועזן צוטריטליכער פאר וועלטליכער בילדונג, האבן געקענט פרעמדע שפראכן און געפירט א מאדערניזירטערן לעבנ׳ס שטייגער אין פארגלייך צו

די אידן פון די אנדערע שטעט און שטעטלאך. שקלאווער אידן האבן געשפילט די ראלע פון די אריסטאקראטיע אין דעם אידישן תחום, צו זייערע ווערטער האט מען זיך צוגעהערט און מיט זייער מיינונג האט מען זיך גערעכנט.

אין א קורצער צייט ארום, נאכדעם ווי שקלאוו איז איבערגעגאנגען צו רוסלאנד, האט יעקאטערינע די צווייטע אפגעגעבן די שטאט אלס מתנה צו איינעם פון אירע גוטע פריינד, דעם אויסגעדינטן גענעראל זאריטש. דער דאזיקער זאריטש איז געווען פון דער נאטור א מענטש מיט דעספאטישע נייגונגען, געלט־גיריג, א הולטיי, און דערצו אויך א גרויסער שונא־ישראל.

באלד ווי שקלאוו איז דורך א באזונדער באפעל פון דער קייזערין אנערקענט געווארן אלס זיין אייגנטום, האט ער די ערשטע זאך אפגענומען ביי די דארטיקע אידן אלע זייערע אמאליקע רעכט און אנגעהויבן צו דריקן זיי מיט גרויס אכזריות. ער האט אויף זיי ארויפגעלייגט אומגעהויערע שווערע שטייערן, האט אוועקגערויבט ביי זיי זייער האב און גוטס, האט זיי פארשפארט אין תפיסה און דארט זיי געשמיסן און מערדערליך געפייניגט. וויפל קרעפטן און מיטלען די שקלאווער אידישע פארשטייער האבן אנגעווענדעט דורכצוקומען מיט זאריטשן מיט גוטן, וויפל מ׳האט זיך באמיהט אים מפייס צו זיין מיט דאס און מיט יענץ, — קיין זאך האט נישט געהאלפן. אומזיסט זענען געווען אויך די שריפטליכע השתדלות׳ן וועגן דער פארבעסערונג פון זייער מצב, וואס די שקלאווער אידן האבן געשיקט קיין פעטערבורג. מ׳האט זיי אפילו נישט געענטפערט. זאריטש האט זיך דערפון דערוואוסט, און דאס האט אים נאך מער צורייצט, פון דעמאלט אן איז זיין באציאונג צו די שקלאווער אידן געווארן נאך פיל מער אומברחמנותדיקער. ס׳איז געקומען דערצו, אז פיל פון זיי זיינען דורך אים פארבליבן אן חיונה און האבן פארלוירן זייער לעצטן ביסן ברויט.

איינמאל — דאס איז געווען אין א זומערדיגן פרימארגן אין יאר תקמ״ד — האט פאר די שקלאווער אידן א שיין געטון א פונק פון האפענונג. זיי זענען דערגאנגען, אז גאר אינגיכן דארף אראפפארן קיין שקלאוו דער פירשט פאטיאמקין, וועלכער איז געווען די ״צווייטע האנט״

פון יעקאטערינען, איר גאנצער בעל יועץ, און דער גרעסטער "דעה זאגער" אין אלע מלוכה אנגעלעגנהייטן. זיי האבן דעריבער באשלאסן אויסצונוצן פאר זיך, אויף וועלכן ס'איז אופן די דאזיקע געלעגנהייט, ווי שווער דאס זאל זיי נישט אנקומען.

גענעראל זאריטש, וועלכער האט גראד מיט עטליכע טעג צוריק באקומען פון דער קייזערין דעם טיטול "גראף", האט געמאכט די גרעסטע הכנות צום קבלת פנים פון דעם פירשט פאטיאמקין. ער האט געלאזט באפוצן און דעקארירן די שטאט מיט פענער, ארויסשטעלן אין די פענסטער, אונטער גירליאנדן, פאטיאמקינס בילד אין זיין גאנצער גרויס און אין דער פירשטליכער אוניפארם. ער האט קאנפיסקירט ביי די אידישע קרעמער די שענסטע דיוואנען אויסצושפרייטן זיי אין די צימערן פון זיין שלאס, וועלכע ער האט באשטימט פאר דעם הויכן גאסט. ער האט געהייסן צוזאמענרופן קיין שקלאוו די גרעסטע שררות און פריצים פון דער גאנצער געגנט, כדי אנטייל צו נעמען אין דעם פאראד פון דער באגעגעניש. ער האט אויך געמאלדן דורך באזונדערע פלאקאטן אין די גאסן פון שטאט, אז ווער עס האט צום פירשט וועלכע עס איז בקשה, קען קומען און וועט אויסגעהערט ווערן. די אידן, האט ער, געוויינליך, אויסגעמיטן, און פון זיי האט ער צו דער פייערליכקייט קיינעם נישט איינגעלאדן.

מיט א אוונט פריער האבן זיך די שקלאווער אידישע כלל־טוער צוזאמענגעקליבן אין קהל שטוב, אין עק שול הויף, זיך מיישב צו זיין, ווי אזוי צוצוקומען צום פירשט פאטיאמקין און אים דערלאנגען א בקשה, אז ער זאל זען ווירקן אויף זאריטשן ער זאל רחמנות האבן אויף דער אידישער באפעלקערונג, ער זאל נישט רואינירן און חרוב מאכן איר עקזיסטענץ. וויסנדיק אבער גאנץ גוט, אז זאריטש וועט זיי אויף קיין פאל נישט וועלן צולאזן מיט א בקשה צום פירשט, איז ביי זיי געבליבן צו פארלייקענען פון אים דעם אמת און זיי האבן אוועקגעשיקט איינעם פון זיי אים צו זאגן דורך זיין אדיוטאנט, אז די אידישע פארשטייער בעטן אים אונטערטעניגסט, ער זאל זיי דערלויבן צו באטייליקן זיך מארגן צווישן די, וואס וועלן מקבל פנים זיין דעם פירשט פאטיאמקין.

אין א האלבע שעה ארום איז דער שליח צוריקגעקומען זייער אומעטיק און נידערגעשלאגן. ער האט דערציילט, אז ווי נאר דער גראף האט דערהערט פון זיין אדיוטאנט, וואס די אידן באגערן, איז ער געווארן העכסט אויפגעבראכט און האט אפגעגעבן א באפעל, מ׳זאל זיי מארגן נישט אריבערלאזן איבערן שוועל פון טויער, און אויב זיי וועלן זיך טראץ דעם וואגן צו קומען, זאל מען תיכף ומיד אראפלאזן פון די קייטן אלע הויף הינט און אנרייצן זיי אויף די ווידערשפעניגסטע זשידעס.

הערנדיק די דאזיקע טרויעריקע תשובה זיינען די קהל׳ס לייט צוטומלט געווארן. זיי האט באהערשט א שטארקער יאוש, און זיי האבן נישט געוואוסט וואס אנצוהויבן צו טון.

פלוצלונג איז אויפגעשטאנען דער ראש הקהל און האט זיך אפגערופן:

— רבותי! די מינוט איז מיר איינגעפאלן א שטיקל עצה, ס׳איז מעגליך, אז מיר זאלן נאך מיט ג־ט׳ס הילף עפעס אויפטון. רופט מיר אבער גלייך אהער נחומקען.

נחומקע איז געווען אין שקלאוו א ״שם דבר״, ס׳האבן אים געקענט ״קינד און קייט״. אזוי האט געהייסן דער שטאטישער בדחן, וועלכער האט משמח געווען דעם שקלאווער עולם נישט בלויז אויף חתונות, נאר אויך אויף סתם אידישע ״שמחות״. אויסער דעם איז ער באקאנט געווען פאר א גרויסן וויצלינג און ליצנות־טרייבער, וועלכער איז מסוגל אפצוטון וועמען מען באדארף די גרעסטע שפיצלעך, וועגן וועלכע עס זיינען ארומגעגאנגען אין שטאט גאנצע פעק מיט וואונדערליכע מעשיות. באזונדערס פאפולער איז ער געווען אין שקלאוו אונטערן נאמען: ״נחומקע לץ״.

די אנוועזנדע האבן אנגעקוקט דעם ראש הקהל שטארק פארוואונדערט. זיי האבן בשום אופן נישט געקענט פארשטיין, וואס פאר א שייכות דער בדחן קען האבן צו דער זאך. ווי כיטרע נחומקע זאל נישט זיין, וועט ער דען קענען ברעכן דאס שטיינערנע הארץ פון דעם אכזרישן גראף? וועט ער, אפשר, דורך זיינע ליצנות ווירקן אויף די הויף הינט, אז זיי זאלן נישט בייסן?

אין א קליינע ווײַלע ארום האט שוין דער שטאט שמש אראפּגעבראכט אין קהל שטיבל נחומקע דעם בדחן.

— הער נאר, נחום! — האט צו אים א זאג געטון דער ראש הקהל — דא האסטו א אנקלאגע אויף אונזער צורר, וועלכע מ׳דארף איבערגעבן דעם פירשט פּאטיאמקין. ס׳איז אבער נישטא קיינער, וואס זאל זיך דאס וואגן צו טון. דער אכזר האט באפוילן זיינע משרתים נישט צוצולאזן קיין אידן צו דער פּייערליכקייט, און טאמער וועט זיך באווייזן א איד, זאל מען אויף אים תיכף אנרייצן די הויף הינט. דיר, נחום, קענען מיר פאר זייער כיטרע און געשיקט, קלער עפּעס אויס א וועלכע ס׳איז המצאה ווי איבערצוגעבן דעם פירשט אונזער בקשה. איך וויל נישט וויסן ווי אזוי דו וועסט עס מאכן און וואס דו וועסט טון. דאס איז שוין דיין זאך. איך באפעל דיר נאר, אין נאמען פון דעם גאנצן שקלאווער קהל איבערצוגעבן דעם פירשט אונזער בקשה.

נחום איז געבליבן שטיין אויף זיין ארט ווי א צומישטער. ערשט אין א פאר מינוטן ארום האט ער געענטפערט:

— א צו שווערע משא לייגט איר ארויף אויף מיינע שוואכע פּלייצעס, אבער פארפאלן. איך בין א איד, און זאג מיך נישט אפּ. אפשר וועט מיר דער אויבערשטער ארײַנגעבן אין מח א שטיקל געדאנק ווי אויסצופירן מיין שליחות, און דורך מיר וועלן געהאלפן ווערן הונדערטער עלנטע אידישע פאמיליעס. איך בין דאך אבער אליין אויך א איד א אביון, און דעריבער בעט איך אייך, אז טאמער בין איך נישט מצליח און פאל אריין, זאלט איר געדענקען, אז איך לאז איבער א ווייב מיט פיצלאך קינדער, וועלכע וועלן אן מיר אויסגיין פון הונגער, בכן זאלט איר אויף זיי רחמנות האבן. און נאך עפּעס...

נחומקע האט זיך מיטאמאל אפּגעהאקט. אים איז, קענטיג, שווער געווען ארויסצורעדן דאס וואס ער וויל זאגן.

— שעם דיך נישט, נחום! — האט זיך אפּגערופן דער ראש הקהל — און זאג וואס ביי דיר איז אויפן צונג. דו ביסט אונזער שליח צבור, און מיר מוזן דיר אויסהערן.

— ווי איר זעט, רבותי, — האט זיך נחומקע געמאכט מוט — געפין איך זיך איצטער אין דעם זעלבן מצב, וואס אמאל אסתר המלכה. איך גיי אויך אין א געפערליכער שליחות פארן כלל ישראל. ווער ווייסט, צו מיר וועט באשערט זיין צו קומען א לעבעדיקער צוריק. דערצו דארף מען האבן גרויס רחמים. בכן האלט איך, אז דערווייל וואס ווען, דארפט איר פאר מיר בעטן ביי ג־ט, פונקט אזוי ווי אידן האבן געטון אין אסתר׳ס צייטן.

— ריכטיק! — האבן זיך געלאזט הערן שטימען פון עולם.

ס׳האט זיך געפונען איינער, וואס האט פארגעלייגט, אז מ׳זאל מארגן גוזר תענית זיין, לייענען אין די שולן "ויחל" און זאגן סליחות.

דער פארשלאג איז דורך אלעמענס צושטימונג אנגענומען געווארן.

נאך אין דער זעלבער נאכט איז געקומען פאטיאמקין קיין שקלאוו. אויף מארגן, זייגער ניין אינדערפרי, איז שוין דער גאנצער פלאץ ארום זאריטשעס שלאס געווען באלאגערט פון מאסן יומטובדיק געקליידעטע מענטשן. פון ביידע זייטן זיינען געווען אויסגעשטעלט שפאליערן פון סאלדאטן פון די ארומיקע גארניזאנען, באוואפנטע פון קאפ ביז די פיס, מיט זייערע עלטסטע בראש. דער שקלאווער פאליציי־מייסטער אין שפיץ פון א גרויסער קאמאנדע פאליציאנטן און זשאנדארמען האט אפגעהיט די ארדנונג, ער איז אליין ארומגעגאנגען צווישן עולם און געבעטן, מ׳זאל שטיין רואיק אויף די ערטער און נישט שטויסן זיך. באלד זענען אנגעפארן רייך פארפוצטע קארעטעס און עקיפאזשן, פון וועלכע עס זיינען ארויס צום ערשט דער מאהילעווער גובערנאטאר מיט זיין סוויטע, די מארשאלקעס פון אלע נאנטע פאוויאטן, אלע אנגעטון אין זייערע מיט גאלד פארצירטע מונדירן. אין וועסטיבל איז געווען באשטימט א באזונדער ארט פאר די, וואס האבן געהאט צו דערלאנגען פאטיאמקינען פארשידענע בקשות.

צווישן די לעצטע האט זיך געפונען אויך א פויער אין א גראבער מיט אלטע, שוין האלב צעריסענע שיך אויף די פיס, אויף די פלייצעס האט ער געטראגן א זעקל, אין וועלכן עס זיינען געלעגן א פאר שפאגל נייע שיך. דער דאזיקער פויער איז אויך געקומען איבערגעבן דעם פירשט א בקשה. ער

האט אבער נישט געהאט די העזה אוועקצושטעלן זיך לעבן אלע איבעריגע, וואס זיינען געקומען מיט בקשות, און האט זיך פאררוקט אין א באזונדער ווינקל ביים אויוון. דארטן האט ער אראפגעצויגן פון די פיס די אלטע, פארבלאטיקטע שיך און האט אנגעטון די נייע שיך וואס ער האט מיט זיך געבראכט. דערנאך איז ער זיך אזוי געבליבן זיצן אין ווינקל מיט א נאריש־תמעוואטער מינע, מעשה פויער.

פונקט זייגער צוועלף איז ארויס צום עולם פון די אינעווייניקסטע אפארטאמענטן דער פירשט פאטיאמקין, געשטיצט אויפן ארעם פונם גראף זאריטש. דער פירשט איז געווען אנגעטון אין זיין גענעראלישן מיט פינקלדיקן גאלד ארומגענייטן אוניפארם, פון זיין הארץ זיינען אראפגעהאנגען פיל טייערע בריליאנטן, איינגעפאסטע אורדנס — אויסצייכנונגס מתנות פון דער רוסישער קייזערין און אויך פון אייראפישע קיסרים.

באלד האט זיך אנגעהויבן דער פאראד, וועלכער איז אריבער זייער גראנדיעז. נאכדעם, ווי עס האבן זיך פארענדיקט די באגריסונגען מצד די פארשידענע דעפוטאציעס און איינצעלנע הויכגעשטעלטע פערזאנען, האבן זיך גענומען פארשטעלן פאטיאמקינען איינציקווייז די מענטשן, וועלכע האבן אים געהאט איבערצוגעבן שריפטליכע בקשות. דער פירשט האט יעדערן פון זיי גאנץ אויפמערקזאם אויסגעהערט, פארנאטירט ביי זיך אין א ביכעלע זייערע טענות און וואונטשן. אנדערע בקשות האט ער דערפילט גלייך אויפן ארט, און וועגן אנדערע האט ער מבטיח געווען צו געבן אין קורצן א תשובה פון פעטערבורג.

דער עולם איז זיך ביסלאכווייז צוגאנגען. ס׳איז פארבליבן מער נישט ווי דער פויער.

— וואס פארלאנגסטו? — האט אים געפרעגט פאטיאמקין.

— איך האב געבראכט דעם פירשט א בקשה, — האט געענטפערט דער פויער.

— גיב אהער!

דער פויער האט ארויסגענומען פון אונטערן בוזים א פארחתמעטן קאנווערט און האט אים דערלאנגט דעם פירשט.

פאטיאמקין האט געעפנט דעם קאנווערט און איז געבליבן גאנץ ערשטוינט.

— ס׳איז דאך גאר א שטיק גלאטע פאפיר, אן קיין איין איינציקווארט! — האט דער פירשט פארוואונדערט ויסגערופן.

דער פויער האט באטראכט דאס ליידיקע פאפיר און האט זיך פונאנדערגעשריגן ווי נישט אויף זיין קול:

— אוי וויי איז מיר! איך זעה באשיינפערליך, אז ווען דער לויכטיקער פירשט האט געעפנט דעם בריוו, האבן זיך די אותיות צושאטן אויף דער ערד, לאז דער פירשט ווארטן א אויגנבליק, אט די מינוט קלייב איך אויף די אותיות צוריק פון דער ערד.

ביי די ווערטער האט זיך דער פויער אוועקגעשטעלט אויף די קני און האט גענומען קלויבן מיט די הענט דעם שטויב פון דער פאדלאגע. עטליכע מינוט נאכאנאנד האט ער אזוי געריבן די פאדלאגע, און האט גארנישט געמאכט. דערזעהענדיק, אז זיין טרחה איז גאנץ אומזיסט, האט ער זיך פונאנדער־געוויינט ווי א קליין קינד: אוי, ווי אומגליקליך איך בין! איך פארשטיי אז די אותיות זיינען דורך די שפאלטן פון דער פאדלאגע אריין טיף אין דער ערד. און וואס מאך איך איצטער? איך בין פארלוירן.

דער פירשט האט ארויסגעגלאצט אויפן פויער א פאר אויגן. דער פויער האט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און געבליבן שטיין שטום ווי די וואנט. פון גרויס אויפרעגונג האט אים ווי אפגענומען דאס לשון.

— קום מיט מיר! — האט א זאג געטון פאטיאמקין צום פויער, נאך א קליינע פויזע.

פאטיאמקין האט איבערגעלאזן זאריטשן אליין און האט אריינגעפירט דעם פויער צו זיך אין קאבינעט.

— איך זעה — האט זיך פאטיאמקין אפגערופן צום פויער, — אז דו האסט א סוד און ווילסט, אז קיינער זאל דערפון נישט וויסן. ריכטיג ?

— לאנג לעבן זאל דער דורכלויכטיקער פירשט ! ס׳איז טאקע אזוי.

— זאג, וואס האט דיר אהער געבראכט ?

— איך וועל זאגן דעם דורכלויכטיקן פירשט דעם ריינעם אמת. איך בין א איד. אט האט איר א צייכן — דערביי האט ער אים באוויזן זיין טלית קטן, — איך בין געשיקט געווארן צו אייך פונם אידישן קהל. שוין א לאנגע צייט אז מיר, שקלאווער אידן, שטייען אויס פון גראף זאריטש די געברענטסטע ליידן, פון גרויס ווייטאג שרייען מיר, אבער אונזער געשריי ווערט נישט געהערט. איצט האבן מיר געוואלט אויסגיסן אונזער ביטער הארץ פאר דיר, דורכלויכטיקער פירשט, אבער גראף זאריטש האט פאר אונז פארצוימט די וועג צו דיר. דאס האט געצוואונגען צו קומען צו דיר נישט מיטן גלייכן וועג. דו, דורכלויכטיקער פירשט, ביסט קלוג ווי א מלאך פון ג־ט און ביסט גלייך געפאלן אויף אונזער המצאה. אט האב איך דיר דא געבראכט אונזער בקשה, האב רחמנות אויף די אומשולדיקע געדריקטע אידן און זיי מוחל אויך מיר, נחומקע דיין קנעכט, וואס האט זיך געוואגט אויף אזא פאלשן טריט.

און נחומקע האט דערלאנגט פאטיאמקינען א גאנצע מגילה, אין וועלכער דער שקלאווער קהל האט פארגעלייגט אויספירליך אלע טענות, וועלכע אידן האבן צום גראף זאריטש פאר די גרויסע עוולות און אומגערעכטיקייטן, וואס ער טוט מיט זיי.

פאטיאמקין האט צוגענומען ביי נחומקען דאס העפט, האט דערביי הארציק געלאכט און געזאגט:

— דו האסט קלוג געטון, דו געפעלסט מיר זייער, און איך וועל אייער

בקשה דערפילן. הער זיך אבער איין: איך וועל ממלא זיין דעם פארלאנג פון די אידן נאר מיט א תנאי.

— זאל רעדן דער דורכלויכטיקער פירשט, וואס עס ווענדט זיך נאר אין אונז, אידן, וועט תיכף, מיט ג־ט׳ס הילף, דערפילט ווערן.

— דאס ווענדט זיך בלויז אין דיר, — האט אים דער פירשט געענטפערט לאכנדיק — ווילסטו אז איך זאל טון דאס, וואס די אידן בעטן מיר, מוזט דו מיר פריהער אפנארן נאך א צווייטן מאל... ביז יענער צייט זאלסטו האלטן מויל און שווייגן, און קיינער זאל פון דיר נישט דערגיין דאס, וואס דו האסט דא געטון.

— מיט ג־ט׳ס הילף, מיט ג־ט׳ס הילף! — האט נחומקע געזאגט, ער האט זיך פארבויגט ביז צו דער ערד און איז אוועקגעגאנגען.

דעם זעלבן טאג פארנאכט איז פאטיאמקין ארויס מיט איינעם פון זיינע אדיוטאנטן שפאצירן הינטערן שטאט, צום דניעפר. ווען זיי זיינען זיך אזוי געגאנגען און געשמועסט, איז זיי פלוצלונג אנגעקומען אנטקעגן א זעלנער, וועלכער איז נאר וואס ארויס פון א שיינקל א טויט שכורער, און האט זיך קוים געהאלטן אויף די פיס.

פירשט פאטיאמקין איז געווען באקאנט אלס זייער א שטריינגער גענעראל, וועלכער האט שטענדיג די זעלנער אומברחמנותדיק באשטראפט פאר דעם קלענסטן פארברעכן קעגן דער מיליטערישער דיסציפלין, און באזונדערס פאר שכרות.

— דו ביסט אנגעטרונקען! — האט פאטיאמקין העכסט אויפגעבראכט א געשריי געטון אויפן זעלנער — גיי נאך מיר!

ווי שכור דער זעלנער איז געווען, האט ער זיך פונדעסטוועגן זייער דערשראקן פאר דעם גרויסן גענעראל. ער האט זיך תיכף אפגעשטעלט און אפגעגעבן דעם פירשט דעם געהעריקן מיליטערישן כבוד. ער האט אנגעווענדעט אלע קרעפטן נישט אומצופאלן און האט זיך געמאטערט

נאכצוגיין טריט ביי טריט נאך פאטיאמקינען, וועלכער האט פארגעזעצט דעם שפאציר, שמועסנדיג מיט זיין אדיוטאנט.

הארט ביים דניעפר האט זיך פאטיאמקין מיט אמאל א קער געטון הינטער זיך און האט דערזען, אז דער זעלנער, וועלכן ער האט באפוילן נאכצוגיין נאך אים, איז פארשוואונדן געווארן.

דא איז זיי אנגעקומען פון דער זייט נחומקע לץ, וועלכער האט זיך פארן פירשט טיף פארנייגט.

— איד ! — האט אים פאטיאמקין געפרעגט — אפשר האסטו דא געזען דעם שכורן זעלנער וואס איז ערשט נאר וואס נאכגעגאנגען ?

— יא, דורכלויכטיקער פירשט, איך האב אים געזען.

— וואו איז ער ?

— דאס בין איך אליין ! איך, נחומקע דער שקלאווער בדחן.

דער פירשט איז געבליבן שטיין פארוואונדערט. אים האט גאר בשום אופן נישט געקענט איינפאלן, אז דאס האט זיך נחומקע לץ פארשטעלט פאר דעם שכורן זעלנער, און ווען ער האט אים באפוילן נאכצוגיין נאך אים, און האט זיך אפגעקערט צו זיין אדיוטאנט, האט ער, נחומקע, געכאפט און גיך אראפגעווארפן פון זיך איינציקווייז די מיליטערישע בגדים, און א פאר ״חברה־לייט״ מיט וועלכע ער האט שוין פון פריער געהאט אפגערעדט, אז זיי זאלן דארט ליגן ערגעץ וואו באהאלטן, זיינען שנעל ארויסגעשפרונגען פון זייערע לעכער און צוזאמענגעקליבן די בגדים פון דער ערד און זיינען פארשוואונדן געווארן.

— אט האב איך היינט געהאט דעם גרויסן כבוד, — האט זיך נחומקע אפגערופן, — אפצונארן אייך, דורכלויכטיקער פירשט, א צווייטן מאל. איך, נחומקע, אייער קנעכט, האב מיין ווארט געהאלטן, און איך האף אז אויך איר וועט ממלא זיין אייער הבטחה.

— "מאלאדיעץ"! — האט געזאגט פאטיאמקין, און האט א לייכטן קלאפ געטון נחומקען אין פלייצע, — מארגן אינדערפריה וועל איך צו מיר איינלאדענען די פארשטייער פון אייער קהל און וועל מיט זיי ארומרעדן דעם ענין. מסתמא וועט גוט זיין. און דו, קלוגער איד, נעם, דא האסטו ביי מיר דערווייל א באלוינונג פאר דיין טרחה.

דערביי האט פאטיאמקין דערלאנגט נחומקען דריי גאלדענע רענדלעך.

אויף מארגן האט זיך פאר פאטיאמקינען אין זאריטשעס שלאס פארגעשטעלט א דעפוטאציע פון שקלאווער ראש הקהל, אין שפיץ מיט דעם שפעטער אזוי בארימט געווארענעם גאון און מעצענאט ר' יהושע צייטלין, צו וועלכן מיר וועלן זיך נאך צוריקקערן אין איינעם פון די ווייטערדיקע קאפיטלאך.

די דעפוטאציע האט דערלאנגט פאטיאמקינען א אויספירליכן מעמאראנדום וועגן זייער מצב. פאטיאמקין האט מיט די דעפוטאטן פארפירט א לאנגן געשפרעך וועגן פארשידענע ענינים, און האט זיי פארשפראכן צו באטראכטן דעם מעמאראנדום באלד, ווי ער וועט זיך צוריקקערן קיין פעטערבורג.

אין פינף וואכן ארום, איז גראף זאריטש דורך א ספעציעלער דעפעשע ארויסגערופן געווארן קיין פעטערבורג. מיט קלאפנדיגע הערצער האבן שקלאווער אידן אפגעווארט די רעזולטאטן פון זאריטשעס רייזע. עס זענען געווען צווישן זיי אזעלכע פעסימיסטן, וועלכע האבן זיך געשראקן, אז ער וועט קומען פון דער הויפט שטאט נאך מער דערצארנט און פארביסן, און די אידישע לאגע וועט נאך ווערן פיל ערגער ווי געווען.

צום גליק, איז אבער אזוי נישט געווען. אין די פעטערבורגער מלוכה ספערן האט מען זאריטשן פארגעווארפן פאר זיין שלעכטער באציאונג צו אידן, און צוריקקערנדיק זיך פון פעטערבורג האט ער באלד אומגעביטן זיין טאקטיק, און דער אידישער מצב אין שקלאוו איז פון יענער צייט אן פיל בעסער געווארן.

## דריטער קאפיטל:
## ר׳ יהושע צייטלין

געווארן הויפט ליפעראנט פון רוסישן פראנט — דער אויסטיער שלאס — די דעלעגאציע צום נייעם קעניג — א בלבול אויפן געלד זאמלען — דער איידעם אברהם פערעץ — דער פריינד געוואכאוויץ — די הילף פון דעם קאמער דינער קוטייסאוו — גוטע בשורות פאר אידן — באשטעטיגט צו אויספארשן גראף זאריטשעס מעשה תעתועים — דערזשאווין פרובט צו פארפיהרן — דער ערשטער עלילת דם אין רוסלאנד — אראפגענומען די באשולדיגונג



א געסל אין אידישן קוואַרטל

# ר׳ יהושע צייטלין

## א.

צווישן די דעפוטאטן פונם שקלאווער אידישן קהל, וואס האבן זיך פארגעשטעלט פאר פאטיאמקינען אין יאר תקמ״ו (זעה דעם פריהערדיגן קאפיטל) האט זיך געפונען איינער, מיט וועלכן דער פירשט האט זיך דעמאלט באזונדער פאראינטערעסירט. דאס איז געווען דער, וועלכער איז שפעטער געווארן געקרוינט ביי אידן מיטן נאמען ״השר הגדול״ און האט געשפילט זייער א באדייטנדע ראלע אין דעם לעבן פון דעם ווייס-רוסישן אידנטום — דער גאון ר׳ יהושע צייטלין.

ר׳ יהושע צייטלין, געבוירן אין יאהר תק״ב אין שקלאוו, האט אין דער יוגנט געלערנט אין דער מינסקער ישיבה פון דעם בארימטן גאון, דער מחבר פון ״שאגת אריה״ און האט זיך גערעכנט פאר איינעם פון זיינע תלמידים מובהקים. אנקומענדיק פאר א איידעם אין א סוחריש הויז, האט ער אליין נאך דער חתונה זיך אויך גענומען צו מסחר, אין וועלכן ער האט געהאט גרויס דערפאלג. זיינע געשעפטן האבן אים גאנץ אפט געבראכט קיין בערלין, וואו ער פלעגט יעדעס מאל פארברייגען א צוויי, דריי חדשים.

פרום אויפן העכסטן גראד, זיצנדיק וואו נאר א פרייע מינוט איבער דער גמרא און פוסקים, קארעספאנדירנדיק מיט די גרעסטע וועלט גאונים, און צווישן זיי אויך מיט דעם ווילנער גאון, וועגן חדושי תורה, האט ער אין דער זעלבער צייט געקענט אויך אייראפישע שפראכן און וויסנשאפטן.

אין שקלאווער אידישן געזעלשאפטליכן לעבן האט ר׳ יהושע צייטלין פארנומען א באזונדער ארט. אפזאגנדיק זיך פון גרויס עניוות צו זיין דער ראש הקהל, האט ער דאך געהאט די גרעסטע דעה אין אלע קהל׳שע ענינים, און אן אים איז נישט געטון געווארן דאס מינדעסטע.

אין דער דעפוטאציע, וועלכע איז דורך דעם איינפאל פון נחומקע לץ צוגעקומען צו פאטיאמקינען, איז ר׳ יהושע צייטלין געווען דער ראש המדברים, און איז באלד די ערשטע מינוט דעם פירשט אויפפאלנד געווארן דורך זיין קלארער רוסישער אויסשפראך, דורך זיינע אייראפישע מאניערן, דורך דער לאגישער זאכליכקייט פון זיין רעדן און דורך זיין גרויסער פארצווייגטער באקאנטשאפט אין קאמוניקאציע און פינאנציעלע ענינים.

די געשפרעכן, וועלכע פאטיאמקין האט נאכדעם געהאט מיט צייטלינען ביחידות אין די פאר טעג, וואס ער האט פארבראכט אין שקלאוו, האבן אים איבערצייגט, אז די רוסישע מלוכה קען פון אזא מאן האבן פיל נוצן. פון דעמאלט אן האט פאטיאמקין אנגעקניפט מיט צייטלינען בריפליכע באציאונגען און האט אים אראפגעבראכט קיין פעטערבורג, און דארט האט ער אים באשטימט אלס הויפט פראוויאנט־צושטעלער פון דער רוסישער ארמיי. ר׳ יהושע צייטלין האט זיך אויף דעם דאזיקן געביט זייער אויסגעצייכנט, און איז אזוי ארום געווארן א געוויסער מקורב צו פאטיאמקינען. דורך זיין השתדלות האט די רעגירונג אפגעגעבן צייטלינען אין פאדריאד צו בויען שאסייען און פארשידענע מלוכה בנינים אין דרום קאנט, וועלכער איז דאן נאר וואס איבערגעגאנגען צו רוסלאנד. אין יאר תקמ״ז, בשעת ס׳האט אויסגעבראכן דער רוסיש־טערקישער קריג, איז צייטלין געווען דער הויפט ליפעראנט פארן גאנצן רוסישן פראנט. ווען ס׳האט זיך פארענדיקט די מלחמה, האט די קייזערין, יעקאטערינע די צווייטע, לויט פאטיאמקינס פארשלאג, באשאנקען צייטלינען ״פאר זיינע גרויסע פארדינסטן לטובת דער מדינה״ מיט גרויסע מתנות און צוגלייך אויך מיט דעם טיטול ״הויף ראט״. ער האט אויך באקומען פון דער קייזערין א שיינעם אוניפארם, באזוימט מיט גאלד און מיט בלישטשנדיגע קנעפ, און דערצו א שווערד. דעם דאזיקן אוניפארם פלעגט צייטלין אנטון בשעת ער האט באגלייט פאטיאמקינען אויף זיינע נסיעות אין דרום רוסלאנד. ער פלעגט דאן רייטן אויף א פערד לעבן פאטיאמקינען, און בעת פאטיאמקין פלעגט זיך אפשטעלן פארנדיק, אנצונעמען בקשות פון באאמטע און פון פאלק, פלעגט ר׳ יהושע צייטלין אננעמען ״שאלות״ פון די גרעסטע רבנים און וואויללערנער, וועגן ״איסור והיתר״, אדער, וועגן

״תקנות עגונות״. דאן פלעגט ער אראפ פון פערד און אויף די קני אנשרייבן די נויטיקע ״תשובות״ און פארן ווייטער.

פאטיאמקין ווידער פון זיין זייט, האט דאן אוועקגעשאנקען צייטלינען א גרויסן גוט אין מאהילעווער גובערניע, אוסטיע האט עס געהייסן, מיט 910 פויערים פאמיליעס אלס לייב אייגענע. אין יאר תקנ״א איז פאטיאמקין געשטארבן. דאן האט זיך צייטלין צוריקגעצויגן פון אלע זיינע געשעפטן, האט פארלאזט שקלאוו און זיך באזעצט אין זיין גוט.

## ב.

אין אוסטיע האט ר׳ יהושע צייטלין אויסגעבויט פאר זיך א פרעכטיקן שלאס מיט א גרויסן און שיינעם בית המדרש און מיט א ביבליאטעק פון אלטע און נייע ספרים, אידישע און וועלטליכע, אין אלערליי שפראכן, און א סך זעלטענע כתב־יד׳ן.

מיט דער צייט איז צייטלינס שלאס געווארן דער צענטער פון דער אידישער גייסטיקער און פינאנציעלער אריסטאקראטיע אין ווייס רוסלאנד און ליטע. שטענדיג האט דארט געררושט און געקאכט פון אורחים, די אריין, די ארויס. שטענדיג האט מען דארט געקענט זען רבנים און גאונים, שריפטשטעלער און געלערנטע, וועלכע פלעגן זיך אהין צוזאמענקומען צוליב פארשידענע צוועקן. רבנים פלעגן דארטן שרייבן זייערע חבורים. אזוי, למשל, האט דארט דער אין יענער צייט בארימטער גאון ר׳ נחום טשאוסער פארענדיקט זיין פירוש אויף תוספתא אונטערן נאמען ״תוספות בכורים״.

א געוויסע צייט האט פארבראכט אין צייטלינס שלאס ר׳ ברוך שקלאווער, וועלכער האט דארט איבערגעזעצט דעם ספר ״אקלידוס״ אין לשון הקודש, א שטענדיגער תושב ביי צייטלינען איז געווען אויך דער דאקטאר ר׳ בנימין ריבעלעס, וועלכער האט איינגעארדנט אין הויף א כעמישע לאבאראטאריום מיט א באטאנישן מוזעאום פאר וויסנשאפטליכע

עקספערימענטן. פיל באוואוסטע פערזענליכקייטן פלעגן אראפפארן לכתחלה פון דער פראווינץ קיין אוסטיע און אפזיצן ביי צייטלינען און ארום זיין טיש גאנצע וואכן און חדשים נאר כדי צו האבן די געלעגנהייט צו שמועסן מיט אים אין דברי תורה אדער אין וועלטליכע זאכן.

גאנץ אפט זיינען זיך קיין אוסטיע צונויפגעפארן געזעלשאפטליכע טוער פון ליטע און ווייס רוסלאנד, כדי אפצוהאלטן מיט צייטלינען באראטונגען וועגן כלל ענינים. אין צייטלינס שלאס זיינען זיך צוזאמענגעלאפן די פעדים, וואס האבן פאראייניגט צווישן זיך אלע קהלות. פון דארט האבן די קהלות באקומען די נויטיקע אנווייזונגען און דירעקטיוון בנוגע דער איינארדנונג פון זייער אינערליכן לעבן אויף די פארשידענע געביטן. איז ארויס א גזרה אויף א וועלכער ס׳איז קהלה, אדער א בלבול, איז עס תיכף אנגעזאגט געווארן דורך א שליח מיוחד צו צייטלינען אין שלאס, און דארט האט מען זיך באלד באראטן וועגן די מיטלען, וואס דארפן קעגן דעם אנגענומען ווערן, און שוין אויפן ארט אויך באשטימט די פאסיקע פערזאנען, וועלכע האבן געדארפט אויספיהרן די אנגענומענע באשלוסן און זיי פארווירקליכן, דורך זיינע פארבינדונגען מיט די גרעסטע פעטערבורגער שררות, האט ר׳ יהושע צייטלין תמיד געוואוסט, וועלכע ווינטן עס בלאזן אין די ״ספערן״ בנוגע דער אידן פראגע, און דאס האט אים געגעבן די מעגליכקייט צו שטיין אויף דער וואך פון די אידישע אינטערעסן.

גאנץ אפט האט ער זיך באצייטנס דערוואוסט וועגן באדריקונגען און גזרות, וואס די העכערע מאכט האט בדעה אנצווווענדן קעגן אידן, און דאן פלעגט ער אליין פארן קיין פעטערבורג, אדער שיקן אהין מיט פולמאכטן איינעם פון זיינע פארטרויטע, און עס פלעגן שוין געפונען ווערן די נויטיקע וועגן, דורך וועלכע די זאך אפצוהאלטן.

נאכדעם וואס מיר האבן דא קורץ איבערגעבליקט אויף דער ווירקונג פון דער אוסטיער הויף, איז שוין גאר קיין וואונדער נישט, ווען די אויגן פון דעם רוסישן אידנטום זיינען תמיד געווען געווענדעט קיין אוסטיע און צו איר באזיצער ר׳ יהושע צייטלין.

# ג.

אין יאר תקנ״ו איז געשטארבן יעקאטערינע די צווייטע, און אויפן רוסישן טראן איז ארויף פאוול דער ערשטער. דורך זיינע פעטערבורגער פריינט האט ר׳ יהושע צייטלין שוין לאנג געוואוסט, אז פאוול גייט זיך פונאנדער מיט דער מוטער אין זיינע מיינונגען וועגן אידן, און אז ער באציט זיך צו זיי פיל בעסער און גערעכטער. אויף דעם סמך איז מען אין צייטלינס קרייזן געווען בטוח, אז ווי פאוול וועט נאר ווערן קייזער, וועלן באלד אין מצב פון די רוסישע אידן פארקומען אייניקע פארבעסערונגען און עס וועלן פאר זיי אנשטיין פיל ליכטיקערע טעג.

נאך יעקאטערינעס טויט, בשעת ס׳האט געהאלטן ביי פאוולס קרוינונג, האבן די אידישע געזעלשאפטליכע עסקנים, לויט צייטלינס איניציאטיוו, אנגעהויבן אויסצוריכטן קיין פעטערבורג א אידישע דעפוטאציע צו באגריסן דעם נייעם רוסישן קייזער, און אונטערטראגן אים א געשאנק. באלד האט מען אויף דעם צוועק גענומען קלויבן אין די אידישע שטעט און שטעטלאך די נויטיקע געלט סומע. אבער פלוצלונג גאר אומגעריכטערהייט איז פארעפנטליך געווארן א קייזערליכער באפעל צו אלע פרעמדע פעלקער, וואס וואוינען אין רוסלאנד, אז קיינער פון זיי זאל נישט וואגן שיקן קיין פעטערבורג וועלכע עס איז באגריסונגס דעפוטאציע צו דער פייערליכער קרוינונג.

כמעט אלע פרעמדע פעלקער, ווי די פאליאקן, טאטערן און אנדערע, האבן דעם דאזיקן קייזערליכן באפעל לייכט אראפגעשלונגען. אויף די אידישע פארשטייער האט עס אבער געמאכט א ערשיטערנדן איינדרוק, ווייל זיי האבן אויף דער דעפוטאציע געלייגט גרויסע האפנונגען, און אויך ווייל מ׳האט זיך געלאזט קאסטן אומזיסט א קאלאסאלע געלט סומע אויף דער מתנה, וואס מ׳האט באשטעלט אין אויסלאנד. טאמער איז דאס נאך ווייניק, האבן אנגעהויבן טאג טעגליך אנצוקומען צו צייטלינען ידיעות פון פארשידענע שטעט, אז די ארטיקע מאכט האט ארעסטירט פיל חשובע אידן פאר באטייליקן זיך אין א אומדערלויבטער געלט זאמלונג, און אז אויף

אנדערע פון זיי זיינען געמאכט געווארן בלבולים, אז זיי האבן געקליבן נדבות אויף פארבארגענע צוועקן.

אזא בלבול איז דעמאלט געמאכט געווארן אויך אויף די שקלאווער אידן מצד די דארטיקע מאכט, וועלכע האט זיך געפונען אינגאנצן אונטער גראף זאריטשעס השפעה.

די לעצטע עטליכע יאר, זינט פאטיאמקין האט באזוכט שקלאוו, האט זאריטש אפילו אומגעביטן צו גוטן זיינע באציאונגען צו די אידן, ער האט זיי שוין מער נישט גערדיקט, און האט זאגאר אפט ארויסגעוויזן זיי גרויס התקרבות, האט איבערגעגעבן אידן צו פירן זיינע געשעפטן, האט זיי געגעבן זיינע גיטער אין ארענדע א.אז.וו. דאך האט ער זיי נישט געקענט פארגעסן און מוחל זיין זייער באקלאגן זיך אויף אים פאר פאטיאמקינען און די פארוואורפן, וואס ער האט צוליב זיי געהאט פון פעטערבורג. אין געוויסע מינוטן, באזונדערס ווען ער פלעגט זיך אנשכורן, וואס דאס האט ביי אים פאסירט נישט זעלטן, פלעגט זיך ביי אים ארויסרייסן פון מויל, אז ער וועט זיך נאך אמאל נוקם זיין אין די אידן.

די שקלאווער אידישע עסקנים האבן ביי זיך גאנץ גוט געוואוסט, אז זאריטש איז זיי פארבליבן דער זעלבער דם שונא וואס איז ביז איצט געווען, און אז ביי דער ערשטער, בעסטער געלעגנהייט וועט ער זיי געבן ״שמעקן פעפער״. און איצט ווען זיי זיינען אנגעקלאגט געווארן פון דער מאכט, אז זיי האבן געזאמלט געלט אויף פארדעכטיקע צוועקן, האבן זיי באלד פארשטאנען, אז עס שטעקט אין דעם זאריטשעס האנט.

## ד.

די דאזיקע געשעענישן האבן ארויסגערופן אין צייטלינס שלאס א גרויסע צורודערונג. אין אנהויב האט מען זיך געפרובט טרייסטן דערמיט, וואס פאוול האט זיך אפגעזאגט אנצונעמען אפילו א דעפוטאציע פון זיין אייגענעם סענאט. מ׳האט זיך אבער שטארק באאומרוהיגט וועגן די

ארעסטן פון די אומשולדיגע אידן, און נאך מער וועגן דעם בלבול, אז דאס געלט איז געקליבן געווארן אויף "פארשידענע צוועקן". גראד האבן אין יענער צייט געוויסע דייטשע בלעטער ארויסגעלאזט קלאנגען אז די רוסישע אידן "קלויבן זיך עפעס אפצוטון". מ'האט זיך נישט אזוי געשראקן פאר דער בלבול פון דער נידעריקער שקלאווער אדמיניסטראציע, צו וועלכער מ'וואלט זיך נאך אפשר געקענט לייכט א עצה געבן, ווי פאר די ידיעות וואס האבן זיך דערהאלטן פון א פיל וייטערער געגנד, — פון דעם דרום מערב קאנט. פון דארט איז מען דערגאנגען, אז דער גענעראל גובערנאטאר פון וואלינער, פאדאליער און קיעווער גובערניעס, גראף גוראוויטש, האט געמאלדן דעם אויבער פראקוראר אין פעטערבורג, אז צווישן די אידן פון זיין ראיאן ווערט פארשפרייט א געדרוקטער העברעאישער אויפרוף, אונטערגעשריבן פון די גרעסטע גאונים און רבנים, וועלכע זענען גוזר אויף יעדן איינציקן איד ארייַנצוטראגן אין קהל שטיבל א זילבערנעם גילדן, וואס עס דארף פארווענדעט ווערן אויף א געוויסן צוועק. דערביי האט גוראוויטש געבעטן דעם פראקוראר, ער זאל אנפרעגן ביים קייזער, וואס ער באפעלט צו טון מיט דער קאנפיסקירטער סומע.

נאכדעם ווי ר' יהושע צייטלין מיט זיינע מקורבים האבן גוט באטראכט דעם ענין, האבן זיי באשלאסן צו שיקן א שליח מיוחד קיין פעטערבורג מיט געוויסע פולמאכטן און אינסטרוקציעס, מיט וועמען זיך צו זען און ווי צו האנדלען אין דער זאך.

אין פעטערבורג האט דעמאלט געוואוינט א געוויסער אברהם פערעץ. געבוירן ביי א טאטן א רב, אין דעם גאליציאנער שטעטל לעווערטאוו, האט זיך פערעץ אין דער יוגנט דערצויגן אין פארשידענע ישיבות, וואו ער האט געשמט פאר א עילוי. שפעטער איז ער אוועק קיין בערלין צו זיין קרוב ר' הירש לייבל, וועלכער איז דארט דאן געווען רב. ביי אים אין הויז האט ער זיך אמאל באקאנט מיט ר' יהושע צייטלינען, וועלכן ער איז באלד פון דער ערשטער מינוט אן זייער געפעלן געווארן און האט אים אראפגעבראכט צו זיך קיין שקלאוו אלס חבר פאר זיין בן יחיד משה'לען. פאר דער צייט, וואס פערעץ איז געזעסן אין בערלין, האט ער באוויזן צו דערווערבן פארשידענע

וועלטליכע קענטענישן און א צוויי, דריי אייראפעאישע שפראכן. אין א קורצע צייט ארום האט ר׳ יהושע צייטלין פארקנסט פאר פערעצן זיין איינציקע טאכטער.

נאך דער חתונה האט ר׳ יהושע צייטלין גענומען זיך באנוצן מיט פערעצן צו זיינע פיל פארצווייגטע געשעפטן, אין וועלכע ער האט ארויסגעוויזן באזונדערע גרויסע פעאיקייטן. צוליב דעם שווערס עסקים פלעגט פערעץ פארן גאנץ אפט קיין פעטערבורג. אין איינע פון זיינע נסיעות האט ער זיך פארגעשטעלט פאר פאטיאמקינען מיט א רעקאמענדאציע פון צייטלינען, דורך זיין אינטעליגענץ האט פערעץ ביי פאטיאמקינען שטארק אויסגענומען, און איז געווארן ביי אים א ״אייגענער מענטש״. קומענדיק אהיים, פלעגט פערעץ אין זיינע פרייע שעה׳ן זיצן און לערנען מיטן שווער און העלפן אים שרייבן זיינע חבורים. מען דערציילט, אז נאך צייטלינס טויט האט מען געפונען צווישן זיינע כתבים די ״ארבעה טורים״, ארומגעשריבן פון אלע זייטן מיט פערעצעס הערות.

דער גלאנץ פונם פעטערבורגער לעבן האט יעדעס מאל געמאכט אויף פערעצן א שטארקן איינדרוק. יונג און פריש ווי ער איז געווען, האט אים אנגעהויבן צו ציען צום פרייליכן, רוישנדיקן גרויסשטעטישן לעבן ווי א מאגנאטישע קראפט. פון טאג צו טאג האט ער זיך געפילט אין שקלאוו אלץ מער אומבאקוועמער, אלץ מער איינזאמער. ער האט אמאל געפרובט ארויסזאגן פארן שווער, אז ער האט שטארק חשק צו באזעצן זיך אין פעטערבורג, האט אים יענער דערפון אפגעשלאגן. ר׳ יהושע צייטלין האט ביי זיך נישט געקענט פועל׳ן אפצולאזן אין דער פרעמד, און נאך אין אזא נישט אידישע שטאט, זיין איידעם, וועלכן ער האט אזוי געליבט. פערעץ האט דורך דעם אינערליך געליטן. זיינע שטילעליידן האבן געהאט א איינפלוס אויף זיין פאמיליע לעבן, וואס האט אים אנגעהויבן ביסלעכווייז אונערטרעגליך צו ווערן.

אזוי האט זיך פערעץ געקוועלט ביז וואנען ער האט, זייענדיק אמאל אין פעטערבורג, אויסגעגאסן זיין הארץ אין א געשפרעך מיט פאטיאמקינען. דער רעזולטאט פונם דאזיקן געשפרעך איז געווען, אז

פאטיאמקין האט איגגיכן אריינגעשריבן א בריוו צו צייטלינען, אין וועלכן ער האט אים אויפגעוויזן, אז די טובה פון זיינע געשעפטן, אלס ארמיי־ליפעראנט, פאדערן ער זאל האבן אין פעטערבורג א שטענדיקן אונטערהענדלער מיט דער רעגירונג, און דער דאזיקער אונטערהענדלער קען קיין אנדערער נישט זיין נאר פערעץ. איצט האט שוין ר׳ יהושע צייטלין געמוזט נאכגעבן, און פערעץ איז אפגעפארן און האט זיך באזעצט אין פעטערבורג, דערווייל אליין, און די פאמיליע האט געדארפט נאכקומען שפעטער.

דאס איז געווען אין די לעצטע יארן פון יעקאטערינע דער צווייטער. דאן האבן שוין אידן אין פעטערבורג נישט געטארט וואוינען, און פערעץ, כאטש א גרויסער מקורב צו פאטיאמקינען און א איידעם פון דעם פערזאן, וואס רעכנט זיך פאר איינעם פון די גרעסטע רעגירונגס־ליפעראנטן אין רוסלאנד, האט זיך אויך נישט געקענט באזעצן עפנטליך אין דער רוסישער הויפט־שטאט, און האט דארט די ערשטע צייט געמוזט לעבן אומלעגאל.

העכסט כאראקטעריסטיש איז דער פאקט, אז פערעץ האט אין פעטערבורג קיין אנדער ארט נישט געפונען צו וואוינען, ווי נאר ביי יעקאטערינעס הויף־גלח, וועלכער איז געווען א גרויסער כאבארניק, און פאר געלט האבן זיך ביי אים אין שטוב אויפגעהאלטן עטליכע אידן. מערקווירדיק איז, אז יעקאטערינע האט דערפון גאנץ גוט געוואוסט. דאס זעט מען ארויס פון די פאלגנדיקע ווערטער, וואס זי האט געשריבן צו א אויסלענדער, וועלכער האט זיך ביי איר נאכגעפרעגט וועגן דעם מצב פון דער אידן פראגע אין רוסלאנד: ״ס׳זענען דא דריי אדער פיר אידן אין פעטערבורג פון א לענגערער צייט, איך האב א הויף־פאפ, ביי וועלכן זיי וואוינען, מען דולדעט זיי, טראץ דעם געזעץ. מען מאכט נאר א אנשטעל, אזוי ווי מען באמערקט זיי נישט״.

פערעץ האט זיך אבער דורכגעבראכן א וועג אין פעטערבורג. זיינע גלענצנדע פעאיקייטן האבן פאר אים אויפגעעפנט די טירן פון די גרעסטע שררה׳רישע הייזער. אין א צייט ארום איז ער באשטימט געווארן אלס פאדראטשיק פון שיף־בוי, און האט זיך אויף דעם געביט באלד קונה שם

געווען. אינגיכן איז ער גאנץ רייך געווארן און האט אנגעהויבן שפילן אין פעטערבורג א גרויסע ראלע.

נאך יעקאטערינעס טויט, בעת אויפן טראן איז ארויף פאוול דער ערשטער, איז פערעץ געווען פון די ווייניקע, וועלכע האבן געהאט די זכיה באשאנקען צו ווערן פון קייזער מיט א ערן־מעדאל. דאס האט אים געמאכט נאהנט צו דער העכסטער פעטערבורגער אריסטאקראטיע, און האט אים געבראכט אין באריהרונג מיט די הויף־ספערן.

בעת זיין שווער ר׳ יהושע צייטלין האט נאך פאטיאמקינס טויט זיך באזעצט אין זיין אוסטיער שלאס, פלעגט פערעץ אהין גאנץ אפט אראפפארן פון פעטערבורג און פארבריינגען דארט א געוויסע צייט ביי זיין פרוי און קינד. ביי די דאזיקע געלעגנהייטן פלעגט פערעץ יעדעס מאל צוגעצויגן ווערן פון זיין שווער אנטייל צו נעמען אין די באראטונגען, וואס ער פלעגט אפהאלטן מיט געזעלשאפטליכע טוער, וועגן פארשידענע כלל־ענינים. צו די דאזיקע באראטונגען האט פערעץ תמיד ארויסגעוויזן גרויס אינטערעס, דערביי אויך א ווארים אידיש הארץ מיט א גרייטקייט צו באטייליקן זיך אין יעדער אקציע, וואס וועט אונטערגענומען ווערן לטובת אידן און אידישקייט אין רוסלאנד.

און צו דעם פערעצן האט מען דאס פונם אוסטיער שלאס אויסגעריכט דעם שליח מיוחד, וועלכער האט אים געהאט איבערגעגעבן די ידיעות וועגן די ארעסטן פון די אידישע פארשטייער אין ליטע, ווייס־רוסלאנד און דרום־מערב קאנט אין צוזאמענהאנג מיט דער אידישער איניציאטיוו צו שיקן קיין פעטערבורג א באגריסונגס־דעפוטאציע צום נייעם רוסישן קייזער פאוול דעם ערשטן.

## ו.

פערעץ האט זיך די זאך גענומען צום הארצן. ער האט גלייך אנגעהויבן באקלערן די מיטלען, וואס קענען דורך אים אנגעווענדעט ווערן, צו פועלן

ביי ווענמען מען דארף, מ׳זאל די ארעסטירטע אידן באפרייען און דעם גאנצן ענין וועגן דער געהיימער געלט־זאמלונג צורייבן. נישט וועלנדיק אננעמען א וועלכן־עס־איז באשלוס אויף זיין אייגענער אחריות, איז ער זיך אריין מיישב זיין וועגן דער זאך מיט זיינעם א גוטן פריינט, לייב געוואכאוויץ האט ער געהייסן.

דער דאזיקער געוואכאוויץ, וועגן וועלכן אונז וועט נאך אויסקומען צו דערציילן אין די ווייטערדיקע קאפיטלען, איז געווען א געבווירענער פון לעטיטשעוו, פאדאליער גובערניע. נאך קינדרוייז האט ער זיך ארויסגעוויזן פאר זייער א פעאיקן אין לערנען. גאנץ פרי האט ער שוין אנגעהויבן ארומוואנדערן פון ישיבה צו ישיבה, ביז ער האט זיך פארשלעפט קיין שקלאוו. דאס איז געווען אין דער צייט, ווען ר׳ יהושע צייטלין האט נאך געוואוינט אין שקלאוו און האט נאר וואס אראפגעבראכט צו זיך פערעצן. אלס צענטער פון די שקלאווער וואויל־לערנער, האט ר׳ יהושע צייטלינס הויז צוגעצויגן צו זיך אויך דעם יונגן געוואכאוויצן, וועלכער האט זיך באלד דערווארבן אין שטאט דעם נאמען פון א למדן מופלג.

אונטער דעם איינפלוס פון צייטלינס הויז האט זיך געוואכאוויץ גענומען אויך צו וועלטליכע בילדונג. צוקוקנדיק זיך ווי אידן קומט אויס שטארק צו ליידן אין זייער טעגליכן לעבן פון דעם, וואס זיי באהערשן נישט די לאנד־שפראך, האט ער זיך באזונדערס פיל אפגעגעבן מיט רוסיש, אין וועלכער ער האט אין א קורצער צייט בערך, געמאכט זייער א גרויסן פאר־שריט. ער האט אין דעם אזוי ווייט געבראכט, אז ער האט געגאלטן פאר דעם גרעסטן רוסיש־קענער פונם גאנצן קאנט. דערצו האט זיך אין אים באמערקט אויך א שטארקער ליטעראַרישער טאלענט. ר׳ יהושע צייטלין האט אים צוגענומען אלס לערער פאר זיין בן יחיד, און שפעטער אויך פאר פערעצן, וועלכער האט ביז דאן געהאט אין רוסיש א גאנץ שוואכע ידיעה.

פערעץ האט זיך באלד צו געוואכאוויצן זייער שטארק צוגעבונדן, און דער לערער מיטן תלמיד זיינען ווי חברים געווארן. ווען פערעץ איז ארויסגעפארן קיין פעטערבורג, האט ער מיט זיך גענומען זיין לערער און פריינט געוואכאוויצן, וועלכער האט זיך מיט אים צוגלייך אויך

אויפגעהאלטן די ערשטע צייט ביי יעקאטערינעס הויף־גלח. פערעץ איז גלייך אריין אין דער געשעפטס־וועלט, אין וועלכער ער האט געשטיגן פון טאג צו טאג. און געוואכאוויצן האט געצויגן נאר צו בילדונג, הויפטזעכליך צו דער ליטעראטור.

בשעת פערעץ האט שוין באוויזן צו ווערן איינער פון די גרעסטע פעטערבורגער סוחרים, איז געוואכאוויץ נאך אלץ פארבליבן דער ארעמער רוסישער ליטעראט, וועלכער איז געווען אפגעגעבן אינגאנצן נאר דער פעדער. פערעץ האט אבער זיין געוועזענעם לערער גוט איינגעארדנט אין פעטערבורג און אים אויסגעהאלטן מיט אלע הוצאות. די צוגעבונדנקייט צווישן זיי איז געווען אזוי שטארק, אז ס׳איז נישט אריבער כמעט קיין טאג, אין וועלכן זיי האבן זיך ביידע נישט געזען, ווי פארשלונגען פערעץ איז תמיד געווען אין זיינע געשעפטן, פלעגט ער זיך דאך אפרייסן אויף עטליכע מינוטן, דורכצושמועסן זיך מיט געוואכאוויצן. יעדעס מאל, ווען פערעץ פלעגט זיך צוריקקערן קיין פעטערבורג פון זיין אוסטיער באזוך מיט פעק נייעס און ידיעות וועגן דעם שווערן מצב פון אידן אין ליטע און ווייס־רוסלאנד, פלעגט ער דאס אלץ מיטטיילן געוואכאוויצן און אריינציען אים אזוי־ארום אין דער ספערע פון די אידישע כלל־אינטערעסן.

אין דער צייט וואס געוואכאוויץ האט פארבראכט ביי צייטלינען אין הויז, האט ער זיך אנגעזען גענוג אידישע טרערן און זיך אנגעהערט גענוג אידישע זיפצן, און צייטלינס טיפע קרעכצן איבער דעם גורל פון אידן, האבן אים שטענדיג געעגבערט דאס הארץ. אין פעטערבורג, וואו ער איז געווען אריינגעטון דורכאויס אין דער רוסישער ליטעראטור, וועלכער ער האט זייער געליבט און געשעצט, האבן אידן און אידישקייט אנגעהויבן צו פארלירן פאר אים ביסלעכווייז זייער באזונדער אינטערעס. ווי פערעץ פלעגט נאר קומען צו אים מיט זיינע אוסטיער נייעס, פלעגט דאן ביי געוואכאוויצן דער אידישער אינטערעס באלד צוריק ווערן אויפגעלעבט. אין יענע מינוטן פלעגט געוואכאוויץ ארויסווייזן זייער א סענטימענטאלע איבערגעגעבנקייט צו אידן און צו אידישקייט. און אזוי איז עס אויך געווען אין יענעם מאמענט, ווען פערעץ איז צו אים געקומען און האט אים

דערציילט וועגן דעם אוסטיער שליח מיוחד...

## ז.

דער רעזולטאט פון דער דאזיקער בעראטונג איז געווען אז שוין אויף מארגן האט פערעץ געזוכט און געפונען די געלעגנהייט זיך צו זען מיט איינעם פון זיינע מקורבים, וואס ער האט געהאט אין קייזערליכן הויף. דאס איז געווען א געוויסער קוטייסאוו, וועלכער האט געשטאמט פון א טערק, וואס איז אריינגעפאלן אין דער רוסישער געפאנגנשאפט, און איז שפעטער געווארן א גרויסער תקיף ביי יעקאטערינען. די קינדער פון דעם דאזיקן טערק האבן פארנומען די פאראנטווארטליכסטע מלוכה־שטעלעס, און קוטייסאוו, וועגן וועלכן מיר ריידן דא, איז געווען פאולס קאמער־דינער, און גאנץ פעטערבורג האט געוואוסט, אז ער האט אויפן קייזער א גרויסן איינפלוס. אין זיינע פאדריאט־געשעפטן האט זיך פערעץ נישט איינמאל באנוצט מיט פארשידענע טובות מצד דעם דאזיקן קוטייסאוון, און די דעמאלטיקע אנטיסעמיטן, ווי דער רוסישער דיכטער דערזשאווין און אנדערע, האבן געוואוסט צו דערציילן, אז די טובות קאסטן אים אפ א שיינעם גראשן.

ספעציעל פאר אידישע אינטערעסן האט נאך אבער פערעץ ביז אהער קוטייסאוון קיינמאל נישט אויסגענוצט, נישט האבנדיק דערצו די געלעגנהייט. איצט איז געווען דאס ערשטע מאל, ווען פערעץ האט פארפירט מיט קוטייסאוון א געשפרעך, וועגן דער אידן־פראגע און האט אים דערביי איבערגעגעבן די ידיעות, וועלכע ער האט באקומען פון אוסטיע, און געפרעגט ביי אים א עצה, וואס צו טון.

קוטייסאוו האט אויף דעם געענטפערט, אז ער נעמט זיך אן באהילפיק צו זיין אין דער זאך נאר דאן, ווען דער קייזער וועט פריער מיט דעם באקאנט ווערן דורך א מעמאראנדום, וואס דארף אים צוגעשטעלט ווערן וועגן דעם ענין אינם נאמען פון די אידישע פארשטייער. דערביי האט ער אויפמערקזאם געמאכט פערעצן, אז נעמענדיק אין אכט, אז דער

מעמאראנדום דארף דערלאנגט ווערן צום קייזער נאר דורכן סענאט, וואו עס זיצן א סך אידן־פיינט, און באזונדערס אזא שונא־ישראל ווי דערזשאווין, וועלכע וועלן געוויס זוכן שטערן דעם ענין, וועט ער זען אויסגעפינען א וועג, ווי אזוי דער מעמאראנדום זאל פארבייגיין דעם סענאט און אנקומען צום קייזער גלייך אן א שום פארמיטלונג, דערצו איז נויטיק, מען זאל אים, קוטייסאוון צושטעלן א באזונדער אפגעשריבענע קאפיע פון מעמאראנדום.

דעם מעמאראנדום האט אנגעשריבן געוואכאוויץ, וועלכער האט אין אים ארייגעלייגט פיל טאלענט און טעמפעראמענט. דאס איז געווען א בילד פון דעם אידישן לעבן אין רוסלאנד, פון זייערעליידן און פריידן, פון זייערע וואונטשן און האפנונגען, און פארענדיקט האט עס זיך מיט א לויב־געזאנג צום יונגן רוסישן מאנארך, וועמעס איידלמוט און גוטהארציקייט איז ווייט און ברייט באקאנט. דער מעמאראנדום איז באלד דורך פערעצן איבערגעגעבן געווארן צום סענאט, און א קאפיע פון אים האט באקומען קוטייסאוו.

עס זענען אבער אוועק שיינע עטליכע וואכן און נישט פערעץ און נישט געוואכאוויץ זענען עפעס דערגאנגען וועגן דעם גורל פון דעם מעמאראנדום. אנשטאט דעם האבן זיי זיך דערוואוסט, אז פון סענאט זענען פונאנדערגעשיקט געווארן אין פארשידענע ערטער, און באזונדערס אין די ניי צוגעקומענע געוועזענע פוילישע פראווינצן, פראגע־בויגנס וועגן דעם, ווי די אידישע באפעלקערונג ווירקט אויף דער קריסטליכער, און אז פון אומעטום קומען אן טאג־טעגליך תשובות, וועלכע זענען פאר אידן זייער נישט גינסטיק. פון אלע ערטער שטעלט מען פאר די אידן אלס פיאווקעס וואט זויגן אויס דעם מארך פון דעם פויער, עקספלואטירן יעדערן און ברענגען שאדן דער מלוכה, און אלע מיט איין קול פאדערן, מען זאל באגרעניצן זייערע רעכט. באקומענדיק אזעלכע ידיעות, האט שוין פערעץ געהאלטן דעם ענין פון דעם מעמאראנדום פאר א פארשפילטן און האט זיך שוין פון אים כמעט ווי מיאש געווען.

ווי ס'האט זיך אבער דערנאך ארויסגעוויזן, האט דער מעמאראנדום יא געהאט א ווירקונג, אבער ערשט אין א לאנגער צייט ארום. אין יאהר תקנ"ח האט דער דרום־מערבדיקער גענעראל־גובערנאטאר, גוראוויטש, באקומען א ענטפער פון פעטערבורג, אז דער קייזער האלט דאס פאר קיין עולה נישט, וואס אידן ווילן שיקן צו אים א דעפוטאציע. גלייכצייטיק דערמיט איז גוראוויטשן געווארן באפוילן אומצוקערן תיכף די אידן דאס קאנפיסקירטע געלט. מ'איז אויך דערגאנגען אז די דאזיקע תשובה האט געזאלט אפגעשיקט ווערן תיכף, זי איז אבער אויפגעהאלטן געווארן אין סענאט, און דערווייל האבן די אנטיסעמיטישע מיטגלידער אויסגעווירקט, עס זאלן פונאנדערגעשיקט ווערן די אויבנדערמאנטע אנקעטע־בויגנס, האפנדיק, אז אונטער דעם איינדרוק פון די תשובות, אין וועלכע זיי זענען געווען זיכער, אז זיי וועלן זיין נאר צום שלעכטן, וועט דער קייזער ענדערן זיין באשלוס און וועט קיין אידישע דעפוטאציע נישט אננעמען. מ'האט געשווארצט אידן פאר פאוולען מיט אלע מיטלען און ווי ווייט מ'האט נאר געקענט, קוטייסאווס השפעה האט זיך אבער ארויסגעוויזן פאר פיל שטארקער און איינדרוקספולער, און נישט קוקנדיק אויף אלע אינטריגעס, איז דער קייזער פארבליבן ביי זיין באשלוס, צו מאכן פאר אידן א אויסנאם און אנצונעמען פון זיי א דעפוטאציע.

וועגן דער דאזיקער דעפוטאציע גייט ארום אין ליטע פאלגענדע מעשה: א גאנץ זומער פון תקנ"ח האט זיך דער ווילנער גאון געשפירט זייער נישט גוט. זיינע אכט און זיבעציק יאר, זיין אסקעטישער לעבנס־שטייגער, זיינע אפטע תעניתים און זיין אומגעהויערע התמדה אין לערנען, — דאס אלץ האט ביסלעכווייז אונטערגעגראבן זיין געזונט. ערשט מיט א יאר צוריק האט מען אים קוים אפגעראטעוועט פון א שווערער און געפערליכער קרענק, און פון דעמאלט אן האט ער נישט געקענט קומען צו זיך. ער האט זיך אבער נישט אונטערגעגעבן און זיך בשום אופן נישט געוואלט לייגן אין בעט. זיינע מקורבים האבן זיך צוגעקוקט מיט גרויס מורא, ווי ער גייט אויס ווי א ליכט פון טאג צו טאג, און האבן באשלאסן אים אויפמערקזאם צו מאכן אויף זיין לאגע. זיי האבן געוואוסט, אז דער גאון האלט נישט פון דאקטוירים, אבער נאכדעם, ווי ער האט איין נאכט

באזונדערס שלעכט פארבראכט. האבן זיי זיך געמאכט מוט און אים געפרעגט, צו ער וואלט צוגעלאזט צו זיך דעם דאקטאר פראנק פון קרעסלאווקע. אויף דעם האט דער גאון געענטפערט דורך א האנט־באוועגונג, אז ער פארלאנגט עס נישט. אין א ווײלע ארום האט ער שטיל א זאג געטון:

— בעט קומען דעם דובנער מגיד, מארגן דארף אהער אראפפארן דער גרויסער ר׳ יהושע מיט גוטע בשורות פאר אידן, פירט אים ארײן צו מיר, איך וויל אים אפגעבן זײן לעצטן יישר כח...

אויף מארגן אינדערפרי, — דאס איז געווען חול־המועד סוכות — איז צייטלין טאקע געקומען פון פעטערבורג קיין ווילנע. מ׳האט אים גלייך אריינגעפירט צום גאון. ר׳ יהושע האט דערציילט און דער גאון האט זיך צוגעהערט און זײן פנים האט געלויכטן: עס שטייען אן ישועות פאר אידן! שונאים וועלן פארשעמט ווערן. פלוצלונג האט דער גאון קוים ארויסגערעדט:

— ברענגט מיר דעם לולב מיט דעם אתרוג, איך וויל זאגן ״הלל !״...

אויפן צווייטן טאג איז דער גאון געשטארבן, און צוליב דעם אלגעמיינעם טרויער איז אפגעלייגט געווארן די פייערליכקייט, וואס האט געזאלט פארקומען אין אלע ליטווישע און ווייס־רוסישע אידישע קהלות לכבוד דער דעפוטאציע, וועלכע האט געהאט די זכיה אויפגענומען צו ווערן פון קייזער און אויסווירקן ביי אים ישועות און נחמות פאר אידן.

ביז אהער די מעשה. אין דער ווירקליכקייט האט זיך באמת פארגעשטעלט פאר פאוולען א אידישע דעפוטאציע, ס׳איז אבער פארבליבן אומבאקאנט, וועלכע פערזאנען ס׳האבן זיך אין איר באטייליקט. א פאקט איז נאר, אז זי האט געבראכט צו אזעלכע זייער גוטע רעזולטאטן, וועלכע אידן אליין האבן נישט דערווארט, ווי עס וועט דערציילט ווערן אין דעם קומענדיקן קאפיטל.

# ח.

גראף זאריטש, דער שקלאווער בעל־הבית, וועלכער האט געטראגן אין הארצן א שטארקע שנאה אויף אידן, האט זיך געטרייסט מיט דער האפנונג, אז ווי פאטיאמקין מאכט נאר צו מיט א אויג, וועט ער זיי באלד אנהויבן צו רודפן אויף דאסניי. און כך הוה. קורץ נאך פאטיאמקינס טויט האבן זיך די אידן פון דעם גאנצן שקלאווער קרייז ווידער דערפילט זייער געדריקט דורך זאריטשן. ס׳האבן זיך צוריק אנגעהויבן די אלטע מעשיות: ער האט ארויסגעטריבן פון שטאט אידישע פאמיליעס און צוגענומען ביי זיי די הייזער, ער האט באגעגנט אידן אין גאס און זיי געפאטשט, אנדערע האט ער אריינגעזעצט אין תפיסה, און האט זיי בכלל, גערעכנט פאר קנעכט, ווי פויערים אין דארף.

נאכדעם ווי די אידישע דעפוטאציע איז אפגעפארן פון פעטערבורג מיט גוטע האפנונגען אויף דער צוקונפט, האט קוטייסאוו אין א געשפרעך מיטן קייזער אנגערירט די מעשה־תעתועים פון זאריטשן. דאס האט ער געטון לויט דער בקשה פון פערעצן, וועלכער האט געפונען פאר גלייכער, אז די זאך זאל דערגיין צום קייזער נישט אלס א מסירה מצד די אידן, נאר דורך זיין ליבלינג קוטייסאוון.

אין א געוויסן טאג האט דער סענאט באקומען א באפעל פון פאוולען, אראפצושיקן איינעם פון זיינע מיטגלידער קיין שקלאוו צו מאכן א חקירה ודרישה וועגן די אומגערעכטע מעשים, וואס זאריטש טוט־אפ מיט אידן. דער סענאט, וואס דער גרעסטער רוב פון זיינע חברים האבן זיך באצויגן צו אידן מיט ווייניק סימפאטיע, האט איבערגעגעבן די דאזיקע מיסיע דעם דיכטער דערזשאווין. ווי מיר האבן שוין פריער דערמאנט, איז דערזשאווין געווען א שונא־ישראל. די סבה פון זיין שנאה צו אידן איז אויפגעקלערט געווארן נאך זיין טויט דורך זיינע פארעפנטליכע ״פאפירן״. אין די דאזיקע ״פאפירן״ באקלאגט ער זיך, אז יעדעס מאל, ווען ער פלעגט קומען צו פאטיאמקינען אויף א אוידיענץ, פלעגט ער זיך מוזן ארומדרייען עטליכע שעה אין נעבן צימער, ווייל ער פלעגט אים לאזן ווארטן און אויפנעמען

פריער גאנץ זייטיקע, נישט קיין פראוואסלאווּנע פערזאנען. יענע, די "נישט קיין פראוואסלאווּנע פערזאנען" זענען געוויס געווען ר' יהושע צייטלין און זיין איידעם אברהם פערעץ. מיט דעם לעצטן האט זיך דערזשאווין גוט געקענט און אים אפט דערמאנט אין זיינע "פאפירן" און תמיד נישט צום גוטן.

אין שקלאוו איז דערזשאווין אראפגעפארן מיט פולמאכטן פון קייזער, אז אויב ער וועט געפינען זאריטשן פאר שולדיק, זאל ער קאנפיסקירן זיינע גיטער און איבערגעבן אים צום געריכט. דערזשאווין איז אבער פון דער ערשטער מינוט אן געקומען מיט דער כוונה, זאריטשן ריין־צו־וואשן און מאכן, אז די אידישע אנקלאגערס זאלן ווערן צו שפאט און צו שאנד. לכתחלה האט ער געזוכט פארפלאנטערן דעם גאנצן ענין און אריינגעשיקט אין פעטערבורג צום גענעראל־פראקוראר א אויפקלערונג, אז וויבאלד די אידן זענען זאריטשעס אונטערטאנען, האבן זיי נישט דאס רעכט זיך אויף אים צו באקלאגן. אויף דעם האט ער אבער באלד באקומען א שטרענגע תשובה אין קייזערס נאמען, ער זאל נישט פרעגן קיין קשיות און זאל זיך האלטן אין די גרעניצן פון זיין פולמאכט און אויספארשן די אידישע אנקלאגעס אויף זאריטשעס פארברעכערישער האנדלונג קעגן זיי.

דערזשאווין האט שוין קיין אנדער ברירה נישט געהאט און זיך גענומען צו דער חקירה ודרישה. אידן האבן דערוויזן דורך עדות, אז זאריטש האט זיי בארויבט זייער האב־און־גוטס, אז ער האט זיי עפנטליך געשמיסן, אז ער האט ביי זיי פאר שטייערן אראפגענומען דאס לעצטע העמד פון לייב, א.אז.וו. דערזשאווין האט אבער דאס אלץ נישט גענומען אין אכט און האט געשריבן קיין פעטערבורג, אז "וויפל ער האט זיך נישט געסטארעט", האט ער נישט געפונען מצד זאריטשן קיין שום פארברעכערישע מעשים, צוליב וועלכע מ'זאל אים דארפן איבערגעבן צום געריכט און מכל־שכן אפנעמען ביי אים זיינע גיטער.

מורא־האבנדיק, אז מ'קען נאך אפשר ארויספאדערן פון פעטערבורג די פראטאקאלן פון דער אויספארשונג, איז ער געפאלן אויף א כיטערן פלאן, ווי אזוי צו ברענגען דערצו, אז דער קייזער זאל די רייד פון די אידישע עדות

נישט ווען נעמען אין אכט. דער דאזיקער פלאן איז באשטאנען אין פאלגענדן:

אין יענער צייט איז אין וויטעבסקער געריכט פארגעקומען א פראצעס וועגן א עלילת־דם. דאס איז געווען דער ערשטער בלוט־בלבול אין רוסלאנד. די זאך האט אזוי פאסירט: עטליכע טעג פאר פסח האט מען אין סיענער פאוויאט (מאהליווער גובערניע) געפונען נעבן א אידישער קרעטשמע אין א זייט פון וועג א טויטן קערפער פון א פרוי. א עדות האט געזאגט, אז מיט צוויי טעג פריער איז ער געווען אין יענעם ארט און האט דארט קיין טויטן קערפער נישט געזען, פון וואס מען דארף דרינגען, אז מ׳האט דערהרגעט די פרוי ערגעץ־וואו אנדערש און מ׳האט זי נאכהער אהין אונטערגעווארפן. א צווייטער עדות האט דערציילט, אז נישט לאנג פאר דעם, האט ער געזען די פרוי אין קרעטשמע. דאס איז געווען גענוג, אז ״אויף דעם סמך פון דעם קלאנג, וואס גייט ארום אין פאלק, אז אידן געברויכן קריסטליך בלוט״, זאל מען באשולדיקן אין דעם מארד פיר אידן, וועלכע האבן זיך געפונען אין קרעטשמע. ס׳האט זיך אפגעפונען א געשמדטער איד, א געוויסער סטאניסלאוו קאסטינסקי, וועלכער האט פאלסיפיצירט אייניקע ערטער פון ״שולחן־ערוך״ אלס ראיה, אז אידן קוילענען אויף פסח קריסטליכע קינדער, און די זאך איז איבערגעגעבן געווארן אין דעפארטאמענט פאר קרימינעלע ענינים.

די ידיעה וועגן דעם דאזיקן בלוט־בלבול האט אויפגערודערט דאס גאנצע ליטווישע און ווייס־רוסישע אידנטום. ווי געזאגט, איז דאס געווען דער ערשטער עלילת־דם־פראצעס אין רוסלאנד; אבער לויט די פיל דערפארונגען, וואס אידן האבן שוין אין דעם געהאט, באזונדערס אין פוילן, וואו בלוט־בלבולים זענען פארגעקומען גאנץ אפט, האט מען זיך שטארק געשראקן, אז דער סיענער משפט זאל נישט ברענגען צו קאטאסטראפאלע רעזולטאטן פאר אלע רוסישע אידן. שטארק באזארגט איז מען וועגן דעם געווען באזונדערס ביי ר׳ יהושע צייטלינען אין שלאס, וואו די אידישע צרות האבן שטענדיג זייער ערשטן אפקלאנג געפונען. מ׳האט מורא געהאט, אז דער קייזער קען זיך נאך לאזן פארפירן פון דעם שונא־ישראל.

אז דערזשאווין איז געקומען קיין שקלאוו און האט זיך דארט דערוואוסט וועגן דעם סיענער פראצעס, האט ער באשלאסן צו באנוצן זיך מיט אים, כדי ארויסצוראטעווען זאריטשן און שאדן ברענגען די אידן. ער האט אריינגעשריבן גלייך דעם קייזער, אז היות ווי אלע אידן געפינען זיך אונטער א שווערער באשולדיקונג, אז זיי שעכטן קריסטליכע קינדער צוליב זייערע רעליגיעזע צוועקן, קען ער דעריבער נישט נעמען "אויף זיין געוויסן" צו שיינקען צוטרויען די עדות פון אידן "כל־זמן דאס אידישע פאלק וועט זיך נישט ריינוואשן פאר דעם קייזער פון זיין גרויסן פארזינדיקן־זיך קעגן די קריסטן". אויף דעם סמך האט דערזשאווין געבעטן פאוולען, ער זאל אים דערלויבן מדחה צו זיין די אידישע עדות.

דערזשאווינען האט זיך אבער זיין כיטערער פלאן נישט איינגעגעבן. פאוול האט זיין פארשלאג אפגעווארפן און אים צוגעשיקט א באפעל, ער זאל ארויספירן ריכטיק זיין מיסיע און נישט אויסמישן מיט איר דעם סיענער פראצעס, וואס דארף באהאנדלט ווערן אויפן געוויינליכן געריכטליכן וועג.

דערזשאווין איז געווען געצוואונגען ווייטער צו פירן דעם משפט וועגן זאריטשן. זאריטשעס לאגע איז געווארן זייער קריטיש, און פון גרויס הארצווייטאג איז ער אינגיכן געשטארבן. נאך זיין טויט האבן שקלאווער אידן פריי אפגעאטעמט, זיי האבן זיך דערפילט ווי דערלייזט פון א שווערן, דריקנדיקן קאשמאר. פיל ארויסגעטריבענע אידן האבן זיך צוריקגעקערט און דורכן געריכט ארויסגעווארפן זאריטשעס יורשים פון זייערע הייזער, פיל צורואינירטע, בדיל־הדל געווארענע פאמיליעס האבן ווידער אויפגעבויט זייערע פריערדיקע עקזיסטענצן.

אין קורצן איז פארגעקומען דער סיענער פראצעס. מ׳האט פארגעלייגט פאר די ריכטער די געפעלשטע טעקסטן פון "שולחן ערוך", צו וועלכע דער משומד האט נאך צוגעגעבן ארויסגענומענע פארגרייזטע ציטאטן פון "שבט יהודה". מ׳האט זיך געגריבלט דא און דארט, און מ׳האט קיין ממשותדיקע ראיה אויף דער באשולדיקונג נישט געקענט דערווייזן. צום סוף האט דאס געריכט ארויסגעטראגן זיין פסק־דין, אז "אזוי ווי די

אויספארשונג האט גארנישט אנטפלעקט, פאלט די באשולדיקונג אפ, און די פיר אידן ווערן פרייגעשפראכן".

דער דאזיקער פסק־דין איז פאר די דעמאלטיקע שונאי־ישראל געווען, ממש א טויט־קלאפ. א באזונדער דערשיטערנדן איינדרוק האט עס געמאכט אויף דערזשאווינען, וועלכער האט עס פאוולען בשום־אופן נישט געקענט מוחל זיין. מיט א ביטערער איראניע האט ער דעמאלט געשריבן: "פאוולען דעם ערשטן איז פארבליבן לדורות דער אלגעמיינער שבח, אז ער איז געוועזן דער ערשטער פון די רוסישע קיסרים, וואס האט מקיים געוועזן די גרויסע מצוה: "ליבט אייערע שונאים און טוט טובות מיט די, וואס האסן אייך"...

און אין די ליטווישע און ווייס־רוסישע קלויזן און בתי־מדרשים זיינען געזעסן אידן מיט לייכטנדיקע פנימער און שטראלנדע אויגן פון גרויס פרייד, און דערציילט איינער דעם אנדערן וואונדערליכע מעשיות וועגן דעם, ווי דער גרויסער "שר", דער אוסטיער "פריץ", יהושע צייטלין, האט זיך אויף דער עלטער געלאזט פארן ביז קיין פעטערבורג, וואו ער מיט זיין איידעם, דער מקורב למלכות אברהם פערעץ, האבן זיך פארגעשטעלט פאר דעם געאכפערטן קייזער פאול, ביי וועמען זיי האבן מיט זייערע קלוגע רייד געפונען גרויס געגאד און לייטזעליקייט און האבן ביי אים אויסגעפועלט ישועות ונחמות פאר אידן, אויף צופיקעניש זייערע שונאים...

און אין די זעלבע ליטווישע און ווייס־רוסישע קלויזן און בתי מדרשים האבן אידן מיט טרויעריקע, פינסטערע פנימ'ער אין א קורצע צייט ארום באוויינט און באקלאגט איינער פאר דעם אנדערן דעם טויט פון דעם אומגעקומענעם קייזער פאול, דער גרויסער "מלך חסד", וואס האט באשיצט און באשירעמט אונטער זיינע פליגלען דאס פאלק ישראל. פאוולס דערמארדונג איז באטראכט געווארן ביי אידן אלס א גזירה מן השמים, און מיט שטארק הארץ קלאפעניש האבן זיי ארויפגעקוקט צו זיין זון, דעם טראן פאלגער אלעקסאנדער דער ערשטער.

מען האט דאן געשמועסט, אז אויף מארגן, נאך פאולס טויט, בעת

אלעקסאנדער איז אריין אין קאבינעט, האט ער געפונען אויפן פאטערס טיש צווישן אנדערע כתבים אויך א מעמאראנדום, אין וועלכן עס ווערט אויספירליך דערוויזן די פאלשקייט פון אלע עלילת דמ׳ן, וואס זיינען געמאכט געווארן אויף אידן אין פארשידענע צייטן פון מיטלאלטער אן. דער פארפאסער פון דעם דאזיגן מעמאראנדום איז געוועזן א אידישער דאקטאר פון שאוול, ווילנער גובערניע, מיטן נאמען אברהם בערנהארד. דער דערמאנטער מעמאראנדום זאל דאס האבן געווירקט אויף פאוולען בשעת דעם סיענער פראצעס צו געבן דעם ענין א ריכטונג לטובת די אידן.

מיט אלעקסאנדער דעם ערשטן הויבט זיך אן א נייע תקופה אין דער שתדלנישער טעטיגקייט פון ר׳ יהושע צייטלין מיט זיינע מקורבים.

## פערטער קאפיטל:
# נסיונות

דער קאמיטעט איינצוארדענען אידן — דערזשאווין ווערט דעמיסיאנירט — דער לערער מענדל לאפין מיטן פירשט אדאם טשארטאריסקי — דער איבערברוך אין לעבן פון אברהם פערעץ — א פאלקס חרפה — דער עונש פאר זיך טשעפען מיטן בעל ה״תניא״ — ר׳ משה צייטלין ענטזאגט זיך פון דעם עשירות נסיון — געוואכאוויץ גייט נאך די טריט פון פערעץ — אוועק פון פאלק




דער בעל ה"תניא"

# נסיונות

## א.

אין יאר תקס״א בעת ס׳איז ארויף אויפן טראן אלעקסאנדער דער ערשטער, האט א בלאז געטון פאר די רוסישע אידן ווי א פריי ווינטל. דער ליבעראלער גייסט, וועלכער האט דאן אנגעהויבן ארייננדרינגען אין די רעגירונגס־אינסטיטוציעס בכלל, האט שוין ממילא געהאט א ווירקונג אויף די באציאונגען פון דער ביוראקראטיע צו אידן. דער ערשטער רעזולטאט פון דער דאזיקער ווירקונג האט זיך ארויסגעוויזן אין דעם אנערקענטן שטאנדפונקט, אז ביי דער לייזונג פון דער אידן־פראגע דארף מען זיך נישט פארלאזן אויף די מאטעריאלן, וואס ווערן פון צייט צו צייט צוגעשטעלט אין סענאט דורך פארשידענע רעוויזארן, ווי ס׳איז געווען דער מנהג פאר פאוולען, נאר גרינדן א באזונדער קאמיטעט, אין וועלכן ס׳זאלן ארייננגיין, אויסער מיטגלידער פון דער רעגירונג, אויך אידישע פארשטייער פון די ערטער. אזא אינסטיטוציע, וועלכע האט געהייסן: ״קאמיטעט איינצוארדנען אידן״, האט זיך אויפן קייזערס באפעל געגרינדעט אין פעטערבורג אין יאהר תקס״ב.

די ידיעה וועגן דעם ניי־געגרינדעטן קאמיטעט האט אבער ארויסגערופן ביי אידן גרויס פארדרוס. זייענדיג אפילו בכלל צופרידן פון דעם עצם קאמיטעט, האבן זיי זיך אבער שטארק געשראקן פאר דעם, וואס איינער פון זיינע באשטימטע מיטגלידער מצד דער רעגירונג איז געווען דער באוואוסטער שונא־ישראל דערזשאווין, וועלכער איז פאר דער צייט געווארן יוסטיץ־מיניסטער און האט באקומען א נאמען אלס מומחה אין אידישע ענינים. דערזשאווינס אידן פיינטליכע באציאונג, וועלכע האט זיך באזונדערס בולט ארויסגעוויזן אין זיין צוגעשטעלטן פראיעקט וועגן די אידן אין צפון־מערב־קאנט, איז געווען אלעמען גאנץ גוט באקאנט. אין

מינסק איז וועגן דעם פארגעקומען א ספעציעלע אסיפה פון קהל, אויף וועלכער ס׳איז באשלאסן געווארן צו פארן קיין פעטערבורג און בעטן דעם קייזער, ״אז די פינף הויכע באאמטע, אין וועמעס הענט מ׳האט איבערגעגעבן די אידישע ענינים, זאלן פאר אידן נישט אויפטון קיין שום נייעס״. מ׳האט דארט תיכף אויפן ארט געמאכט א רשימה פון אלע בעלי־בתים, וועלכע דארפן דעקן די הוצאות פון דער דעפוטאציע. מ׳האט אויסגערופן א תענית אויף דריי טעג, און אין די שולן האט מען געזאגט סליחות, אידן זאלן ניצול ווערן פון דער גזירה. אזוי האט מען געטון אויך אין אנדערע ליטווישע און ווייס־רוסישע אידישע קהלות.

ווען עס זיינען דערגאנגען קיין פעטערבורג די ערשטע ידיעות וועגן דעם שלעכטן רושם, וואס דער ״אידישער קאמיטעט״ האט געמאכט אויף אידן אין דער פראווינץ, האט דער אינערן־מיניסטער קאטשובייי צוגעשיקט די גובערנאטארן א צירקולאר, זיי זאלן זען בארויקן דעם עולם און מודיע זיין די פארשטייער פון די קהלות, אז ״מיט דעם גרינדן א קאמיטעט צו באהאנדלען די אידישע ענינים, איז מען פאר קיין פאל נישט אויסן געוועזן זיי ערגער צו מאכן, נאר, פארקערט, מען מיינט זיי פארשאפן רוה און פארבעסערן זייער מצב״. דער צירקולאר האט אבער געמאכט א שוואכן איינדרוק, און אידן זענען נאך אלץ געוועזן אין איין שרעק.

אידן האבן זיך ערשט אנגעהויבן צו בארויקן אנהויב תקס״ג, בעת דער ״אידישער קאמיטעט״ האט באשלאסן צונויפצורופן קיין פעטערבורג דעפוטאטן פון יעדער גובערניע כדי אויסצוהערן זייער מיינונג וועגן די און די מיטלען, וועלכע זיי געפינען פאר ריכטיק, איינצוארדנען ווי געהעריק דאס אידישע לעבן. באלד האט מען זיך אין אלע קהלות גענומען מיט גרויס ענערגיע אויסצוקלויבן יעדערער איר פארשטייער, און נאך אנהויב פרילינג דעם זעלבן יאר זענען זיך די אידישע דעפוטאטן צונויפגעפארן קיין פעטערבורג.

## ב.

אין דער צייט, וואס ד׳ אידישע עסקנים אויף דער פראווינץ האבן זיך

פאַרהאַלטן צום קאַמיטעט מיט גרויסע ספקות, צו ער וועט עפּעס קענען אויפטון גוטס פאַר אידן, האָבן די פּעטערבורגער שתדלנים, אברהם פּערעץ און לייב געוואַכאָוויץ, באַטראַכט דעם קאַמיטעט אַלס גרויס גליק פאַר אידן. שטייענדיק נאָהנט צו די רעגירונגס־ספערן, האָבן זיי געוואוסט מיט וועלכע מיטלען צו געווינען לטובת די אידישע אינטערעסן די עטליכע הויכע ביוראָקראַטן, וועלכע זענען באַשטימט געוואָרן פונם קייזער צו באַטייליקן זיך אין קאַמיטעט. לויט דערזשאַווינס ״פּאַפּירן״ ווייזט זיך אַרויס אַז פּערעץ זאָל אויך מיט אים האָבן געפּירט אונטער־האַנדלונגען. ״פּערעץ האָט זיך צו מיר געלעקט, — אַזוי דערציילט דערזשאַווין, — אָבער ס׳האָט זיך אים נישט איינגעגעבן״... דערזשאַווין האָט, קענטיק, נישט געוואוסט, אַז ווען פּערעץ האָט זיך צו אים ״געלעקט״, איז שוין זיין גורל געחתמעט געוואָרן פונם קייזער צו ווערן אויס יוסטיץ־מיניסטער און אַרויסצוגיין ממילא אויך פונם ״אידישן קאַמיטעט״. אַז די אידישע דעפּוטאַטן זענען געקומען קיין פּעטערבורג און האָבן זיך דערוואוסט, אַז מ׳איז פּטור געוואָרן פון דערזשאַווינען, איז דאָס פאַר זיי געווען ממש אַ יום־טוב, וועגן וועלכן מ׳האָט באַלד געגעבן צו וויסן אין דער פּראָווינץ, און אידן האָבן אומעטום פרייער אָפּגעאָטעמט.

פאַרשידענע מעשיות גייען אַרום אין ליטע און ווייס־רוסלאַנד וועגן דעם, ווי אַזוי ס׳איז געקומען דערצו, אַז דער גרעסטער אין יענער צייט לירישער דיכטער, מיט וועלכן רוסלאַנד האָט אַזוי שטאָלצירט, און וואָס איז נאָך פאַר יעקאַטערינען געווען אַזאַ גרויסער תקיף אין הויף, זאָל מיטאַמאָל דאַרפן דעמיסיאַנירן, און נאָך צוליב אידן. לויט אַ ווערסיע, וועלכע איז פאַרשפּרייט באַזונדערס צווישן חסידים, איז דערזשאַווינס אומגעריכטע מפּלה באַטראַכט געוואָרן אַלס שטראָף פון ג־ט דערפאַר, וואָס דורכפאָרנדיק, בשעת זיין רעוויזיע אין ווייס־רוסלאַנד, ליאָזנע, וויטעבסקער גובערניע, האָט ער דאָרט גראָד באַליידיקט דעם צדיק און קדוש ר׳ שניאור זלמן, דער מחבר פון ״תניא״, און נישט באַנוגנדיק זיך נאָך מיט דעם, האָט ער שפּעטער מיטגעהאָלפן צו אַרעסטירן דעם זעלבן רבין און צו ברענגען אים אַ געשמידטן אין קייטן קיין פּעטערבורג, וואו מ׳האָט אים אַריינגעזעצט אין דער פּעטראָ־פּאַוולער פעסטונג. לויט אַ אַנדער

ווערסיע האט דאס אים צוגעדינט דער פוילישער מאגנאט אדאם טשארטאריסקי, א אינטימער פריינט פון אלעקסאנדער דעם ערשטן און א שטענדיקער באזוכער פון פערעצעס סאלאן. דעם דאזיקן אדאם טשארטאריסקי, — אזוי דערציילט מען, — וועלכן אלעקסאנדער האט באשטימט אלס איינעם פון די רעגירונגס־פארשטייער אין דעם "אידישן קאמיטעט", האט פערעץ פארשטאנען אויסצושפילן קעגן דערזשאווינען, צו וועלכן ער האט געפילט תמיד א אנטיפאטיע פאר זיינע עקסט שארפע נויגונגען און טענדענצן.

פירשט אדאם טשארטאריסקי, וועלכער איז געווען צו אידן גוט גענויגט און האט זיך אין פארשידענע צייטן אפגעגעבן מיט דער אידן־פראגע, איז באקאנט געווארן מיט פערעצן דורך דעם פאלגענדיקן אינטערעסאנטן צופאל:

נאכדעם, ווי פערעץ האט אפגעוואוינט אליין א פאר יאר אין פעטערבורג, האט ער באשלאסן אראפצוברענגען צו זיך זיין פאמיליע. ר' יהושע צייטלין האט אבער זיין טאכטער, וועלכע איז ביי אים געווען א בת יחידה, נישט געוואלט אפלאזן פון זיך, און פייגעלע גופא, אזוי האט זי געהייסן, האט אויך, מורא האבנדיק פאר דער גרויסער אומבאקאנטער רוסישער הויפטשטאט, ארויסגעוויזן צו דעם א שוואכן חשק און זיך באמיט ווירקן אויפן מאן פארקערט, אז ער זאל זיך צוריק באזעצן אין אוסטיער שלאס. דאן האט פערעץ געבעטן, מ'זאל אים כאטש געבן זיין צען־יעריק אינגעלע הערשעלע, וועלכן ער וויל דערציען נעבן זיך.

אויף דעם איז ר' יהושע צייטלין איינגעגאנגען נאר אויך דוקא מיט דעם תנאי, אז ער זאל פריער אויסשרייבן פאר דעם אינגל א גוטן מלמד, וועלכער זאל מיט אים מיטפארן קיין פעטערבורג. לויט דער רעקאמענדאציע פון איינעם א טהוער, האט דעמאלט פערעץ גענומען צו זיך אלס מלמד פאר זיין אינגל דעם גרויסן געלערנטן מענדל לעפין, וועלכער איז שוין געווען אביסל געכאפט, אבער אויסערליך איז ער נאך פארבליבן טריי די טראדיציעס פון דער אלטער אידישקייט.

אט דער מענדל לעפין האט זיך אמאל אין דער יוגנט, צוריקקערנדיק זיך פון בערלין, באזעצט אין דעם קליינעם שטעטל מיקאלייעוו, פאדאליער גובערניע, וועלכעס האט דאן אנגעהערט צו דעם פירשט אדאם טשארטאריסקי, און האט זיך מפרנס געווען פון א קליין געוועלבל מיט ליימענע כלים, וואס זיין פרוי האט געהאלטן.

פירשט טשארטאריסקי, וועלכער האט אליין געוואוינט אין מעזשיבוזש, פלעגט אפט קומען באזוכן זיינע גיטער, און אויך דאס ארימע אידישע שטעטל, וואו לעפין האט זיך געפונען. איינמאל איז טשארטאריסקי אריין אין לעפינס קרעמל און האט באמערקט אויפן טאמבאנק א אפענעם ספר. ווי פארוואונדערט איז ער געווארן, ווען ער האט דערזען, אז דאס איז געווען וואלפס "מאטעמאטיק". די קרעמערקע האט אים געזאגט, אז איר מאן ליבט זייער דעם ספר, און ווען ער קומט איר אמאל העלפן אין געשעפט, לאזט ער עס נישט ארויס פון האנט.

טשארטאריסקי האט זיך זייער געוואלט באקענען מיט דעם אידישן קרעמער, וואס לייענט ביים טאמבאנק דאס ווערק פונם בארימטן מאטעמאטיקער. נאך גרעסער איז געווען זיין דערשטוינונג, ווען ער האט אין אים געפונען א העכסט איירעפעאיש געבילדעטן מאן. פון דעמאלט אן איז לעפין געווארן א גרויסער מקורב צו דעם פוילישן מאגנאט, וועלכער האט געטון פאר אים טובות, געגעבן געלט, אויך אים באשטימט א מאנאטליכע פענסיע, כדי דער אידישער קרעמער זאל זיך קענען אפגעבן מיט וויסנשאפט. לויט טשארטאריסקיס פארשלאג, האט לעפין אנגעהויבן אין פראנצויזיש א אפהאנדלונג וועגן קאנטס שיטה אין פילאזאפיע. שפעטער זענען זיי זיך פונאנדערגעגאנגען: לעפין, וואס זיין שטארקער וויסנשאפט דראנג האט אים געשטויסן אין די גרויסע אייראפעישע צענטערס, האט ארומגעוואנדערט פון ארט צו ארט, און פירשט טשארטאריסקי האט זיך איבערגעקליבן קיין פעטערבורג, וואו אלעקסאנדער דער ערשטער האט אים געגעבן א גרויסן פאסטן אין אויסערן מיניסטעריום. פון דעמאלט אן האבן זיי ביידע, לעפין און טשארטאריסקי, איינער פון דעם צווייטן נישט געהערט. איצט, ווען לעפין איז געקומען קיין

פעטערבורג, וואו ער איז געווארן פערעצעס הויז לערער, האט ער זיך דארט ווידער באגעגנט מיט זיין אלטן פוילישן פריינט, וועלכער האט אים אויך היינט ארויסגעוויזן די אמאליקע הייסע התקרבות.

לעפין איז באלד געווארן ביי טשארטאריסקין א גאנצער "בן בית", און דורך זיין פארמיטלונג האט זיך דער פירשט באקענט מיט פערעצן.

בעת פערעץ האט זיך דערוואוסט, אז טשארטאריסקי איז באשטימט געווארן פון דער רעגירונג פאר א מיטגליד אין דעם אידישן קאמיטעט, האט ער אויסגענוצט זיין באקאנטשאפט צו ווירקן אויף אים לטובת די אידישע אינטערעסן.

אין קורצן האט שוין טשארטאריסקי אויסגעווירקט פון זיין זייט, אז מענדל לעפין זאל אויך אריין אין דער צאל פון די אידישע דעפוטאטן, וועלכע נעמען אנטייל אין די ארבעטן פון קאמיטעט. לעפינס אריינטריט אין קאמיטעט איז געווען פאר אידן א גרויסער געווינס.

## ג.

פערעץ, וועלכער האט געלייגט אויפן קאמיטעט זייער גרויסע האפנונגען, האט שוין גערעכנט זיין מיסיע פאר פארענדיקט, און פון דעמאלט אן האט ער זיך אנגעהויבן ביסלעכוויז דערווייטערן פון דער אידישער כלל ארבעט און זיך אפגעגעבן אינגאנצן זיינע גראנדיעזע פראוויאנט עסקים.

אין יענער צייט איז פארגעקומען א גרויסער איבערברוך אויך אין זיין אינטימען לעבן. פארברייטנגענדיק גאנץ אליין, און טראגנדיק אין הארצן א שנאה אויף זיין פרוי, פארוואס זי האט מדחה געווען זיין פארלאנג צו באזעצן זיך מיט אים אין פעטערבורג, האט דאס געבראכט דערצו, אז ער האט זיך געלאזט איינרעדן און זיך באקאנט מיט א דייטשקע, א שוועסטער פון א הויכגעשטעלטן אדמיראל, מיט וועלכן ער האט געהאט שטענדיקע געשעפטן אלס פאדריאטשיק פון שיף בוי. אינגיכן האט ער מיט איר חתונה

געהאט, און זי האט אים געבוירן צוויי קינדער. דאס האט שוין פערעצן אריינגעצויגן ממילא אין א ריין קריסטליכע ספערע, און זיינע באציאונגען צו אידן זענען געווארן אלץ שוואכער און זעלטענער. טאמער פלעגט ער נאך די ערשטע צייט געבן אמאל עצות די אידישע דעפוטאטן, ווי אזוי צו האנדלען אין קאמיטעט, האט ער דאס שוין איצט אויך אויפגעהערט, גערעדט פיל וועגן אים האט מען נאר אין די קריסטליכע קרייזן, וואו מען האט גערימט זיינע גרויסע וואוילטעטיקע מעשים, זיינע צדקות פאר פארשידענע קריסטליכע אנשטאלטן און אינסטיטוציעס.

## ד.

דערצו האט גראד געדארפט פאסירן, אז פערעץ האט זיך פארפלאנטערט נישט אין קיין גוטע געשעפטן, פון וועלכע ער האט זיך בשום אופן נישט געקענט ארויסדרייען. ביסלעכווייז איז אים אוועק שלעכט די צייט, ביז ער האט ענדליך באנקראטירט. נישט וועלנדיג בלייבן קיין אנזעצער, האט ער פון זיך פארקויפט ביזן לעצטן שנירל, ער האט זיך געשטעלט בדיל הדל, אבי אויף וויפל ס׳איז צו באפרידיקן זיינע בעלי חובות. ביי דער קריסטליכער געזעלשאפט האט ער שוין אבער פארלוירן זיין פרעסטיזש, די גרויסע ביוראקראטן, די נאך גאר נישט לאנגע שטענדיגע באזוכער פון זיין סאלאן, האבן אים אויסגעמיטן, צו אידן האט ער זיך אליין פרעמד געמאכט, נאך א צייט פריער האט ער איבערגעריסן מיט זיי יעדע באציאונג, אראפפאלנדיק פון אזא עשירות אין גרויס דלות, איז ממילא דורכדעם זיין שלום בית אויך צושטערט געווארן. מיט אמאל האט ער זיך דערפילט עלנד און איינזאם, און דאס אלץ האט אים צום סוף געבראכט צו זיין פאלשן טריט: אין א ״שיינעם פרימארגן״ האט ער גענומען און האט זיך אפגעשמדט.

די ידיעה וועגן אברהם פערעצעס שמדן זיך האט ארויסגערופן ביים רוסישן אידנטום גרויס צער און טרויער. אין א סך ערטער, באזונדערס אין ווייס רוסלאנד, האבן אידן אויף דעם ״קריעה״ געריסן און געזעסן ״שבעה״. די ערשטע צייט האט מען זיך אפגעהיט וועגן דעם צו רעדן אפן, מ׳האט עס

איבערגעגעבן פון מויל צו אויער, עפעס ווי איינער וואלט זיך געשעמט פאר דעם אנדערן. מ׳האט עס באטראכט פאר א פאלקס חרפה. אידן צווישן זיך האבן גערעדט, אז דאס האט אויפגעגעסן ר׳ יהושע צייטלינען ״א בייזע, פינסטערע עין הרע״. חסידים האבן אבער געהאלטן אז פערעץ איז געשטראפט געווארן פאר דעם, וואס אלס הייסער אנהענגער פונם ווילנער גאון האט ער זיך שלעכט פארהאלטן צום בעל התניא, און האט אונטערשטיצט די וועלכע האבן קעגן אים אינטריגירט און האבן גורם געווען צו זיין ארעסט. דערביי האט מען איבערגעגעבן דעם פאלגנדיקן פאקט: בעת ר׳ שניאור זלמן איז באפרייט געווארן פון דער פעטראפאוולער פעסטונג, האט ער געבעטן דעם זשאנדאר, וועלכער האט אים באגלייט, ער זאל אים אריינפירן אין דעם ערשטן אידישן הויז, וואס זיי וועלן אנטרעפן. ווי ס׳האט זיך ארויסגעוויזן, האט דער זשאנדאר אריינגעפירט ר׳ שניאור זלמנ׳ען גראד אין פערעצעס וואוינונג. ווי נאר פערעץ האט דערזען דעם רבין א באפרייטן, האט ער געהייסן אנשטעלן דעם סאמאוואר און אליין האט ער זיך אוועקגעשטעלט אויסוואשן די גלעזער. בשעת מעשה האט ער מיט א שטרענגן טאן אנגעהויבן רעדן צום רבין:

— ״איר מיינט, אז איר זענט שוין געראטעוועט, זאלט איר וויסן, אז איר זענט נאך נישט פריי. איר זענט איצט אריינגעפאלן אין מיינע הענט, און איך וועל אייך נישט ארויסלאזן, ביז איר וועט מסכים זיין אונטערצושרייבן, אז איר זאגט זיך אפ פון אייער נייער תורה און פון אלע אייערע מנהגים, וואס אונזערע אבות אבותינו האבן זיי נישט געקענט״.

ר׳ שניאור זלמן איז געזעסן זייער פארטרויערט און האט נישט געוואוסט וואס אנצוהויבן צו טון. די חסידים וואס האבן דעם גאנצן טאג געווארט, אז אט אט קומט ר׳ שניאור זלמן, האבן אבער וועגן אים קיין שום ידיעה נישט געהאט. דאן זענען זיי אים אוועק זוכן ביי די מתנגדים. און איינער א חסיד, ר׳ מרדכי ליפלער איז אריין צו פערעצן. ווי ערשטוינט איז ער געווארן, ווען ער האט דערזען, ווי דער רבי זיצט, און פערעץ שטייט און באליידיקט אים. אויפן וועג, ווען זיי זענען ביידע געגאנגען פון פערעצן, האט זיך ר׳ שניאור זלמן אפגערופן צום חסיד: איר האט מיך ממש מחיה

געווען. גלויבט מיר, אז די צייט, וואס איך האב פארבראכט "דארט", האב איך זיך געפילט פיל ערגער ווי אין דער געהיימער קאנצעלאריע.

פערעצעס סוף האט געמאכט א באזונדער שווערן איינדרוק אויף זיין שוואגער, ר׳ יהושע צייטלינס בן־יחיד ר׳ משה, וועלכער האט געהאט א נאמען פאר א גרויסן צדיק. ער האט געהאלטן, אז נאר זיין טאטנס אומגעהויערע עשירות און זיינע קאלאסאלע געשעפטן האבן פערעצן אראפגעפירט פונם רעכטן וועג ביז צום שמד. נעמענדיק דאס אין אכט, האט זיך ר׳ משה אפגעשיידט אינגאנצן פון דער וועלט און האט זיך כל ימיו אפגעגעבן נאר מיט תורה ועבודה.

נאך ר׳ יהושע צייטלינס הסתלקות, ווען זיין גאנצער פארמעגן איז איבערגעגאנגען צו זיין איינציקן יורש ר׳ משהן (זיין שוועסטער פייגעלע, פערעצעס ערשטע פרוי, איז נאך פריער געשטארבן פון הארץ־ווייטאג), האט ער נישט געוואלט זיין א "פריץ", ווי זיין פאטער, און הנאה האבן פון דער וועלט, און האט דעריבער גענומען און פארקויפט דעם פאטערס גוט מיט דעם שלאס און מיט דער גאנצער ווירטשאפט, וועלכע האט אנגעטראפן אוצרות.

מען דערציילט, אז אלע כלים, מיט וועלכע מ׳האט זיך באנוצט ביי ר׳ יהושע צייטלינען אין הויף, אפילו דאס קווערטל צום וואשן זיך, איז געווען פון ריינעם זילבער.

פאר זיך האט ר׳ משה איבערגעלאזט בלויז די ספרים אלמערס מיט די פינף און צוואנציק ספר־תורות, וועלכע ער האט אריבערגעפירט אין דער נאענטסטער שטאט טשעריקאוו, וואו ער האט זיך באזעצט מיט זיין גאנצער פאמיליע.

ר׳ משה האט אויך מנדב געווען דער טשעריקאווער שול דעם באגילדעטן מונדיר, וואס יעקאטערינע די צווייטע האט אמאל געשאנקען זיין פאטער. א לאנגע צייט האבן זיך יערליך באנוצט מיטן דאזיקן מונדיר די שטעטלדיקע פורים־שפילער, ביז ער איז אינגאנצן צוריבן געווארן און עס

זענען פון אים פארבליבן בלויז שמאטעס...

★ ★ ★

אין דעם זעלבן דרך איז צום סוף אוועק אויך פערעצעס געוועזענער לערער און פריינט ליב געוואכאוויץ. ווען פערעץ איז נאך געווען אין פלאט, האט ער אויסגעווירקט ביי דער רעגירונג פאר געוואכאוויצן די שטעלע פון א געשוואוירענעם איבערזעצער. צווישן אנדערן האט געוואכאוויץ איבערגעזעצט אין רוסיש אויך די העברעאישע דאקומענטן, וועלכע זענען קאנפיסקירט געווארן ביי דעם גאון און צדיק ר׳ שניאור זלמן לאדיער בשעת זיין ארעסט. שפעטער האט געוואכאוויץ באקומען, אויך ווי עס ווייזט־אויס דורך פערעצעס רעקאמענדאציע, ארבעט ביים סענאט.

די גרינדונג פונם ״אידישן קאמיטעט״ האט געוואכאוויצן זייער באגייסטערט. ער האט געלייגט אויפן קאמיטעט אזעלכע גרויסע האפנונגען, אז ער האט אים געהאלטן פאר דעם ערשטן טריט צו דער אידישער עמאנציפאציע אין רוסלאנד. פון פיל התפעלות האט ער דעמאלט, אין יאר תקס״ג, פארעפנטליכט א קליין רוסיש ביכל אונטערן נאמען: ״די קלאג פון דער טאכטער יהודה״, וועלכעס ער האט געווידמעט דעם אינערן־מיניסטער און מיטגליד פון קאמיטעט, גראף קאטשוביי. דער צוועק פון געוואכאוויצעס ביכל איז געווען, ארויסצורופן אין דער רוסישער געזעלשאפט הומאניטארע געפילן צו אידן, דערמאנענ דעם לייענער וועגן דעם, אז די אידן זענען בארויבט אין זייערע בירגערליכע רעכט. געוואכאוויצעס הויפט־צוועק איז אבער געווען, צו ווירקן אויף די רוסן, זיי זאלן קוקן אויף אידן, ווי אויף ״מיט־ברידער״. אפשר ווייל די אידישע דעפוטאטן האבן שוין באוויזן באקאנט צו מאכן דער רעגירונג מיט דעם רעכטליכן און עקאנאמישן מצב פונם אידישן פאלק, האט דעריבער געוואכאוויץ באשריבן אין זיין ווערק, נישט די פיזישע, נאר די מאראלישע ליידן, וועלכע אידן לעבן־איבער דורך דעם, וואס די קריסטליכע באפעלקערונג שטויסט זיי פון זיך ארויס. אין הויכע מליצות שילדערט געוואכאוויץ, ווי זיין הארץ ווערט אין אים צופלאצט בעת ער זעט, מיט וועלכער פאראכטונג מען באציט זיך צו אים בלויז דערפאר, ווייל ער איז א

איד. „א, איר קריסטן! — שרייט־אויס גענואכאוויץ. — איר זוכט אין דעם מענטשן דעם אידן?! ניין, זוכט אין דעם אידן דעם מענטשן, און איר וועט אים, אן א ספק, געפינען... איך שווער, אז א איד, וואס היט אפ אין איר ריינקייט זיין אמונה, קען נישט זיין קיין שלעכטער מענטש און קיין שלעכטער בירגער!!". אין דעם זעלבן ספר, וועלכער איז געווען דאס ערשטע ווערק אין רוסיש וועגן דער אידן־פראגע, איז געוואכאוויץ זייער שארף ארויסגעטראטן קעגן שמד. „ווען מיר וואלטן זיך אפגעזאגט פון אונזער אמונה, כדי צו באקומען בירגער־רעכט, — פרעגט ער, — וואלטן מיר שוין דורך דעם געווארן חשובערע מענטשן?". אויסער דעם, איז דאס בוך א לויב־געזאנג די רוסישע קיסרים, די גרויסע „מלכי־חסד", וואס אונטער זייער הערשאפט האט זיך דאס אידישע פאלק פונאנדערגעבליט.

אין א יאר ארום האט געוואכאוויץ דאס זעלבע ווערק ארויסגעגעבן אין זייער א שיינעם לשון קודש, געדרוקט אין שקלאוו, אונטערן נאמען „קול שועת בת יהודה", און געווידמעט איינעם פון די דעמאלטיקע גרעסטע אידישע שתדלנים, וועגן וועלכן מיר וועלן נאך רעדן אין א באזונדער קאפיטל, ר' נתן נאטקין.

ס'האט אבער לאנג נאכדעם נישט געדויערט און געוואכאוויץ האט זיך געשמדט. די ריכטיקע סבה פון זיין שמדן זיך איז פארבליבן נישט אויפגעקלערט, און עס זענען וועגן דעם ארויסגעזאגט געווארן פארשידענע השערות. אנדערע נעמען אן, אז ער האט עס געטון פאר גרויס יאוש, נאכדעם, ווי ער האט זיך ארומגעזען, אז פונם „אידישן קאמיטעט" וועט נאך אזוי גיך נישט קומען די ישועה פאר אידן. ס'איז דא א מיינונג, אז ער האט זיך פשוט געוואלט אויסמישן מיט דעם רוסישן פאלק, צו וועלכן ער האט געהאט זייער גרויסע סימפאטיעס. ווידער איז דא א סברה, אז נאכדעם, ווי פערעץ איז געווארן א ארימאן און איז אראפ פון זיין גדולה און האט זיך געשמדט, האט זיך גענומען וואקלען געוואכאוויצעס שטעלע אין סענאט, און דעריבער האט ער געכאפט און זיך אויך אפגעשמדט.

פון דעמאלט אן האט זיך געוואכאוויץ דערווייטערט פון אידישע אינטערעסן לגמרי. אין יאר תקע"ז איז ער אריבער וואוינען קיין ווארשע,

וואו ער האט באקומען א שטעלע אין פינאנץ־מיניסטעריום פאר פוילן. א געוויסע צייט האט ער געהאלטן אין ארענדע דעם טאבאק־מאנאפאל אין פוילן. אין יאר תקצ״א איז געוואכאוויץ געשטארבן אין פעטערבורג און איז באגראבן געווארן אויפן לוטעראנער בית־עלמין.

ווי עס זעהט אויס, האט האס דערנענטערן זיך צו די רעגירונגס קרייזן און זיך ארייגלאזן אין שטודירן האט ארייגעברייגגט אין געפאהר די אלע וואס האבן זיך אין דעם ארייגעלייגט און טראץ זייער שתדלנות און איבערגעבנקייט צו הילף, האבן זיי געדארפט האבן גרויס סיעתא דשמיא נישט צו פארקריכן פון גלייכן וועג, און די וואס זיינען נישט געווען פעסט אויפן אידישן באדן האבן זיך נעבאך אויסגעגליטשט, דאס דערנענטערן זיך צו תרבות יונית האט פיהל געשאדט, און נאר אייצעלנע ממש זענען געראטעוועט געווארן.

## פינפטער קאפיטל:
# ר׳ נתן נאטקין

גרויסע פלענער — די פאלשע ראלע פון דערזשאווין — יחידישע שתדלנות — ארעסטירט דעם וויטעבסקער ראש הקהל — די ברכה פון ר׳ חיים וואלאזשינער — דאס באגעגעניש מיטן גראף קאטשעביי — דער אומבאקאנטער הער — דאס וואונדערליכע באגעגעניש מיטן קייסער — שטעל זיך אפ! — דער שטילער קאמפ מיט דערזשאווין



א פאגראם אויף אידן

# ר׳ נתן נאטקין

## א.

דער גרעסטער שתדלן אין יענע יאהרן, איז געווען פאפולער ביים פאלק אונטערן נאמען ר׳ נטע שקלאווער. געבוירן אין מאהילעוו אין א פאמיליע פון רייכע סוחרים, בני תורה, האט ער זיך נאך דער חתונה אויך גענומען צום מסחר, האט געפירט געשעפטן אין טיף־רוסלאנד און זאגאר אין אויסלאנד און האט זיך דערוואָרבן א גרויסן קאפיטאל. ביי אים אין שטוב האבן תמיד פארקערט די גרעסטע פוילישע מאגנאטן פון דער גאנצער געגנט, וועלכע ער האט ארויסגעהאלפן מיט הלואות און זיי געטון אויך אנדערע טובות. דערביי האבן זיי אים דאן צוגעדינט ביי דער מאכט, — ווייס־רוסלאנד האט נאך דעמאלט געהערט צו פוילן, — צו באקומען דעם טיטול ״פוילישער הויף־ראט״, און אזוי האט ער זיך פון יענער צייט אן געחתמעט אויף אלע פאפירן.

שוין זייענדיק זייער רייך, האט נאטקין פארלאזט מאהילעוו און זיך אריבערגעטראגן וואוינען אין שקלאוו, — דער דאמאלסדיקער גרעסטער האנדלס־צענטער פון ווייס־רוסלאנד, דאס איז געווען קורץ נאכדעם, ווי יעקאטערינע די צווייטע האט דעם געגנט פאראייניקט מיט רוסלאנד. ביי דער ערשטער נסיעה, וואס דער פעלד־מארשאל פאטיאמקין האט דעמאלט געמאכט איבער ווייס־רוסלאנד, האט ער זיך אין שקלאוו באקענט מיט נאטקינען, וועלכער האט אויף אים פון דער ערשטער מינוט אן געמאכט א גוטן איינדרוק. אינגיכן האט נאטקין אנגעהויבן באקומען פון דער רוסישער רעגירונג גרויסע פאדראדן פאר דער ארמיי. צוליב דעם פלעגט אים גאנץ אפט אויסקומען נאכצופארן נאך דעם מיליטער, באזונדערס אין דער צייט פון מאנעווערעס, און פארברענגען לאנג אין וועג. אין דער צייט פון דעם ערשטן טערקישן קריג האט זיך נאטקין געפונען ביי פאטיאמקינען אויפן

פראנט, און האט זיך פון דארט צוריקגעקערט מיט די בעסטע אויסצייכענונגען פון די העכסטע מיליטערישע אנפירער. דורכדעם האט ער געקראגן א נאמען און איז געווארן א גרויסער מפורסם.

נאך וואוינענדיק אין מאהילעוו, האט נאטקין תמיד אויסגענוצט זיין באקאנטשאפט מיט די הויכע פוילישע שררות לטובת אידן. דעמאלט איז די עקזיסטענץ פון די דארפישע און קליינשטעטלדיקע אידן געווען כמעט אינגאנצן אפהענגיק פון די פריצים, די פאקטישע בעלי־בתים פון די הויפן און פון די ארומיקע ערד, נישט זעלטן האבן זיך דאן די פריצים לוסטיק געמאכט איבער "זייערע" אידן, אנגעטון זיי די גרעסטע נגישות, געשמיסן זיי עפנטליך, אנגערייצט אויף זיי וועלפישע הינט, און אמאל אויך צוליב פארשידענע קאפריזן ארויסגעווארפן זיי אין מיטן העלן טאג פון זייערע איינגעזעסענע ערטער און געלאזט זיי וואלגערן זיך אן א דאך איבערן קאפ און אן חיונה. אין פיל אזעלכע פאלן, האט זיך נאטקין אנגענומען פאר די באעוולהטע אידן, האט פאר זיי גוט געזאגט און אזוי־ארום געהאלפן זיי אין דער נויט.

באזעצנדיק זיך אין שקלאוו, וואו ס'האבן זיך שוין דעמאלט געפונען געציילטע אידן, וועלכע האבן געטראגן אין הארצן דעם אייביקן אידישן צער, און האבן כסדר געהאלטן אין איין טראכטן וועגן דעם נידעריקן מצב פונם כלל ישראל, איז נאטקין אויך באלד צוגעשטאנען צום דאזיקן קרייז. זייענדיק פון דער נאטור טעמפעראמענטפול און ענערגיש, האט ער זיך נישט באנוגנט מיטן בלויזן טראכטן. פון זיצן און דאגהן אליין וועט גארנישט ארויסקומען, — אזוי איז געווען זיין לאזונג. — כדי צו פארבעסערן דעם אידישן מצב, דארף מען עפעס טון, דארף מען עפעס אונטערנעמען אזוינס, וואס זאל ווירקן אויף דער רעגירונג. נאטקין איז געווען דער ערשטער איד אין רוסלאנד, וואס האט פארשטאנען, אז די אידישע הילף קען קומען נאר פון דרויסן, ד. ה. מצד דער מאכט, און בלויז דורך פולע בירגער־רעכט.

נאטקין האט זיך גענומען ארומטראגן מיט גרויסע פלענער. ער האט אפגעריסן צייט פון זיינע פארצווייגטע עסקים און שטודירט די אידישע

רעכטליכע לאגע אין פרייסן און אין עסטרייך, האט אויסגעארבעט מעמאראנדומס און דעקלאראציעס וועגן דער אידן־פראגע אויף די פארשידענע געביטן, האט צוזאמענגעקליבן א מאסע מאטעריאל, אויף וועלכן ער זאל זיך קענען שטיצן, און מיט דעם אלץ איז ער אפגעפארן קיין פעטערבורג.

נאטקין איז געווען דער איינציקער איד, מיט וועלכן דער באוואוסטער צורר־היהודים, גראף זאריטש, האט זיך מורא געהאט צו טשעפען. די ערשטע צייט האט זיך זאריטש אין זיינע האנדלס־אונטערנעמונגען באנוצט מיט נאטקינס טובות, און דערפאר פלעגט ער אים אין געוויסע פאלן אנטקעגן קומען, און אמאל אויך אונטערהנפענען אים. ווען נאטקין האט זיך געקליבן פארן קיין פעטערבורג, האט אים דאן זאריטש מיטגעגעבן צום גענעראל־פראקוראר פירשט קוראקין די פאלגענדע, זייער אינטערעסאנטע רעקאמענדאציע:

"מיין גנעדיקער הער, פירשט אלעקסיי באריסאוויטש! דער איבערברענגער פונם בריוו, דער שקלאווער איינוואוינער נאטע חאאימאוויטש, האט מיר דערלאנגט א בריוו, אין וועלכן ער דערקלערט: אז זייענדיק ארויסגערופן אין דער ארמיי, האט ער פונם יאר תקמ״ח אן געדינט דעם פאטערלאנד מיט גרויס פלייס, מ׳האט אים אויסגעוויילט אלס מיטגליד אין געהיימע קאמיסיעס, נישט איינמאל איז ער געווען אין געפאר דערהרגעט צו ווערן. ער האט צוגעשטעלט פארן מיליטער פראוויאנט, און אויך די נויטיקע פראוויזיע פארן פלאט און פאר די שפיטאלן אין אזא צייט, ווען קיינער אויסער אים האט צו דעם גארנישט געוואלט צוטרעטן. אויף דעם אלץ האט ער אויסצייכענונגען פון די אויבער־קאמאנדירן, מ׳האט אים נישט בלויז נישט באלוינט פאר דאס אלץ, נאר ער האט נאך, שוין באלד צוויי יאר א חוב ביי "קאזנא" אין דער סומע פון צוויי הונדערט טויזנט רובל, דעריבער האט ער מיר געבעטן, איך זאל זיך פאר אים משתדל זיין. צוליב זיין ענין, וועט אים אויסקומען מטריח צו זיין אייער דורכלויכט, און דעריבער בעט איך אייך אונטערטעניקסט, ארויסצווייזן אים פון אייער זייט א באזונדער התקרבות. איך ווייס גאנץ גוט אלע טובות, וואס די מלוכה

האט דורך אים געהאט, און דאס איז די איינציקע סבה, פארוואס איך בעט פאר אים. דורכדעם, וואס איר וועט אים אויסשטרעקן אייער האנט צו הילף, וועט איר ראטעווען זיין גאנצע פאמיליע און אויך פיל אנדערע פערזאנען, וואס זייער גורל איז פארבונדן מיט זיינע געשעפטן, און צוזאמען מיט דעם וועט איר אויך מיר טון א גרויסע טובה. אויב ער וועט איבערגעבן אייער דורכלויכט אויך עפעס פון די פיל בקשות, וואס איך האב צו אייך, בעט איך אייך אזוי גוט צו זיין און אויסצוהערן אים גנעדיקסט.

מיט אמתער אכטונג און איבערגעבנהייט האב איך דעם כבוד צו פארבלייבן אויף שטענדיק אייער דורכלויכטס אונטערטעניקסטער דינער סעמיאן זאריטש".

לייענענדיק זאריטשעס רעקאמענדאציע, קען מען מיינען, אז נאטקין איז אויסן געווען צו באנוצן זיך מיט איר בלויז צוליב אייגענע אינטערעסן. ארויסגעוויזן האט זיך אבער, אז נאטקינס כונה איז נאר געווען צוצוקומען צו קוראקינען, כדי ער זאל אים קענען איבערגעבן דעם פראיעקט, וואס ער האט אויסגעארבעט וועגן אידן. אין יענער צייט, דאס איז געווען אינמיטן יאר תקנ"ז, האט דער פוילישער אדעל פון מינסקער גובערניע ארייגעשיקט דער רוסישער רעגירונג א עפנטליכע דערקלערונג, וועלכע דער סענאט האט געכאפט און אויסגעפויקט אין אלע "אידישע" גובערניעס, אז דער הויפט־שולדיקער אין דער אומגליקליכער עקאנאמישער לאגע פון ווייס־רוסלאנד איז נאר דער אידישער שענקער. אין דער דאזיקער באשולדיקונג איז געלעגן דער באהאלטענער פארשלאג, אפצונעמען ביי אידן לגמרי דאס בראנפן־געשעפט. דאס האט נאטקינען ארויפגעפירט אויפן געדאנק, אז ס'וואלט אפשר בעסער געווען צו באפרייען אידן פון דער פוילישער שכנות און פון דעם האנדל מיטן "ביטערן טראפן" בכלל.

דער דאזיקער געדאנק האט געדינט נאטקינען אלס יסוד צו דעם פראיעקט, וועלכן ער האט דערלאנגט דעם גענעראל־פראקוראר קוראקין, אז ס'וואלט גוט געווען אריבערצופירן אידן קאלאניעס־ווייס פון די פוילישע גובערניעס אין די פרוכטבארע סטעפעס, וואו זיי זאלן זיך באשעפטיקן מיט ערד־ארבעט און פי־צוכט, און אויסבויען דארט ביי די

פארטן פון שווארצן ים פאבריקן פון טוך, שפינערייען און וועבערייען פון קאנאטן און לייוונט צו שיפן, וואו אלע ארבעטער און מייסטערס זאלן זיין דורכאויס אידן.

דער פראיעקט איז, געוויינליך, דורכגעפאלן, אבער נישט מחמת רשעות, נאר צוליב דעם, וואס די רוסישע רעגירונג האט זיך ערשט דאן צוגעגרייט אויסצופארשן דאס אידישע לעבן אין די נייע, פון פוילן צו רוסלאנד איבערגעגאנגענע גובערניעס, און נישט האבנדיק נאך פאר זיך דעם נויטיקן מאטעריאל, האט זי בנוגע אידן גארנישט געוואלט אונטערנעמען.

דא איז אבער כאראקטעריסטיש דער פאַקט פאר נאטקינס פערזענליכקייט, אז ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער איז ארויס קעמפן עפנטליך קעגן דער מיינונג, וואס איז שוין דעמאלט פארשפרייט געווארן דורך די שונאי־ישראל, אז די אידישע רעליגיע דערלאזט נישט אידן צו באשעפטיקן זיך מיט ערד־ארבעט און אז אידן טויגן בכלל נישט צו קיין פיזישער טעטיקייט אויסער צום האנדל.

פון קוראקינען האט זיך נאטקין דערוואוסט, אז די טעג איז אפגעפארן דער דיכטער דערזשאווין מיט דער פולמאכט פון סענאט קיין ווייס־רוסלאנד, כדי צו קלויבן ידיעות וועגן דעם מצב פון די דארטיקע אידן און זייערע באציאונגען צו דער קריסטליכער באפעלקערונג.

הערנדיג דאס, האט שוין נאטקין מער נישט געקענט איינזיצן אין פעטערבורג. ער האט איבער געלאזט זיינע געשעפטן, און איז גלייך אוועק נאך דערזשאווינען. בשעת זיין לעצטן וויזיט ביי קוראקינען האט אים דער גענעראל־פראקוראר אנגעזאגט די בשורה, אז נעמענדיק אין אכט זיינע גרויסע פארדינסטן אלס פראוויאנט־צושטעלער פאר דער ארמיי און פארן פלאט, דריקט אים אויס דער קייזער זיין דאנק און צום צייכן שענקט ער אים א גאלדענע טאבאקערקע איינגעפאסט אין ברילִיאנטן. לויט א אנדער ווערסיע האט דאן פאוול געשאנקען נאטקינען אויך א גוט אין מאהילעווער גובערניע.

# ג.

מיט דערזשאווינען האט זיך נאטקין דאס ערשטע מאל באגעגנט אין שקלאוו, וואו ער האט מיט אים צוזאמען פארבראכט א היבשע צייט. לויט ווי דערזשאווין דערציילט אליין אין זיינע "פאפירן" האט נאטקין אויף אים געמאכט א געוואלטיקן איינדרוק. ער האט נאך קיינמאל נישט געזען צווישן אידן אזא קלוגן, פראקטישן און וועלטליך געבילדעטן מאן. מאכנדיק דעם אנשטעל, אז ער איז פולשטענדיק אביעקטיוו, האט ער כסדר אויסגעהערט פון נאטקינען דערקלערונגען וועגן אידן און אידישקייט, און ארומגערעדט מיט אים אלערליי פלענער און פראיעקטן, ווי אזוי צו הויבן דעם וואוילשטאנד פון דער אידישער באפלעקערונג אויף א וועג אז דאס זאל נישט שאדן די אינטערעסן פון די קריסטן.

צווישן אנדערע פראיעקטן האט דאן נאטקין פארגעלייגט דערזשאווינען, אז אידישע גרויסע סוחרים זאלן גרינדן א סינדיקאט מיט א גרויסן קאפיטאל, וועלכער זאל אנפירן מיט אלע האנדלס געשעפטן, וואס גייען איבערן שווארצן ים און זיינע נאהנטע פונקטן. דערביי האט אים נאטקין אויפגעוויזן, אז אזא סינדיקאט קען זיין פון גרויס נוצן פאר דער מלוכה, אריינברענגענדיק דער מלוכה פיל הכנסה.

אויסער דעם האט אים נאטקין פארגעלייגט א גאנצע ריי פראיעקטן, ווי אזוי צו רעפארמירן די אידישע פרנסות. אינטערעסאנט איז דער פאקט, אז נאטקין האט שוין אין זיין צייט געהאט א אויסגעארבעטן פלאן וועגן דער גרינדונג פון באזונדערע אידישע קהלשע חנוך אנשטאלטן. בכלל זענען אלע נאטקינס פלענער געווען פון זייער א גרויסן פארנעם. אויף דעם באדן איז וויפל מאל געקומען צו סכסוכים צווישן נאטקינען מיט די אנדערע אידישע שתדלנים פון ר׳ יהושע צייטלינס שניט.

ר׳ יהושע צייטלין מיט זיינע מקורבים האבן איינגעפונען, אז נאטקין פארנעמט זיך צו־ברייט, אז צוליב זיינע פראיעקטן וועגן דעם גאנצן אידישן פאלק, פארנאכלעסיקט ער די אינטערעסן פון די איינצעלנע קהלות, וועלכע שטייען אויס די געברענטסטע ליידן פון די ארטיקע סאטראפן. זיי האבן

געטענהט, אז דער אידישער שתדלן דארף ארבעטן פאר די אקטועלע באדערפענישן פון דעם מאמענט, אבער נישט פארן ווייטן עתיד. נאטקין איז אבער פון דער נאטור נישט געווען קיין מענטש, וואס קען זיך ארייגלאזן אין קלייניקייטן. ער האט זיך געשטעלט פאר זיין צוועק צו ראטעווען דאס גאנצע רוסישע אידנטום און קעמפן אזוי לאנג, ביז ער וועט אויספועלן פאר זיי פולע רעכט. דערצו איז ער געווען זייער אפטימיסטיש און האט געלייגט פיל האפנונגען אויף דער רעגירונג פון פאוול דעם ערשטן.

ווען נאטקין האט זיך ארומגעזען, אז דערזשאווין פירט דא בנוגע אידן א פאלשע ראלע, אז באמת שטיצט ער נאר אונטער די מיינונג פון די פריצים וועגן דער אידישער שעדליכקייט, און אז ער פירט מיט זיך פארן קייזער א מעמאראנדום, וועלכער ענטהאלט פארשידענע פארשלאגן און פראיעקטן ווי צו פארקלענערן די אידישע רעכט, און דער עיקר ווי צו איזאלירן זיי פון דער קריסטליכער באפעלקערונג דורך אלערליי בעגרעניצונגען, איז ער תיכף נאכגעלאפן נאך אים קיין פעטערבורג מיט דער האפנונג, אז אים וועט זיך דארט איינגעבן צו פאראליזירן זיינע פלענער.

גראד אין יענער צייט איז פאוול אומגעקומען, און אויפן רוסישן טראן איז ארויף אלעקסאנדער דער ערשטער. אין די העכערע מלוכה־ספערן האט זיך דעמאלט געוואונדערט, אלץ האט זיך נאך געפונען אונטער דער ווירקונג פון פאוולס דערמארדונג, און נאר דאס דאזיקע געשעעניש האט באשעפטיקט אלעמענס מחות. אין יענע אומרואיקע מינוטן האט מען פארגעסן אין וויכטיגערע זאכן ווי די אידן־פראגע.

דערזשאווינס מעמאראנדום איז געבליבן ליגן אויף דערווייל אונטער דעם גרינעם טישטאך פון סענאט, און קיינער האט זיך וועגן אים גארנישט אנגעהויבן אפילו צו קימערן. ממילא האט שוין אויך נאטקין אין פעטערבורג נישט געהאט וואס צו טון. ער איז דאן צוריקגעקומען קיין שקלאוו, וואו ער איז ארייגעצויגן געווארן אין שטראם פון ר׳ יהושע צייטלינס אידישער פאליטיק און האט זיך דערווייל אפגעגעבן מיט שתדלנות לטובת קהלות און יחידים.

# ד.

וועגן נאטקינס "יחידישע שתדלנות", — ווי ער האט עס גערופן, — זיינען ארומגעגאנגען אין ליטע און ווייס־רוסלאנד פארשידענע מעשיות, איינע פאנטאסטישער פאר דער צווייטער. אלס ביישפיל וועלן מיר דא ברענגען א פאר אזעלכע מעשיות. אזוי דערציילט מען, למשל, אז א קורצע צייט נאך פאוולס טויט האבן אין א סך ערטער די שונאי־ישראל געפרובט אויפהויבן דעם קאפ. מיינענדיק, אז דער נייער קייזער, אלעקסאנדער דער ערשטער, איז צו אידן נישט אזוי גוט געשטימט ווי זיין פאטער, האבן זיי גענומען אנפירן העצעס באזונדער קעגן די אידישע גבירים, וועלכע זענען דאן געווען די פארשטייער פון די קהלות. א קרבן פון אזא העצע איז שיעור נישט געווארן דער וויטעבסקער פרנס־חדש, ר׳ ביינוש, וועלכער איז געווען א איד, א למדן און א גרויסער גביר. ער האט געהאט אין יענער געגנט וועלדער און ברייזער, ארום וועלכע עס האבן געלעבט א סך אידישע פאמיליעס. ער איז בכלל געווען באוואוסט פאר א גרויסן בעל־צדקה, ער האט געגעבן מאסן נדבות און גע׳שמ׳ט פאר א "אפענע האנט". דאס האט ממילא געבראכט דערצו, אז ר׳ ביינוש איז געווארן דער גרעסטער בעל־דעה אין שטאט, איז געשטאנען בראש פון דער קהלה און אנגעפירט מיט אלע אירע אינטערעסן.

אמאל, שבת אינדערפרי, בעת דער וויטעבסקער פרנס האט זיך געפונען אין שול ביים דאווענען, איז אריין דער פאליציימייסטער מיט עטליכע פאליציאנטן, וועלכע זענען גלייך צוגעגאנגען צו אים אין דער מזרח־וואנד, וואו ער איז געשטאנען, האבן פון אים אראפגעריסן דעם טלית און אוועקגעפירט אים מיט זיך. דער גאנצער עולם אין שול איז געבליבן שטיין ווי צומישט, קיינער האט נישט געוואוסט וואס דאס באדייט, קיינער האט נישט געקענט פארשטיין, ווי קומט אזוינס צו פאסירן מיט דעם שענסטן וויטעבסקער אידן, וועלכער איז כל ימיו געווען "אויסגעמישט מיט נאטשאלסטווע", און אפילו די קריסטליכע באפעלקערונג האט זיך צו אים שטענדיג באצויגן מיט דעם גרעסטן רעספעקט. באלד נאכן דאווענען זענען צוויי פון די חשובסטע וויטעבסקער אידן אוועק צום פאליציימייסטער צו

דערגיין ביי אים, וואס דא איז געשען. דער פאליציימייסטער האט זיי געזאגט. אז ער האט דאס געטון לויט דער פאראָרדנונג פון דעם גובערנאטאר. דער גובערנאטאר ווידער האט געענטפערט, אז ער האט וועגן דעם באקומען א באפעל פון פעטערבורג. די סבה פון דעם ארעסט ווייסט ער אליין אויך נישט.

אין צען טעג ארום בערך זיינען אראפגעפארן קיין וויטעבסק א פאר היכע באאמטע פון דער הויפט־שטאט, וועלכע האבן דעם פרנס אוועקגעפירט געשמידט אין קייטן קיין פעטערבורג. אויסער דעם האבן זיי פארחתמעט אלע זיינע געוועלבער און ברייזער, און קאנפיסקירט זיין גאנצן פארמעגן, וואס איז באשטאנען אין א סך טויזנטער גאלדענע רענדלעך.

אין שטאט איז געווארן א יללה. עס האבן געקלאגט נישט בלויז זיין ווייב און קינדער, נאר אויך די הונדערטער פאמיליעס, וועלכע האבן זיך פון זיינע געשעפטן מפרנס געווען. מ'האט גוזר תענית געווען, אין די קלויזן און בתי־מדרשים האט מען תהלים געזאגט און געבעטן ג־ט, אז די גזרה זאל בטל ווערן. א פאר רייכע קרובים פונם פרנס זענען געלאפן קיין פעטערבורג, האבן דארט אפגעשלאגן די שוועלן פון פארשידענע שררות, און זענען קיין זאך נישט דערגאנגען.

דאן איז דער וויטעבסקער רב מיט צוויי שיינע בעלי־בתים אראפגעפארן קיין שקלאוו, צו ר' נתן נטען, האבן אים דערציילט די געשיכטע און געפרעגט א עצה, וואס צו טון. נאטקין האט באלד פארשטאנען, אז דא שטעקט עפעס א בלבול, און זייער א שווערער, וועלכן מ'מוז אויפדעקן, און ער האט זיי געענטפערט:

— פארט אייך אהיים, געזונטערהייט. עס וועט שוין, מיט ג־טס הילף, רעכט ווערן.

נאך דעם זעלבן טאג איז נאטקין אפגעפארן קיין פעטערבורג. דאס איז געווען אין מיטן ווינטער, אין דרויסן זענען געשטאנען גרויסע פרעסט און זאווערוכעס. די נסיעה האט ער געמאכט מיט בעלי־עגלות פון שטאט צו

שטאט. אין ווילנע איז ער אנגעקומען קוים מיטן לעבן. ביים אריינפאר פון שטאט האט ער געהייסן דעם בעל־עגלה זיך אפשטעלן, האט צוגערופן א פארבייגייענדן איד און האט אים געבעטן, ער זאל אים ווייזן דעם בית־עלמין, וואו עס ליגט דער ווילנער גאון. דער איד האט אים געוויזן, און נאטקין איז ארויף אויפן בית־עלמין, און ווי ער שטייט און גייט האט ער זיך ביז אין האלז אין שניי ארויפגעווארפן אויפן גאונס קבר, האט דארט שטיל מתפלל געווען ביי א האלבער שעה, און איז אוועק אין שטאט. פון דעם בעל־אכסניא, צו וועלכן ער איז פארפארן איבערנעכטיקן, האט זיך נאטקין דערוואוסט, אז אין ווילנע געפינט זיך איצט דער בארימטער גאון ר׳ חיים וואלאזשינער. ווי פארמאטערט נאטקין איז געווען פון וועג, איז ער באלד אוועק און האט אויפגעזוכט ר׳ חיימען, מיט וועלכן ער האט זיך שוין מיט עטליכע יאר צוריק אמאל באגעגנט ביים ווילנער גאון.

נאטקין האט דערציילט ר׳ חיימען דעם צוועק פון זיין נסיעה און האט געזאגט:

— רבי, בענטשט מיך, איך זאל מצליח זיין.

אויף דעם האט אים דער וואלאזשינער גאון געענטפערט:

— איך בענטש דיר, מיין זון ״ישועת ה׳ כהרף עין״! (ג־טס הילף קען קומען אין איין אויגנבליק).

שפעט נאך האלבער נאכט איז נאטקין אוועק פון ר׳ חיימען. דורכגייענדיק איינע פון די גאסן, איז נאטקין געבליבן שטיין נעבן א שיין צוויי־גארנדיק הויז, וואס איז געווען העל באלויכטן און פון אינווייניק האבן זיך געטראגן קלאנגען פון א מוזיק־ארקעסטער. נאטקין איז נייגעריק געווארן צו וויסן, וואס דא קומט פאר, און נישט קלערנדיק פיל איז ער צוגעגאנגען צו דעם אלטן קריסטליכן וועכטער, וועלכער איז געזעסן אין א בודקע פאר דעם הויז און אריינרוקנדיק אים אין האנט א מטבע, האט ער אים געפרעגט, ווער עס וואוינט דא און וואס עס באדייט די שמחה. דער וועכטער האט זיך געלאזט רעדן און האט דערציילט נאטקינען, אז דא



דער ציון פון ווילנער גאון

וואוינט דער גובערנאטאר און אז ביי אים איז היינט א באל לכבוד דעם אינערן־מיניסטער גראף קאטשעביי. ווי נאטקין האט דאס דערהערט, האט ער זיך אפגערופן צום וועכטער:

— הער נאר, פעטערל! ווי איך זעה ביזטו נעבאך א גרויסער ארימאן, ווען נישט, וואלסטו דאך נישט אפגעשטאנען א גאנצע נאכט אויפן גאס אין אזא פראסט. איך בין א רייכער מאן, ביי וועלכן דו קענסט קריגן א "מנה־יפה", ווען דו זאלסט מיר נאר טון א גאנץ קליינע טובה.

דער וועכטער האט אנגעשטעלט זיינע אויערן מיט גרויס פארוואונדערונג, נישט פארשטייענדיק וואס, מישטיינס געזאגט, פאר א טובה קען ער טון דעם רייכן אומבאקאנטן איד.

— זיי א מענטש און קריג זיך ווי־עס־איז דורך צום גראף קאטשעביי און זאג אים, אז א איד, נטע שקלאווער הייסט ער, שטייט אויפן גאס און וויל אים דורכאויס זען.

— דאס קען איך נישט! — האט געענטפערט דער וועכטער. — אונטן, באלד ביים אריינגאנג, געפינט זיך א וואך פון פאליציאנטן, וועלכע וועלן מיך געוויס נישט דורכלאזן. נאר אויב איר ווילט, וועל איך אייך אריינעמען דא צו מיר אין בודקע, וואו איר וועט זיצן און אפווארטן ביז עס וועט זיך ענדיקן דער באל, און די געסט וועלן זיך אנהויבן פונאנדערפארן, דאן וועט איר זיך קענען זען מיט וועמען איר באגערט.

נישט האבנדיק קיין אנדער ברירה, איז נאטקין, מרוצה געווארן. ער איז אריין צום וועכטער אין בודקע, און איז אזוי אפגעזעסן אין פראסט א פאר שעה. פלוצלונג איז אנטשוויגן געווארן די מוזיק, און פון אלע זייטן האבן צום הויז גענומען צופארן קארעטעס און עקיפאזשן אפצונעמען די געסט. באלד האבן די געסט אנגעהויבן ארויסצוגיין. נאטקין איז שנעל ארויס פון בודקע, האט זיך אוועקגעשטעלט אין א זייט נעבן ארויסגאנג, פון וואנען ער האט געקענט באטראכטן די ארויסגייענדיקע. מיט אמאל האט ער דערזען, ווי איינער א שטאטלעכער הער איז ארויס און נאך אים א גאנצע

סוויטע, אלע אין בלישטשענדיקע גאלדענע מונדירן, און צווישן זיי האט ער דערזען דעם גראף קאטשעביי. ווי א פייל פון בויגן איז נאטקין צו אים צוגעפלויגן און האט אויסגעשריען:

— גראף!

קאטשעביי האט זיך א קער געטון און, דערזעענדיק נאטקינען, וועלכן ער האט פון לאנג־אן גוט געקענט פערזענליך, האט ער אים זייער דערשטוינט געפרעגט, ווי קומט ער דא צו שטיין אויפן גאס אזוי שפעט נאך האלבער נאכט?

— ס'האט פאסירט א אומגליק! — האט נאטקין אויסגעשריען ווי מיט די לעצטע כחות, — איך דארף האבן הילף פאר א אומשולדיקן מענטשן, וועלכן מ'האט אפגעריסן גאר אומגעריכט פון ווייב און קינד, און פארשפארט אין תפיסה.

— קומט צו מיר מארגן פרי, זייגער ניין, וועלן מיר וועגן דער זאך איבעררעדן.

נאטקין האט שוין געהאט בדעה אוועקצוגיין, ערשט מיט אמאל האט א זאג־געטון דער שטאטלעכער הער:

— ס'האט א אומגליק געטראפן, אפשר וועט מארגן צו שפעט זיין. דער גראף מוז נאך דעם אידן היינט אויסהערן. מיר וועלן אים נעמען מיט אונז אין שלאס אריין.

דערביי האט ער א וואונק געטון נאטקינען מיט דער האנט ער זאל ארייינשטייגן אין קארעטע.

נאטקין האט פיל נישט געקלערט און איז אריין אין קארעטע. ער האט פארשטאנען, אז דער הער, וואס זיצט לעבן דעם גראף קאטשעביי, איז א פיל העכערער שררה פון דעם אינערן־מיניסטער, ער האט אבער נישט געוואוסט, ווער דאס איז. פארנדיק, איז ער געזעסן און געשוויגן, בעת דער

גראף מיט דעם אומבאקאנטן הער האבן צווישן זיך געפירט א שמועס אין א פרעמדער שפראך.

קומענדיק אין שלאס, האט דער גראף אנגעוויזן נאטקינען א צימער, וואוהין אריינצוגיין אוןווארטן, ביז מ׳וועט אים רופן, און אליין איז ער אוועק מיט דעם "הער".

בלייבנדיק אליין שוין כמעט א האלב־פארפרוירענער אין דעם ווארימען צימער, האט ער זיך צוגערוקט צום הייסן אויוון, האט ארויסגענומען פון בוזים־קעשענע א קליין תהלימל און זיך אזוי גענומען פאמעלעך זאגן, ביז ער איז איינגעשלאפן...

אין א האלבע שעה ארום האט זיך געעפנט די טיר. פון גערויש האט זיך נאטקין אויפגעכאפט. דער גראף איז אריין. נאטקין האט זיך אויפגעשטעלט. דער גראף האט אים אנגעוויזן א ארט אויף א שטול נעבן זיך און געבעטן אים דערציילן וועגן וואס דא האנדלט זיך.

נאטקין האט דערציילט דעם גראף די גאנצע געשיכטע מיטן וויטעבסקער פרנס און האט פארענדיקט:

— פריער ג־ט, און דערנאך איר, הער גראף!

— מיר איז גראד דער ענין גוט באקאנט, — האט געזאגט דער גראף. — דער וויטעבסקער גביר ווערט באשולדיקט אין האנדלען מיט פאלשע אסיגנאציעס. אין איינעם פון זיינע געוועלבער האט א רוסישער פאפ באקומען אויסגאב אזעלכע עטליכע אסיגנאציעס, וועלכע מ׳האט פון וויטעבסק איבערגעשיקט אין מיין מיניסטעריום.

— ביי אלעם הייליקן, — האט נאטקין א געשריי געטון אויפן קול, — שווער איך, אז ס׳איז א שענדליכער בלבול. און דאס וועט גיין שווערן גאנץ וויטעבסק, אידן און קריסטן. אידן, און בפרט אזא איד ווי ר׳ ביינוש, זענען גארנישט מסוגל צו אזא פארברעכן!

— פאר מיר, — האט זיך אפגערופן דער גראף, — איז שוין אייער

שבועה אליין געגוג. נאר דאס ווענדט זיך אין דעם קייזער.

— וועט איר אזוי גוט זיין, מיר געבן א בריוו צום קייזער, — האט נאטקין שטיל ארויסגערעדט, — איך פלי נאך היינט קיין פעטערבורג.

— קיין פעטערבורג? — האט געזאגט דער גראף און דערביי געשמייכלט, — איר קענט דאס, גלויב איך פארשפארן... קומט מיט מיר.

דער גראף האט אריינגעפירט נאטקינען אין א צימער, וואו עס איז געזעסן דער "שטאטלעכער הער", און האט אים געבעטן, נאכאמאל איבערצוחזרן די גאנצע געשיכטע, וואס האט פאסירט מיטן וויטעבסקער פרנס ר׳ ביינוש.

נאכדעם, ווי נאטקין האט געענדיקט דערציילן, האט זיך אפגערופן דער גראף:

— לויט ווי איך קען דעם דאזיקן שקלאָווער איד, קען מען זיך אינגאנצן אויף אים פארלאזן און גלויבן, אז די מעשה מיט די פאלשע אסיגנאציעס איז באמת נאר א אויסגעטראכטער בלבול. וואלט זיך עס געווענדט נאר אן מיר, וואלט איך דעם וויטעבסקער פרנס תיכף באפרייט, אבער לויטן געזעץ הענגט עס אפ בלויז פונם קייזער.

— בכן בעט איך אייך נאכאמאל, הער גראף, איר זאלט מיר אזוי גוט זיין געבן א בריוו צום קייזער.

— א בריוו צום קייזער? — האט זיך אפגערופן דער "הער", — איר קענט עס פארשפארן, מ׳דארף נישט... פארט אהיים, דער וויטעבסקער פרנס וועט תיכף באפרייט ווערן...

נאטקין איז געבליבן שטיין אין גרויס פארלעגנהייט.

— איר דארפט שוין איצט נישט, — האט געזאגט דער גראף, — קיין בריוו פון מיר צום קייזער. ווען דער "הער" הייסט אייך פארן אהיים, קענט איר רואיק פארן. אייער זאך האלט זייער גוט...

נאטקין האט ערשט איצט אנגעהויבן צו פארשטיין וואס דא קומט פאר. קלערנדיק א קליינע ווײַלע, האט ער זיך אפגערופן:

— דערלויבט מיר, הויכע שררות, צו מאכן א ״ברכה״...

— איך דערלויב! — האט א זאג געטון דער ״הער״.

נאטקין האט אנגעטון זיין אויבער היטל און האט מיט האלב פארמאכטע אויגן און מיט גרויס כונה געמאכט די ברכה: ״שנתן מכבודו לבשר ודם...״

נאטקין האט פארשטאנען, אז ער שטייט דא פארן רוסישן קייזער...

אינגיכן איז ר׳ ביינוש באפרייט געווארן און איז געקומען אהיים. דארט האט מען אים תיכף צוריק אפגעגעבן די געוועלבער מיט די הייזער, און ער איז באלד ווידער געווארן דער וויטעבסקער גרעסטער עושר, פון וועלכן עס האט געלעבט העכער א האלבע שטאט.

אזוי דערציילט דאס פאלק די מעשה וועלכע איז זייער כאראקטעריסטיש פאר נאטקינס פרטים אלס שתדלן צווישן דעם פאלק.

די צווייטע מעשה וועגן נאטקינען, וועלכע מיר געפינען אין העסענס באקאנטער ווערק ״די אידן אין רוסלאנד״, איז נאך פיל אינטערעסאנטער.

די מעשה וואס העסען גיט־איבער וועגן נאטקינען, באשטייט אין פאלגענדן. בשעת דער קייזער אלעקסאנדער דער ערשטער איז דורכגעפארן שקלאוו, האט ער באזוכט נאטקינען. נאטקין איז דאן געווען קראנק און איז געלעגן אין בעט. דערזעענדיק דעם קייזער, האט ער מיטאמאל אויסגערופן: ״שטעל דיך אפ!״ גאנץ פארוואונדערט האט אים דער קייזער געפרעגט, וואס דאס באדייט. אויף דעם האט נאטקין ערקלערט, אז דעם מענטשנס גליק האט גרעניצן, און ווען עס דערלאנגט צו דער לעצטער גרעניץ, הויבט עס אן קלענער צו ווערן. נאטקינס גליק האט מיט דעם קייזערס באזוך דערלאנגט צו זיין העכסטנפונקט, און דעריבער האט ער אויף אים א געשריי געטון: ״שטעל זיך אפ!״, כדי עס זאל נישט אנהויבן ווינציקער ווערן.

די דאזיקע אלע מעשיות, ווייזן אויף די באזונדערע חשיבות, וואס נאטקין האט געגאסן אין די העכסטע רעגירונגס־ספערן.

ווען ס'האט זיך אויפן באפעל פון אלעקסאנדער דעם ערשטן געגרינדעט דער "אידישער קאמיטעט", האט זיך פאר נאטקינען אנטפלעקט א נײַ ארבעטס־פעלד אויף צו פארטיידיקן די אינטערעסן פונם אידישן פאלק. ער האט באקומען א איינלאדונג צו באטייליקן זיך אין די ארבעטן פון דעם קאמיטעט. זייער כאראקטעריסטיש איז דער פאלגענדער בריוו וועלכן דערזשאווין האט צוגעלייגט צו דער דערמאנטער איינלאדונג:

"מיין הער, חאאימאוויטש! אויף דעם סמך פון מיין מיינונג, וואס איך האב ארויסגעטראגן וועגן די אידן, וועלכע וואוינען אין די ווייס־רוסישע גובערניעס, האט זיין קייזערליכער מאיעסטעט באוויליקט צו גרינדן א קאמיטעט, איינצוארדענען זייער לעבן צום אלגעמיינעם מלוכה־נוצן און צו וועלכע איך האב אויך דעם אלערהעכסטן כבוד צו געהערן, האבן דורך א אונטערטעניקסטע בקשה אויסגעבעטן ביי זיין מאיעסטעט דעם קייזער די דערלויבעניש, אז אויסער די אידישע דעפוטאטן, וואס וועלן אויסגעקליבן ווערן פון די פארשידענע גובערניעס, זאל יעדער איינציקער פון אונז זיך קענען אויסקלויבן איינעם פון די געבילדעטסטע און ערליכסטע אידן פאר א בעל־יועץ. קענענדיק אייך שוין פון פיהל יארן אלס זייער א איבערגעגעבענער און פלייסיקער טוער פאר דעם אלגעמיינעם וואוילשטאנד, און זייענדיק באקאנט מיט אייערע פלענער לטובת דעם אידישן פאלק, וואס האבן זוכה געווען צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון קייזער און זענען איבערגעגעבן געווארן אויף דעם גוטאכטן פון דעם קאמיטעט, וואלט איך זייער געוואלט, איר זאלט אויסגעווײַלט ווערן אין קאמיטעט, כדי מַיר צו שטיין ביי דער זייט. טאמער זייט איר שוין געווארן אויסגעקליבן דורך א אנדער מיטגליד פון קאמיטעט, בעט איך אייך, מיר מודיע צו זיין אויף וועמען פון די אידן זאל איך מיך אפשטעלן, ווייל איך דארף האבן א מענטשן, וואס זאל באזיצן אייערע זעלטענע מעלות".

באטייליגנדיק זיך אין קאמיטעט, האט זיך נאטקין איבערגעגעבן דער

ארבעט מיט לייב און לעבן. נאר זיין השתדלות איז דאס געווען, אז דער אינערן־מיניסטער זאל פונאנדערשיקן דורך די גובערנאטארן צו די אידישע קהלות בארואיקענדע ידיעות וועגן דעם צוועק פונם קאמיטעט. מיט א טאג פריער האט נאטקין געשריבן צום גראף קאטשעביי: ״איך נעם מיר די העזה אפצודאנקען אייך, דורכלויכטיקער גראף, פאר דעם, וואס איר זייט באזארגט אויפצומונטערן דאס אידישע פאלק, וואס געפינט זיך איצט אין אזא געדריקטער שטימונג, ווי עס פילן זיך געוויינליך מענטשליכע הערצער אין דער צייט, ווען עס דארפן פארקומען ענדערונגען אין זייער לאגע״.

ווען מען האט אין יענער צייט אנגעהויבן טרייבן אידן פון סמאלענסק, צוליב אנטיסעמיטישע העצעס, האט ווידער נאטקין געשריבן צום מיניסטער: ״דער דאזיקער גירוש, וועלכער וועט מאכן א שווערן איינדרוק אויפן אידישן פאלק, וועט נאך אים ארייטרייבן אין א גרעסערן יאוש און דערוועקן אין אים גרויס פחד פאר זיין קינפטיקן גורל. דורכלויכטיקער גראף! האט רחמנות אויפן דאזיקן אומגליקליכן פאלק! שטארקט מיט אייער גרויסן חסד זיין געפאלענעם מוט״. עס האט לאנג נישט געדויערט, און די גזרה וועגן דעם סמאלענסקער גירוש איז בטל געווארן.

איינער א באוואוסטער היסטאריקער גיט איבער וועגן נאטקינס ארבעט אין אידישן קאמיטעט די פאלגענדע כאראקטעריסטיק:

״אן גערויש און אן אויפהער, רואיק און פלאנמעסיק האט ער געארבעט פאר דעם נוצן פונם אידישן פאלק. ער איז געווען דער ערשטער, וואס האט אנגעהויבן זיין טעטיקייט אויף דעם געביט נאך אין דער צייט, ווען ס׳איז נישט געווען קיין שום האפנונג, אז די רוסישע רעגירונג וועט זיך גוט באציען צו אידן, בשעת אידן האבן געקענט רעכענען בלויז אויף זייערע אייגענע כחות. אזוי ווי א שטורמישע כוואליע, וואס ווארפט ארויס פון דער טיפעניש אויפן ברעג ים בערג מיט זאמד און שטיינער, אזוי האט נתן נטע אינם משך פון א ריי יארן דערציילט פאר דער רעגירונג אין זיינע פלענער און בריוו וועגן די צרות און די טרערן, וואס ער האט ארויסגעשעפט פון די טיפענישן פונם אידישן לעבן״.

## ו.

אריבערקלויבנדיק זיך וואוינען אין פעטערבורג, האט דארט נאטקין די ערשטע צייט געארבעט צוזאמען מיט פערעצן און געוואכאוויצן. די אידישע דעפוטאטן האבן אבער געהאלטן נאטקינען פאר א סך א ערנסטערן און ענערגישערן עסקן ווי די לעצטע צוויי. אזא מיינונג האבן געהאט וועגן נאטקינען אויך די קריסטליכע מיטגלידער פון קאמיטעט. דערזשאווין, וועלכער האט זיך פארהאלטן צו פערעצן מיט א געוויסער גרינגשעצונג, האט זיך תמיד אפגערופן וועגן נאטקינען מיט דעם גרעסטן רעספעקט. כאראקטעריסטיש איז דער פאקט, אז געוואכאויץ, וועלכער האט זיך געפונען צו פערעצן אין א סך נענטערע און פריינטליכערע באציאונגען ווי צו נאטקינען, האט ווידמענדיק זייביידן זיין "קול שועת בת־יהודה", באצייכנט פערעצן בלויז אלס "קאמערציען־ראט", און אויף נאטקינען האט ער געשריבן "השר הנגיד, דער פארטיידיקער פון זיין פאלק".

שפעטער, ווען פערעץ מיט געוואכאוויצן האבן זיך אנגעהויבן דערווייטערן פון אידן און פון אידישע אינטערעסן, איז נאטקין איינציק און אליין געבליבן שטיין טריי אויף זיין פאסטן אלס דער גרעסטער אידישער שתדלן, אויף וועמען אליין עס זענען געווען געווענדט די אויגן פונם גאנצן רוסישן אידנטום. אויך בשעת דעם ארעסט פון דעם בעל התניא, דער גאון און צדיק, ר' שניאור זלמן זצ"ל, איז נאטקינס ראלע געווען א גאנץ אנדערע פון פערעצעס. זייענדיק אפילו א פארברענטער מתנגד און א הייסער אנהענגער פונם ווילנער גאון, האט ער זיך דאך נישט באטייליקט אין די רדיפות קעגן חסידים און חסידות. בשעת פאול איז געשטארבן און דער יונגער קייזער האט אין די ערשטע טעג פון זיין רעגירונג אנגעהויבן באפרייען פיל פון די ארעסטירטע, האבן זיך ר' שניאור זלמנס פריינט אין פעטערבורג מיט דעם באנוצט און דורך נאטקינס פארמיטלונג האבן זיי זיך דערשלאגן דערצו, אז די פאפירן וועגן ר' שניאור זלמנ'ס משפט זענען געווען פון די ערשטע, וואס זענען פארגעלייגט געווארן פארן קייזער.

אין פעטערבורג האט זיך נאטקין באלד געשטעלט בראש פון דער

דארטיקער אידישער באפעלקערונג, וועלכע איז באשטאנען נישט מער ווי פון עטליכע צענדליק פאמיליעס. דאס רוב פון זיי זענען געווען אנגעפארענע פון שקלאוו און פון מאהילעוו, וועלכע זענען געקומען זוכן פרנסה ארום צייטלינס און פערעצעס געשעפטן. אלע האבן זיי געוואוינט אין דער רוסישער הויפט־שטאט אומלעגאל, און האבן דעריבער נישט געהאט די מעגליכקייט אויפצופירן זיך לויטן אידישן וועג, זיי האבן אפילו נישט געהאט קיין באזונדערן בית־עלמין און האבן מקבר געווען זייערע מתים אויפן קריסטליכן בית־עולם. נאטקין האט שוין געזוכט און אויסגעפונען די נויטיקע מיטלען ווי אזוי די קליינע פעטערבורגער אידישע קהלה זאל באקומען שוחטים און מוהלים און זיך קויפן א שטיקל ערד אויף א בית־עלמין, און די באאמטע זאלן זיך מאכן נישט זעעוודיק...

אין פנקס פון דער פעטערבורגער חברה קדישא איז פארצייכנט אונטער דער דאטע: דינסטיק, דעם 15־טן תמוז יאר תקס״ג פאלגענדע ארטיקע געשעעניש:

״היינטיקס יאר זענען זיך אהער צונויפגעפארן באפולמעכטיקטע פון אלע גובערניעס, כדי אנטייל צו נעמען אין דעם קאמיטעט, וועלכער איז געגרינדעט געווארן לויטן באפעל פונם קייזער אלעקסאנדער דעם ערשטן, איינצוארדנען דאס אידישע לעבן אויף פעסטע יסודות. אין א געוויסן טאג האבן זיך די דאזיקע אידישע דעפוטאטן דערוואוסט, אז דריי אידישע מתים ליגן באגראבן אויף א קריסטליכן בית־עלמין און איבער זייערע קברים שטייען צלמים. זיי האבן באשלאסן אויסצוגראבן תיכף די דריי מתים און אריבערפירן זיי אויפן נאר־וואס געעפנטן אידישן בית־עולם״. דערביי זענען אנגערופן די נעמען פון די דריי נפטרים. אט אזוי האט נאטקין אוועקגעלייגט דעם פונדאמענט צו דער פעטערבורגער אידישער קהלה.

נאטקינס גדלות, אלס מנהיג פונם רוסישן אידנטום און די באזונדערע התקרבות, וואס אלעקסאנדער דער ערשטער האט אים ארויסגעוויזן, האט סוף־כל־סוף נישט געקענט לאזן רוען אזא שונא־ישראל ווי דערזשאווין. נאך אלץ מאכנדיק דעם אנשטעל אלס נאטקינס א גוטער פריינט, האט ער

אין דער שטיל אנגעהויבן אונטער אים אונטערגראבן. הינטן־ארום האט ער זיך געסטארעט, אז נאטקינס פראיעקטן זאלן בלייבן ליגן אונטערן גרינעם טישטאך און זאלן צום קאמיטעט נישט אנקומען. נאטקין איז אבער דערפון געוואויר געווארן, און מיט דער הילף פון דעם אנפירער מיט די ענינים פון קאמיטעט ספעראנסקי, וועלכער איז גראד געווען א העכסט ליבעראלער מענטש און א אוהב ישראל, האט ער צושטערט יעדעס מאל דערזשאווינס פלענער. פון גרויס פארדרוס האט דערזשאווין גענומען רודפן נאטקינען דורך פארשידענע העצעס. צווישן אנדערן האט ער געמאכט א בלבול אויף נאטקינען, אז ער האט אים געוואלט אונטערקויפן מיט געלט לטובת די אידן. אין די "ספערן", וואו מ'האט נאטקינען געקענט פאר א העכסט ערליכן און ארנטליכן מאן, האט מען דערזשאווינס העצעס די קלענסטע אויפמערקזאמקייט נישט געשאנקען. דערזשאווין איז אבער געבליבן ביי דאס זייניקע, און אין זיינע "פאפירן" דערציילט ער כלומרשט אין נאמען פון א דריטער פערזאן פאלגענדעס: "דאס אידל נאטקע, וואס דערזשאווין האט צו אים תמיד געהאט גרויס צוטרוי פאר זיין פלייסיקער און איבערגעגעבענער טעטיקייט לטובת דעם וואוילשטאנד פון די אידן, וועלכער האט מסכים געווען מיט זיינע מיינונגען און דערלאנגט דער רעגירונג אלע ערליי פראיעקטן און פלענער וועגן גרינדן פאבריקן א.א.וו. — אט דאס דאזיקע אידל האט אים, דערזשאווינען אנגעבאטן שוחד אין דער סומע פון צוויי הונדערט טויזנט רובל".

אין דעם פנקס פון דער פעטערבורגער חברה קדישא איז פארצייכנט, אז דער "שר ונגיד" ר' נתן נטע בר' חיים משקלאוו איז געשטארבן שבת דעם 11־טן אלול תקס"ד 7 א זייגער אינדערפרי און איז געקומען צו קבורה זונטיק דעם 12־טן אלול און איז באהאלטן געווארן אין דער ערשטער שורה נעבן דעם "קדוש" ר' סענדער פון שקלאוו".

נאטקינס טויט האט געמאכט א איינדרוק אויף דעם גאנצן רוסישן אידנטום. אין אלע שטעט און שטעטלעך האט מען דעם גאנצן ערשטן חודש נאך זיין טויט געפראוועט אבילות.

מען דערציילט, אז ווען דער גאון ר׳ חיים וואלאזשינער האט זיך דערוואוסט פון נאטקינס פטירה, געפינענדיק זיך אין דער נאר־וואס געעפנטער ישיבה, האט ער אויסגעשריגן צו זיינע תלמידים:

—קינדער! לאמיר רייסן קריעה און זיך צוזעצן א ווײַלע אויף דער ערד, ס׳איז פון אונז אוועקגענומען געווארן אונזער מליץ יושר...

## זעקסטער קאפיטל:
# זונדל זאנענבערג

אין דעם וויין קעלער — ריין געוואשן פון גראדנער בלוט בלבול — די זילבערנע עטרות פון די קיטלען ווערן אראפגענומען — שליחים פון כלל ישראל — די צוויי מתים פארן קעניג פיאטער — דער ברודער פון פינאנץ מיניסטער — דער אנטלאפענער ארעסטאנט — די אידן אין קאלענקאוויטש אין א גרויסע צרה — דער פסק פון ר׳ טעוועלע אז פקוח נפש איז דוחה שבת — ר׳ זונדל פארט קיין פעטערבורג — די וואקלענישן פון קייזער — רבי חיים וואלאזשינער פארט קיין פעטערבורג — דער קרימער משיח — דאס פקחות פון רבי חיים וואלאזשינער — די טראגישע ענדע



די שוהל אין ווילנא

# זונדל זאנענבערג

## א

ביים פאלק איז ער געווען פאפולער אונטערן נאמען: "זונדל דער גרויסער". געבוירן איז ער אין וואלקאווישק, גראדנער גובערניע, ענדע יאר תקמ"ה ביי רייכע עלטערן, וועלכע האבן געהאלטן א אכסניא, וואוהין עס פלעגן תמיד אריינפארן די גרעסטע פוילישע פריצים פון דער גאנצער געגנט. דערצו האבן זיי נאך אויך געהאט א גרויסן וויינקעלער, אין וועלכן עס פלעגן פארקערן צווישן אנדערע אויך די באאמטע פון די פארשידענע רעגירונגס־אינסטיטוציעס, ווי דער מאגיסטראט, די פאליציי א. אז. וו. די פירערקע פון די דאזיקע ביידע געשעפטן איז געווען זונדלס מוטער, וועלכע האט געשמט פאר א פקחית און א גרויסע "אשת־חיל". נישט געבילדעט אפילו, האט זי אבער באזעסן אזעלכע מעלות, מיט וועלכע זי האט שטארק אויסגענומען, באזונדערס ביי אירע קריסטליכע קליענטן. זי האט זיך אויסגעצייכנט מיט דער ריינקייט און ציכטיקייט פון איר טואלעט, דערצו האט זי גאנץ שיין גערעדט פויליש, און איז בכלל געווען א בארעדעטע, א "מענטש מיט א צונג", האט ארויסגעוויזן פיל פראקטישקייט אין לעבן און א היבש ביסל ענערגיע. די ארומיקע שררות פלעגן זיך מיט איר גאנץ אפט מישב זיין וועגן זייערע געשעפטן, און האבן געפאלגט אירע עצות. פיל אנזען האט זי געהאט אויך ביי די "אשינאווניקעס", די אפטע באזוכער פון איר וויין־קעלער. דאס האט געבראכט דערצו, אז די וואלקאווישקער אידן פלעגן עס אויסניצן צו באקומען דורך איהר פארשידענע טובות פון דער ארטיגער מאכט. האט די אדמיניסטראציע אויף א אידן ארויפגעלייגט א שטראף, האט מען א אידן ארעסטירט, — אין אזוינע פאלן איז מען באלד געלאפן צו "גיטל דער וויין־שענקערקע", און זי האט שוין תמיד געהאט אירע מיטלען אויסצופועלן ביי דער אדמיניסטראציע אלץ, וואס זי האט נאר פארלאנגט.

דער מאן איז געזעסן כל־ימיו אין בית־המדרש און געלערנט און האט זיך אין די געשעפטן נישט געמישט. ער האט זיך נאר באשעפטיקט מיט דער ערציאונג פון זיין זונדלען, וועלכער האט נאך קינדווייז ארויסגעוויזן וואונדערליכע פעאיקייטן. ער האט אים געגעבן לערנען צו די בעסטע מלמדים פון שטאט, און ווען דאס אינגל פלעגט קומען פון חדר, פלעגט ער אים האלטן ביי זיך אין בית־מדרש און איבערחזרן מיט אים דעם שיעור גמרא. דעם קליינעם זונדלען, וועלכער איז געווען פון דער נאטור א לעבעדיקער און א טעמפעראמענט־פולער, האט אבער מער געצויגן צו דער אכסניא מיטן ווײַן־קעלער, וואו ער האט טאג־טעגליך געזען פאר זיך פרישע, און פאר אים זייער אינטערעסאנטע מענטשן. ער האט שוין אויך אויסגעפונען זיינע מיטלען, ווי ארויסצודרייען זיך פונם חדר מיטן טאטן און פארברענגען מער נעבן דער מוטער, צו וועלכער ער איז בכלל געווען שטארק צוגעבונדן. ער האט שוין פון דער יוגנט אן סימפאטיזירט מיט דער מוטערס פראקטישקייט.

זייענדיק זייער באגאבט, האט זיך זונדל גאנץ גיך אויסגעלערנט רעדן אזא שיינעם, פליסיקן פויליש, וועלכן די פריצישע אורחים האבן שטארק באוואונדערט. אין א געוויסן טאג האט זיך איינער א פאליאק, וועלכער איז געווען א שטענדיקער גאסט פון ווײַן־קעלער, אנגעשלאגן צו לערנען מיט זונדלען, שרייבן פויליש און אויך אנדערע ידיעות. וועגן דער פערזענליכקייט פון דעם דאזיקן פאליאק האבן זיך ארומגעטראגן אין וואלקאוויסק פארשידענע מעשיות. מ׳האט דערציילט, אז ער איז א גראף, א געוועזענער רייכער גוט באזיצער, וועלכער האט זיינע גיטער פארשפילט אין קארטן און איז געבליבן אין איין העמד, און פון גרויס עגמת־נפש האט ער זיך ארייגעלאזט אין שכרות. אנדערע האבן געזאגט, אז ער איז אמאל געווען א הויכער באאמטער אין איינע פון די גרעסטע ווארשעווער מלוכה־אינסטאנצן, און פאר א פארברעכן האט מען אים אפגעזאגט פון זיין שטעלע, און אזוי ווי מען נעמט אים אין ערגעץ נישט אן אויף א אמט, וואלגערט ער זיך ארום פון ארט צו ארט און איז זיך מפרנס פון דעם, וואס ער שרייבט פאר צובראכענע גראשנס בקשות צו דער מאכט. פון די דאזיקע אלע קלאנגען האט מען נאר איינס געוואוסט אלס ריכטיק, אז ער איז זייער

א געבילדעטער און אינטעליגענטער מאן, און אז ער באזיצט קאלאסאלע ידיעות, באזונדערס אויפן געביט פון יוריספרודענץ.

ביי דעם פאליאק האט זיך זונדל אין דער יוגנט שיין אויסגעבילדעט אין דער פוילישער שפראך און ליטעראטור און אין אנדערע וועלטליכע למודים, און זיינע קענטענישן האבן דערלאנגט אזוי ווייט, אז ער האט אין קורצן געשריבן פאר נויטבאדערפטיקע בקשות צום געריכט וועגן אלערליי קרימינעלע ענינים. צוקוקנדיק זיך צו די אידן מיט די אידענעס, וואס פלעגן כסדר קומען וויינען פאר זיין מוטער, אז זי זאל זיך פאר זיי משתדל זיין ביי פאליציי אראפצונעמען פון זיי שווערע שטראפן אדער באפרייען וועמען עס איז פון געפענגעניש, האט זיך אין אים נאך אין דער פריערסטער יוגנט אנטוויקלט א שטארקע רחמנות־געפיל צו אלע מינים ליידנדע און עלנטע, וועלכע קענען זיך אליין נישט העלפן, און וואס עלטער ער איז געווארן, האט אים דאס דאזיקע געפיל אלץ מער באהערשט, ביז עס האט אים אזוי ארום צום ענדע געבראכט צו ווערן דער גרעסטער און דער וויכטיקסטער אידישער שתדלן פון זיין צייט.

## ב.

אין יאר תקס״ג איז זונדל זאנענבערג אנגעקומען פאר א איידעם צו א גרויסן גביר, איינער פון די קהלשע פירער אין גראדנע. אין יענער צייט איז שוין גראדנע געווען איינע פון די נייע גובערניעס, וועלכע זענען איבערגעגאנגען פון פוילן צו רוסלאנד. דאך האבן נאך דארט די פאליאקן געהאט א שטארקן איינפלוס אויף דער אדמיניסטראציע, און אנדערע פון זיי האבן זיך מיט דעם באנוצט צו אנטיסעמיטישע צוועקן. נאכאנאנד האט מען פארווארפן דער רוסישער מאכט מיט אלערליי מסירות אויף אידן, און קהל האט געהאט א סך ארבעט די דאזיקע אלע מסירות אפצולייקענען. זונדל זאנענבערג האט דא פאר זיך געפונען א גרויסן און א ברייטן ארבעטס־פעלד. זיצנדיק ביים שווער אויף קעסט, האט ער אין גאנץ וויניק צייט באוויזן צו דערלערנען גרונדליך די רוסישע שפראך, און דאס האט אים געגעבן די מעגליכקייט יעדעס מאל צו פארטיידיקן די באשולדיקטע

אידן שריפטליך און מונדליך, ס׳האט לאנג נישט געדויערט און זאנענבערג איז געווארן א גרויסער תקיף ביי גראדנער ״נאטשאלסטווע״, ביי וועלכער ער האט כמעט שטענדיג אלץ געפועלט. באלד האבן זיך אנגעהויבן ווענדן צו זאנענבערגן מיט בקשות וועגן הילף געדרודפטע אידן פון דער גאנצער גובערניע, און ער האט קיינעם נישט אפגעזאגט, פאר יעדערן איז ער געלאפן וואוהין מ׳האט נאר באדארפט און זיך משתדל געווען און געבעטן, און אויך אויסגעפירט. דאס האט זאנענבערגן געמאכט א גרויסן נאמען, און עס האט מיט אים געקלונגען ארום און ארום.

באזונדערס בארימט האט זיך זאנענבערג געמאכט אין יאר תקע״ו. דעמאלט איז קעגן די גראדנער אידן געמאכט געווארן א בלוט־בלבול. מ׳האט זיי באשולדיקט, אז זיי האבן דערהרגעט א יונגע פויערטע, כדי צו באנוצן זיך מיט איר בלוט אויף פסח. די מוסרים האבן אויסגעארבעט די זאך אזוי גוט, אז די גראדנער ארטיקע מאכט האט דער זאך צוגעגעבן א גרויסע באדייטונג און האבן וועגן דעם געמאלדן קיין פעטערבורג. זעענדיק, אז עס האלט שלעכט, האבן די גראדנער אידן פאר זיך נישט געפונען קיין אנדער עצה, ווי נאר אויסצוריכטן א שליח מיוחד קיין פעטערבורג, וועלכער זאל דארט אויפווייזן פאר דער רעגירונג די פאלשקייט פון דעם בלבול. געוויינטליך האט מען דאס איבערגעגעבן נישט קיין אנדערן, ווי זאנענבערגן, וועלכער האט אויסגעפירט זיין מיסיע גלענצנד. דורך א אויספירליכן מעמאראנדום, וועלכן זאנענבערג האט דערלאנגט אין סענאט וועגן דעם ענין, און דורך זיינע פריוואטע געשפרעכן מיט אייניקע הויכע מלוכה־אנגעשטעלטע, האט ער געבראכט צו דעם, אז אויסער וואס די גראדנער אידן זענען געווארן ריין פרייגעשפראכן פון דער שווערער באשולדיקונג, איז נאך דעם 6־טן מערץ פון יאר תקפ״ז ארויס א קייזערליכער באפעל, אז קיינער אין רוסלאנד זאל זיך נישט וואגן צו גלויבן אין דעם, אז אידן ברויכן קריסטליך בלוט, און טאמער וועט מען ערגעץ געפינען א דערמארדעטן, און ווער עס וועט פארשפרייטן א קלאנג, נישט האבנדיק דערצו קיין ריכטיקע ראיות, זאל ער שטרענג באשטראפט ווערן. אויסער דעם איז אפגעגעבן געווארן א באפעל צום גראדנער גובערנאטאר, ער זאל נישט דערלאזן קיינעם צו רודפן אידן און זאל דערשטיקן באלד ביים

אנהויב יעדע העצע, וואס עס ווערט קעגן זיי געפירט, פון וועלכן צד עס זאל נישט זיין.

זאנענבערגס נסיעה פון פעטערבורג אהיים קיין גראדנע, איז געווען ממש א טריאומף־צוג. אין אלע שטעט און שטעטלעך, וואו ער איז דורכגעפארן האבן אים די רבנים מיט די קהל לייט באגעגנט מיט גרויס פאראד. אין גראדנע גופא האבן געדויערט די פייערליכקייטן גאנצע אכט טעג.

## ג.

זיין נסיעה קיין פעטערבורג האט זאנענבערג אויסגענוצט אויך פאר צוועקן וועלכע האבן א אינטערעס פארן גאנצן רוסישן אידנטום. אין יענער צייט איז שוין דער "אידישער קאמיטעט" לאנג צופאלן געווארן. איבער די חלוקי־דעות וואס האבן אין אים געהערשט, באזונדערס צווישן די אידישע דעפוטאטן גופא, וועלכע זענען צופעליק צוזאמענגעשטעלט געווארן פון פארשידנארטיקע קעגנזעצליכע עלעמענטן, האט ער פאר אידן גארנישט אויפגעטון. עס איז נאך גוט, וואס א דאנק נאטקינס באמיאונגען זענען אין קאמיטעט נישט דורכגעפירט געווארן דערזשאווינס אנטיסעמיטישע פראיעקטן. אלעקסאנדער דער ערשטער, וועלכער האט תמיד ארויסגעוויזן א באזונדער אינטערעס צו פארפעסטיקן די אידישע לאגע, וואלט אפשר געזוכט צו באשאפן אנשטאט דעם צופאלענעם קאמיטעט א מין אנדער אינסטיטוציע, וואס זאל זיך ספעציעל פארנעמען מיט די אידישע ענינים. האט אבער אינמיטן ארויסגעבראכן דער רוסיש־פראנצויזישער קריג, וועלכער האט אפגעריסן אלעקסאנדערן פון אלע איבעריקע מלוכה־אינטערעסן, און ממילא אויך פון דער אידן פראגע. די הייסע פאטריאטישע געפילן, און די גרויסע מאראלישע און מאטעריעלע שטיצע, וואס די אידן האבן ארויסגעוויזן דער רוסישער מלוכה אין דער גאנצער צייט פון דער מלחמה, האט ביי אלעקסאנדערן צוריק אויפגעלעבט דער ווילן אויפצוטון עפעס פארן אידישן פאלק. האלטנדיג זיך נאך אלץ אין זיין אמאליקן

שטאנדפונקט, אז מ׳קען נישט לעזן די אידן־פראגע אן דער באטייליקונג פון קאמפעטענטע אידן, וועלכע זאלן קענען געבן דער רעגירונג די נויטיקע דערקלערונגען בנוגע דעם אידישן לעבן און זייערע באדערפענישן, האט ער זיך ארומגעטראגן מיטן געדאנק אראפצוברענגען קיין פעטערבורג עטליכע אזעלכע אידן, וואס זאלן שטיין אין א שטענדיקן קאנטאקט מיטן מיניסטארן־קאבינעט. די פארווירקליכונג פון דעם דאזיקן געדאנק איז אבער אפגעלייגט געווארן פון טאג צו טאג, ביז זאנענבערג איז צוליב דעם גראדנער עלילת־דם געקומען קיין פעטערבורג. אונטערהאנדלענדיק מיט די העכערע רעגירונגס־ספערן וועגן דעם אידישן מצב, האט מען אים אינפארמירט מכח דעם נייעם קייזערליכן פלאן און ארומגערעדט מיט אים די וועגן ווי אזוי די זאך צו פארווירקליכן.

זומער פון יאהר תקע״ח איז פארעפנטליך געווארן א קייזערליכער באפעל צו די רוסישע אידן, זיי זאלן אויסקלויבן פון זיך דריי דעפוטאטן, וועלכע זאלן זיצן שטענדיק אין פעטערבורג, כדי זיך צונויפצורעדן מיט דער רעגירונג וועגן די אידישע אינטערעסן. אין יענעם יאר איז פארגעקומען אין ווילנא א גרויסער צוזאמענפאר, אין וועלכן עס האבן זיך באטייליקט די שענסטע אידן, דאס רוב רבנים, אויסגעקליבענע פון אלע גובערניעס, און זיי האבן פון זיך אויסגעוויילט די דריי נויטיקע דעפוטאטן, פון וועלכע עס איז געווען איינער פון זיי זונדל זאנענבערג. דער צוזאמענפאר האט באלד פארעפנטליכט א אויפרוף צו אלע רוסישע אידן, אין וועלכן עס ווערן באקאנט געמאכט דער קייזערליכער באפעל וועגן די דריי אידישע דעפוטאטן, צוזאמען מיט דעם רעזולטאט פון די וואלן, און וועלכער פארענדיקט זיך מיט דער פאלגענדער, זייער אינטערעסאנטער דערקלערונג: ״אזוי ווי מיר קענען נישט פארלאנגען פון אונזערע דעפוטאטן, זיי זאלן ליידן שאדן דורכדעם, וואס זיי ווארפן אוועק זייערע געשעפטן, און זאלן זיך נאך לאזן קאסטן פון דער אייגענער קעשענע אויף הוצאות הדרך און אלע איבעריקע הוצאות, וואס זענען פארבונדן מיטן זיצן אין אזא גרויסן כרך ווי פעטערבורג, האבן מיר זיך משתדל געווען און אויסגעפונען א מיטל, ווי אזוי לייכט צו מאכן פאר יעדן איד זיך צו באטייליקן אין דער דאזיקער גרויסער זאך, נישט דארפנדיק אויסלייגן אויף

דעם מזומן געלט פון זיין טאש, אגב וועט דאס שוין פארבלייבן א תקנה אויף שטענדיק, נישט צו פארשוועגדן קיין געלט אויף א זאך, וועלכע איז נאך קיין מצוה נישט און איז לחלוטין איבעריק.

אזוי ווי עס איז געווארן א מאדע, אז רייכע לייט נייען ארום זייערע קיטלען מיט זילבערנע עטרות, זענען מיר מודיע, אז דאס איז נישט קיין מצוה, נאר א גאנץ איבעריקע הוצאה, וועלכע מ׳קען פארשפארן. אויף דעם סמך האט דער צוזאמענפאר איינשטימיק באשלאסן, אז פון היינט אן טאר קיין רוסישער איד, אפילו דער גרעסטער עושר, נישט אנטון קיין קיטל מיט א זילבערנע עטרה, זאגאר א חתן אין דעם טאג פון זיין חופה, און ביי וועמען דער קיטל איז שוין ארומגעלייגט מיט א עטרה, דארף עס תיכף ומיד ארונטערנעמען און פארקויפן, און דאס געלט מנדב זיין פאר די הצטרכותן פון די אויסגעקליבענע דעפוטאטן. לויט ווי מיר האבן אויסגערעכנט, דארפן אנטרעפן די הוצאות פון די דעפוטאטן, זייער נסיעה קיין פעטערבורג, זייער זיצן דארט, שכירות פאר שרייבער און איבערזעצער פון פארשידענע דאקומענטן, דירה, פאסט געלט און די איבעריקע באדערפענישן, די סומע פון דריי טויזנט זעקס הונדערט מיט זעכציג גאלדענע רענדלעך יערליך. די אויסגעארבעטע פלענער האבן מיר דערלאנגט דעם ליטווישן מיליטער גובערנאטאר, מאנטיק, ערב ראש חודש אלול, תקע״ח.

## ד.

זונדל זאנענבערג, וועלכן אלע האבן באטראכט פאר דעם חשובסטן פון די אויסגעוויילטע דעפוטאטן, האט באקומען פון צוזאמענפאר א באזונדער דערלויבעניש צו נעמען מיט זיך קיין פעטערבורג אויף קהלשע הוצאות א געהילף, וואס זאל אים דארט שטיין ביי דער זייט. אלס אזעלכן האט זיך זאנענבערג אויסגעקליבן איינעם פון די שענסטע גראדנער בעלי בתים, א געוויסן ר׳ יצחק ששון, דער מחבר פונם ספר ״שמן ששון״, א פירוש אויף אגדות חז״ל. דער דאזיקער ר׳ יצחק, וועלכער האט געשמט אלס למדן מופלג, האט באזעסן אויך א סך וועלטליכע ידיעות, האט

געקענט אייניקע אייראפישע שפראכן, און איז שפעטער אין א משך פון דרייסיק יאר געווען נאטאריום אין גראדנע און א געשוואוירענער איבערזעצער פון פויליש און רוסיש, און האט דערפאר באקומען פון ניקאליי דעם ערשטן אייניקע מעדאלן.

אין יאר תקע״ט זענען זאנענבערג מיט ששונען ארויסגעפארן קיין פעטערבורג. אונטערוועגנס, זענען זיי אפגעטראטן קיין וואלאזשין צו נעמען א ברכה פון דעם באוואוסטן גאון ר׳ חיים.

וועגן דער דאזיקער נסיעה דערציילט ששון אין זיינע זכרונות די פאלגנדע, זייער אינטערעסאנטע פאקטן:

״אז מיר זענען אנגעקומען קיין וואלאזשין, האט מיט אונז געקאכט דאס שטעטל, ווארום מ׳האט שוין געוואוסט אומעטום דעם צוועק פון אונזער נסיעה. דער גאון ר׳ חיים האט אונז מקבל פנים געווען זייער פריינדליך און אונז ארויסגעוויזן גרויס התקרבות. בלויז עטליכע פון זיינע תלמידים האבן אויף אונז געקוקט קרום און זענען זייער נישט צופרידן געווען, וואס מיר פארן אין אזא גרויסע גויאישע שטאט ווי פעטערבורג, וואס קיין איד קומט שוין פון דארט נישט צוריק. אז דער גאון ר׳ חיים האט דאס דערהערט, האט ער זיך אויף זיי אנגעבייזערט און געזאגט: ״הלואי וואלטן זיי זיך פון דארט נישט צוריקגעקערט, וואלט אפשר דערפון ארויסגעקומען א טובה פארן כלל ישראל, איך האב אבער מורא, טאמער קומען זיי יא צוריק פון פעטערבורג און וועלן גארנישט אויפטון״, ר׳ חיים האט אונז געטרייסט און געזאגט בזה הלשון: ״עסט אייך נישט אפ דאס הארץ, אזעלכע מענטשן ווי איר זענען אונז נויטיק. פארט לחיים ולשלום״. דערביי האט ער אונז געבענטשט.

אין אלע שטעט, וואו מיר זענען דורכגעפארן, — אזוי לייענען מיר ווייטער אין ששונס זכרונות, — האבן אונז די קהלות זייער פריינטליך אויפגענומען, האבן אונז באוויזן זייערע פנקסים מיט די חשבונות פון זייערע הוצאות און הכנסות, אין פאלאצק האבן מיר געפונען אין קהלשן פנקס די פאלגנדע שרעקליכע דערציילונג:

— איינמאל איז דער קייזער פיאטער דער גרויסער געקומען קיין פאלאצק אויף א מאנעוור פון מיליטער. פארנאכט, בשעת דער קייזער האט זיך צוריקגעקערט פון דעם פלאץ, וואו עס איז פארגעקומען דער מאנעוור און איז געבליבן אליין אין דעם פאלאץ, וועלכן מ׳האט פאר אים באשטימט אלס וואוינונג, האבן זיך צו אים פלוצלונג באוויזן צוויי מתים, וואס האבן זיך פאר אים פארנויגט ביז צו דער ערד, און זענען געבליבן שטיין אין א ווינקל פון צימער. דער קייזער האט פארשטאנען, אז דאס איז א ג-טליכע זאך, און האט זיי געפרעגט, וואס זיי פארלאנגען. זיי האבן אים אבער גארנישט געענטפערט. דאן האט דער קייזער אריינגערופן צו זיך איינעם פון זיינע אדיוטאנטן. זעענדיק, אז דער אדיוטאנט מערקט קיין זאך נישט, האט ער געהייסן רופן דעם גלח פון שטאט. ווען דער גלח איז געקומען, האט אים דער קייזער געפרעגט צוויי מאל, צו זעט ער עפעס. נאכדעם ווי דער גלח האט אים געענטפערט, אז ער זעט גארנישט, האט ער אים געהייסן ארויסגיין. פיאטער איז געבליבן שטיין זייער צוטומלט, ער האט באקומען א מורא, טאמער איז דאס א דמיון. אין א פאר מינוט ארום האט ער זיך אבער בארואיקט און געפרעגט, צו עס געפינט זיך נישט אין שטאט א אידישער רב. תיכף איז מען אוועק און מ׳האט געבראכט דעם רב. ווי דער רב איז אריין, האט דער קייזער באמערקט, אז ער זעט אויך דאס זעלבע בילד. ווען דער קייזער האט אים געפרעגט, צו ער זעט עפעס, האט דער רב אים געענטפערט, אז ער זעט צוויי מתים. דערביי האט ער געוויזן מיטן פינגער אויף יעדן איינציקן. דאן האט אים דער קייזער באפוילן, ער זאל זיי פרעגן וואס זיי באגערן. אויף דעם רב׳ס פראגע, האבן אים די מתים געענטפערט פאלגענדעס:

אין פאלאצק זענען דא צוויי אידישע בית עלמינ׳ס, א אלטער און א נייער. דער אלטער בית עולם געפינט זיך אויף א פלאץ, וואס געהער דעם גלח, וועלכער איז דא נאר וואס געווען. איצט וויל דער גלח צואקערן דעם אלטן בית עולם און פארפלאנצן אויף אים א גארטן, ווייל די אידן זענען שוין דארט נישט מקבר זייערע מתים. דעריבער זענען דאס איצט די צוויי בר מינ׳נס געקומען בעטן דעם קייזער, ער זאל באפעלן דעם גלח נישט צו פארווירקליכן זיין פלאן, ווייל אויף דעם ארט רוען זיי און זייערע עלטערן

שוין הונדערטער יארן. ווען דער קייזער האט דאס דערהערט, האט ער געשיקט רופן דעם גלח, מיט וועלכן ער האט אין אנהויב פארפירט א געשפרעך וועגן זייטיקע ענינים, און מיטן געשפרעך האט ער צו אים א זאג געטון: "איך האב געהערט, אז איר האט בדעה צו פארוואנדלען דעם אלטן אידישן בית עולם אין א גארטן, איר זאלט אייך נישט וואגן דאס צו טון". ווי נאר דער גלח האט ארויסגעבראכט פון מויל, אז ער וועט דערפילן דאס קייזערליכע באפעל, האבן זיך די צוויי מתים פארנויגט פארן קייזער און זענען באלד פארשוואונדן. דער רב מיטן גלח זענען זיך צוגאנגען יעדערער אין זיין וועג. אפגייענדיק עטליכע טריט, האט דער גלח ארויסגערעדט צו זיך אליין: "זאל נאר דער קייזער פון דאנען אפפארן, וועל איך מיר טון וואס מיין הארץ גלוסט". פלוצלונג האבן זיך די צוויי מתים ווידער באוויזן פארן קייזער. אין די מינוט האט דער קייזער געשיקט רופן דעם רב, און גלייך ביי זיין ארייננגאנג האבן אים די מתים דערציילט דעם גלח׳ס פארבארגענע געדאנקען. אויפן קייזערס פארזאג האט מען דעם גלח געבראכט א צווייטן מאל. אין א שטריינגן טאן האט אים דער קייזער געזאגט, אז אים זענען באקאנט זיינע מחשבות און דאס, וואס זיין מויל האט ארויסגערעדט צו זיך אליין. דער גלח האט זיך אין אלץ מודה געווען און געבעטן ביים קייזער פארצייאונג. דער קייזער האט אים אבער נישט געוואלט מוחל זיין און געהייסן אים שווער באשטראפן. דאן האבן זיך ביידע מתים ווידער געבוקט פארן קייזער און זענען פארשוואונדן געווארן".

"נאך א זאך, — דערציילט ששון — האט מיט אונז פאסירט אין וועג, וואס האט אונז זייער פארוואונדערט. געפינענדיק זיך שוין אייניקע ווערסט פון פעטערבורג, זענען מיר פארפארן אין א קרעטשמע. דאס איז געווען פרייטיק פארטאג. אין א האלבע שעה ארום איז אהין געקומען נאך א קארעטע מיט א פאר פערד, פון וועלכער עס איז אראפ א מאן, וועלכער האט אויסגעוויזן צו זיין א איד, וואס ער איז עס ווירקליך געווען, כאטש ער האט געטראגן דייטשע קליידער. מיר זענען צוגעגאנגען און האבן אים געגעבן "שלום" און געפרעגט, וואוהין ער פארט. ער האט אונז געענטפערט אין דייטש, אז ער פארט קיין פעטערבורג. "אויב אזוי, — האב איך געזאגט, — וועלן מיר איינשטיין אין איין אכסניא, ווייל מיר פארן אויך

קיין פעטערבורג״. ״ניין, — האט ער אונז געענטפערט, — איך האב אין פעטערבורג א ברודער, און איך וועל פארפארן צו אים״. ״ווער איז עס אייער ברודער?״ — האבן מיר אים געפרעגט. ״שטיגליץ! — האט ער אונז געענטפערט, — דער פארוואלטער פון פינאנץ מיניסטעריום!״

מיר האבן נישט געגלויבט אונזערע אויערן, — שרייבט ששון, — ער האט אונז אבער געוויזן זיינע דאקומענטן און זיין ברודערס בריוו. דערווייל האבן מיר זיך געשטעלט דאווענען, און ער האט אויך אנגעטון טלית און תפלין און געדאוונט, ווי איינער פון די פרומסטע אידן. נאכן דאווענען איז צו אים צוגעגאנגען זאנענבערג און אים געפרעגט, צו ער ווייסט אז זיין ברודער דער מיניסטער האט זיך שוין לאנג געשמדט? דערהערנדיק דאס, האט זיך דער מאן דערשראקן און איז געווארן בלאס ווי קאלך. ״איז דאס ריכטיק, וואס איר זאגט?״ — האט ער געפרעגט זאנענבערגן. נאכדעם ווי זאנענבערג, און אלע איבעריגע מענטשן, וואס האבן זיך בשעת מעשה געפונען אין קרעטשמע, האבן אים די זאך באשטעטיקט. האט ער זיך אפגערופן: ״אויב אזוי, פאר איך שוין נישט מיט אייך צוזאמען אין איין וועג״, און תיכף האט ער געהייסן שפאנען די פערד און זיך צוריקגעקערט אהין, פון וואנען ער איז געקומען. אין עטליכע מינוט ארום זענען מיר אויך אוועקגעפארן און פאר ליכט בענטשן זענען מיר אנגעקומען קיין פעטערבורג״.

דערביי געפינען מיר פאר נויטיק צו באמערקן, אז דער דערמאנטער שטיגליץ, דער דאמאלסדיקער פינאנץ מיניסטער, איז געוועזן פון די ערשטע אידן, וואס זענען געקומען קיין פעטערבורג צוזאמען מיט פערעצן און מיט געוואכאוויצן. א געוויסע צייט האט ער בשותפות מיט פערעצן געהאלטן פאדראדן און איז מיטגעפארן מיט דער ארמיי. ער האט זיך ארויסגעוויזן פאר זייער באגאבט, באזונדערס אויפן פינאנציעלן געביט, און די רעגירונג האט זיך מיט אים באנוצט ביים אויסארבעטן פארשידענע בילאנסן.

ווען ער איז זייער רייך געווארן, האט ער זיך פון פערעצן אפגעטיילט און געפירט זיינע געשעפטן פאר זיך. פון דאן אן איז זיין עשירות געוואקסן פון טאג צו טאג, און דערמיט אויך זיין חשיבות אין די העכסטע רעגירונגס

ספערן. אין קעגנזאץ צו פערעצן האט זיך שטיגליץ מיט אידישע אינטערעסן קיינמאל נישט אינטערעסירט, ער האט זיך נאך אבער נישט געטויפט, אפילו ווען ער האט שוין געשפילט א גרויסע ראלע אין דעם רוסישן מלוכה לעבן. געשמדט האט ער זיך ערשט נאכדעם, ווי פערעץ מיט געוואכאוויצן האבן דאס געטון.

## ו.

אנגעקומען קיין פעטערבורג, האט זיך זאנענבערג באלד פארבונדן מיט די פארשידענע דעפארטאמענטן, וועלכע האבן א קלענערע צו א גרעסערע באריהרונג מיט דעם אידישן לעבן. ער אליין האט זיך אויך געעפנט א מין קליין דעפארטאמענט מיט שרייבער און איבערזעצער, וואוהין עס זענען זיך צוזאמענגעלאפן די פעדים פון די וויכטיגסטע כלל אינטערעסן, וואס זייער באשייד איז געווען אפהענגיק פון דעם צו פון יענעם מיניסטער. וואו נאר א "ויהי", וואו נאר א צרה אין וועלכע עס איז קהלה, האט מען באלד אוועקגעשיקט א שליח מיוחד צו זאנענבערגן קיין פעטערבורג, און ער האט שוין געזוכט און אויסגעפונען דעם נויטיקן וועג, ווי אזוי צו ארבעטן אין דער זאך. ער האט געקענט די מיניסטארן אויסגעבונדן מיט אלע זייערע מעלות און חסרונות אלס ביוראקראטן און מענטשן, ער האט געוואוסט אויסגעצייכנט יעדערנס קאפריז און יעדערנס שוואכקייטן, און אלץ האט ער פארשטאנען אויסצונוצן פאר זיינע צוועקן. ער האט געהאט אייזערנע ענערגיע און זייער א פעסטן כאראקטער. דערצו האט ער אויף זיך א סך געבויט און זיך פאר קיין זאך נישט אפגעשראקן. נאך ביז די לעצטע יארן האט מען דערציילט אין ליטע וועגן זאנענבערג פארשידענע מעשיות.

## ז.

מיר וועלן דא איבערגעבן אלסביישפיל איינע פון די סך מעשיות וועגן זאנענבערגס שתדלנישער טעטיקייט, וואס האבן קורסירט ביז די לעצטע יארן אין ליטע און אין ווייס רוסלאנד.

זאנענבערג וועלכער איז געווען עכט ארטאדאקסיש געשטימט, האט אין פעטערבורג אויך געפירט א פרומען שטאט, אזוי ווייט, אז ער האט צו זיך אראפגעבראכט פון גראדנע א אייגענעם שוחט. נאכדעם, ווי ער פלעגט זיך א גאנצן טאג אנלויפן צוליב אלערליי כלל אינטערעסן אין פארשידענע דעפארטאמענטן, פלעגט ער שפעט אין אוונט לערנען מיט ששונען א בלאט גמרא. שבת האט ער ביי זיך אויף דער קווארטיר געהאט א "מנין" פון 10 ארימע אידן, וועלכע האבן פון אים באקומען וועכנטליכע שכירות. דעם שבתדיקן טאג, פלעגט ער זיך אינגאנצן אפגעבן מיט תורה און עבודה, מיט לערנען און דאווענען, וועגן אנדערע וואכעדיקע ענינים האט ער אפילו נישט געוואלט רעדן. זיין רייכע קארעספאנדענץ פלעגט ביי אים בלייבן ליגן א גאנצן שבת ביז נאך "הבדלה" נישט געעפנט. באלד ביי זיין אנקומען קיין פעטערבורג, האט ער זיך משתדל געווען ביים אינערן מיניסטער און געפועלט ביים אים, אז די דעפארטאמענטן זאלן אים שבת נישט ארויסרופן אויף קיינע דערקלערונגען וועגן אידישע ענינים.

איינמאל, — אזוי דערציילט דאס פאלק, — האט אבער פאסירט א פאל, אז זאנענבערגס פרומער לעבנס שטייגער האט שיעור נישט אריינגעבראכט אין גרויסן געפאר א גאנצע אידישע קהלה, און נאר דורך זיין אויסערגעוויינליכער מוט איז די ניצול געווארן פון אומגליק.

געטראפן האט זיך עס אין קאלענקאוויטש, א קליין שטעטל אין מינסקער גובערניע. ערב יום כפור האט מען זיך דארט דערוואוסט, אז מ'האט אהין פון ערגעץ וואו געבראכט מיטן עטאפ א אידישן ארעסטאנט, וועלכער געפינט זיך אין תפיסה. מ'האט עס דערציילט דעם רב, און ער האט באלד געשיקט רופן דעם ראש הקהל און אים געבעטן נעמען אויף זיך די מצוה און זיך משתדל זיין ביי וועמען מען באדארף, מ'זאל דעם ארעסטירטן אפלאזן צו "כל נדרי" און אויך אויף דעם גאנצן מארגנדיקן טאג אין שול אריין. דער ראש הקהל איז תיכף אריינגעלאפן אין א קראם, וואו ער האט געקויפט א הוט צוקער, און איז מיט דעם אוועק צום "סטאנאוואי פריסטאוו", וועלכער איז מיט אים תמיד געשטאנען אין די בעסטע באציאונגען. אויסהערנדיק דעם ראש הקהל'ס השתדלות, האט אים דער

״פריסטאוו״ געענטפערט:

— קיין רעכט אויף דעם האב איך נישט, איך טו עס נאר פאר דיר און אויף דיין אחריות, אינגאנצן אליין קען איך אבער דאך דעם ארעסטאנט נישט אפלאזן, איך מוז מיט אים מיטשיקן א וועכטער, וואס זאל שטיין די גאנצע צייט נעבן אים אין שול און אים היטן.

און אזוי איז געווען. פארנאכט האט א קריסטליכער שומר געבראכט דעם ארעסטאנט אין שול אריין, מ׳האט אים געגעבן א טלית מיט א קיטל, און איידער דער עולם האט נאך אנגעהויבן זאגן ״תפלת זכה״, האט ער זיך שוין פונאנדערגעכליפעט אויפן קול, אז די ווענט האבן געציטערט. אזוי האט ער אפגעקלאגט ביז מ׳האט זיך געשטעלט ״שמונה עשרה״. בשעת די מתפללים זענען געשטאנען פארדעקט איבערן קאפ מיט די טליתים, האט זיך דער ארעסטאנט א קער געטון צום שומר און אים איינגערוימט א סוד אין אויער, אז ער דארף ״ארויס אויפן הויף״, און איידער דער שומר האט אים באוויזן עפעס צו ענטפערן, האט ער געכאפט, ווי ער שטייט און גייט אין טלית און קיטל, און א לאז געטון זיך צו דער טיר און אוועק.

קיינער פון עולם האט דאס אבער נישט באמערקט. אלע זענען געווען פארטיפט אין דאווענען. דער שומר האט אפגעווארט עטליכע מינוט, און זעענדיק, אז דער ארעסטאנט גייט נישט אריין צוריק, איז ער אים אוועק זוכן אויפן הויף. נאכדעם, ווי ער האט אים אויסגעזוכט אין אלע ווינקאלאך און אים אין ערגעץ נישט געפונען, איז ער אריין א פארבליפטער צוריק אין שול און געמאכט א ליארעם. אין די אונטערשטע רייען ביי דער טיר איז געווארן א טומל, וואס האט זיך געשטארקט פון מינוט צו מינוט, די וואס האבן זיך געפונען ווייטער, האבן געמיינט אז ס׳האט אויסגעבראכן א שרפה. מ׳האט איבערגעריסן דאס דאווענען און גענומען לויפן צום ארויסגאנג, וואו עס איז געשטאנען דער שומר מיט פארבראכענע הענט. דא איז ערשט די זאך אויפגעקלערט געווארן, און אויף אלעמען איז אנגעפאלן א פחד. דער רב מיטן ראש הקהל זענען געבליבן אן לשון. מיטאמאל איז ארויף אויף די בימה דער דיין, א 80־יעריקער זקן, און האט אויסגערופן:



יום כפור אין שוהל

— אידן ! לאמיר זיך אלע, פון קליין ביז גרויס, לאזן איבערן שטעטל, זוכן דעם ארעסטאנט !

א "ליל שמורים" איז יענע נאכט געווען פאר די קאלענקאוויטשער אידן. מ׳האט אויסגענישטערט דאס גאנצע שטעטל, מ׳האט געזוכט אין די נאענטע דערפער, אבער אומזיסט, — יענער איז ווי אין וואסער אריין.

נאך אין דער זעלבער נאכט האט דער "פריסטאוו" איינגעזעצט דעם ראש הקהל אין תפיסה מיט דעם שומר, וועלכן ער האט באשולדיקט, אז די אידן האבן אים אונטערגעקויפט, און אויף מארגן פרי האט ער וועגן דעם צופאל אפגעשיקט א ראפארט צום "איספראווניק" קיין מאזיר.

אין א פאר טעג ארום איז אראפגעפארן דער "איספראווניק", פון וועמען מ׳האט זיך דערוואוסט, אז דער אנטלאפענער ארעסטאנט איז א גרויסער פארברעכער, וועלכן מ׳האט געכאפט צוזאמען מיט א גאנצע שייקע, באגנבענענדיק א דארפישן קלויסטער, און מ׳האט עס אים איצט געפירט אין פאוויאט, צו שטעלן אים דארט פארן געריכט.

דער דאזיקער מאזירער "איספראווניק" איז געווען באקאנט אין דער גאנצער געגנט אלס גרויסער כאבארניק, ביי וועלכן מ׳קען פאר דער מטבע אלץ פועלן, מיט דעם האבן זיך די קאלענקאוויטשער אידן לכתחילה געטרייסט און געהאפט, אז דורך א "מתנת־יד" וועט זיך זיי איינגעבן די זאך צו פארררייבן. און אפשר וואלט דאס טאקע ווירקליך אזוי געווען, ווען דא וואלט נישט פאסירט א נייער, גאנץ אומגעריכטער צופאל, וואס האט אנגעווארפן א שרעק אויף די קאלענקאוויטשער אידישע באפעלקערונג.

אויפן צווייטן טאג, ווען דער "איספראווניק" האט געשיקט ברענגען צו זיך דעם וועכטער, כדי אויסצופארשן אים, ווי אזוי דער איד איז אנטלאפן פון זיינע הענט, האט מען אים געפונען אין צימער פון דער תפיסה א אויפגעהאנגענעם.

ווי א פייל פון בויגן האט זיך פארשפרייט די ידיעה איבערן שטעטל, און אידן האבן זיך גענומען באהאלטן אין די הייזער. אלע זענען זיי געווען

גאנץ זיכער, אז דער וועכטער האט זיך גענומען דאס לעבן צוליב מורא, טאמער ווארפט מען אויף אים ארויף די גאנצע אחריות; זיי האבן אבער גוט געקענט דעם "איספראווניק", דעם בלוט־זויגער, און פארשטאנען, אז ער וועט זיך באנוצן מיט דעם צופאל, צוצונעמען ביי זיי דעם לעצטן גראשן און שטעלן זיי בדיל הדל.

ס'דארף באמערקט ווערן, אז אין יענער צייט איז נאך אין רוסלאנד דאס געריכט־וועזן געווען זייער פארלאזט, אזוי אז דער קלענסטער סאטראפ האט געהאט אין זיין ארט די גאנצע דעה, און יעדער "איספראווניק", למשל, האט געקענט טון מיט די פארדעכטיקטע איינוואוינער פון זיין פאוויאט, וואס זיין הארץ גלוסט. צו באקלאגן זיך אויף אים אין א העכערער אינסטאנץ האט מען זיך זעלטן געוואגט, ווייל תמיד האט זיך עס ארויסגעוויזן פאר זייער געפערלאך.

און די שרעק פון די קאלענקאוויטשער אידן איז נישט געווען אומזיסט. נאך דעם זעלבן טאג האט מען, אויף דעם "איספראווניקס" באפעל, ארעסטירט דעם רב מיט פינף פון די חשובסטע בעלי־בתים און געבראכט זיי אין "סטאן" אריין. דארט איז אויף זיי ארויפגעפאלן דער "איספראווניק" מיט ווילדע קולות און מיט דער איין טענה, אז לויט ווי ער האט אויסגעפארשט די זאך, איז ביי אים גאר קיין ספק נישט, אז נאר זיי האבן אונטערגעקויפט דעם שומר, כדי צו העלפן דעם אידן אנטלויפן.

דערביי האט ער זיי געמאלדן, אז נאך מארגן וועט ער זיי אפשיקן, געשמידט אין קייטן, קיין מאזיר, וואו ער וועט זיי האלטן אין טורמע און געבן יעדערן פון זיי צו 25 שמיץ א טאג, ביז זיי וועלן אים אויסזאגן וואוהין דער ארעסטאנט איז אנטלאפן.

אלע טענות מצד די אידן, אז זיי הויבן נישט אן וויסן פון וואס צו זאגן, און אז זיי ווערן אומזיסט באשולדיקט, האבן נישט געהאלפן. דער "איספראווניק" האט זיי געהייסן אפפירן אין תפיסה, און אליין איז ער אריין אין א צווייטן צימער, און האט הינטער זיך פארהאקט די טיר מיט גרויס צארן.

אין שטעטל איז געווארן א יללה, גרויס איז געוועזן דער חורבן נישט בלויז אין די הייזער פון די ארעסטירטע, נאר אין יעדן אידישן הויז. מ'האט אפגעהאלטן אין בית־מדרש אסיפות און געזוכט מיטלען און וועגן, ווי אזוי דורכצורעדן זיך מיטן "איספראווניק". ער האט אבער צו זיך, דעם ערשטן טאג קיינעם נישט צוגעלאזט.

אין אוונט איז דעם "פריסטאווס" פרוי אריין צו א באקאנטן אידישן קרעמער, און פארפירנדיק מיט אים א שמועס וועגן דעם ארעסט פונם רב מיט די שטאט בעלי בתים, האט זי אים דערביי מרמז געוועזן, אז די זאך האלט נאך נישט אזוי שלעכט, און אז זי וואלט, ביי געוויסע באדינגונגען, געקענט זיין א פארמיטלערן אין דעם ענין.

נאכדעם, ווי קהל האט אויסגעריכט פון זיין צד צוויי מענטשן, צו אונטערהאנדלען מיט איר, האט זיך אבער ארויס־געוויזן, אז די געלט־סומע, מיט וועלכער מ'וואלט געקענט מפצה זיין דעם "איספראווניק", איז אזא גרויסע, אז ווען אפילו אלע שטעטלדיקע אידן וואלטן פארקויפט דאס לעצטע העמד פון זיך, וואלט עס נאך נישט געדעקט אפילו די העלפט. קהל האט זיך געפרובט דינגען, אבער אן ערפאלג; דער "איספראווניק" האט נישט אראפגעלאזט קיין גראשן. דאס איינציקע, וואס מ'האט ביי אים דערווייל געפועלט, איז געוועזן: נישט אפצושיקן דערווייל די ארעסטירטע קיין מאזיר, און לאזן זיי ביז א פאר וואכן נאך סוכות אין דער קאלענקאוויטשער תפיסה. דערביי האט ער זיי באשטימט דעם לעצטן טאג, וואס מער וועט ער אויף זיי קיין מינוט נישט ווארטן.

אין דער נאכט, וואס פאר ערב סוכות, האט קהל צונויפגערופן א אסיפה, אין וועלכער עס איז בהסכם כולם באשלאסן געווארן, אוסצוריכטן אין געהיים א ספעציעלן שליח קיין פעטערבורג, צו בעטן הילף ביי "זונדל דעם גרויסן", וועגן וועלכן עס זענען שוין פון לאנג דערגאנגען קלאנגען קיין קאלענקאוויטש, אז ער איז א גרויסער טהוער און פירט־אויס ביי "נאטשאלסטווע" אלץ וואס ער וויל. עס האבן זיך אבער נישט געפונען קיין בעלנים אויף אונטערצונעמען אזא ווייטע נסיעה, און באזונדערס אין

הערבסט־צייט, בעת דער וועג איז אזוי שלעכט. ס׳איז געבליבן, מ׳זאל ווארפן גורל, און דער גורל איז אויסגעפאלן אויפן אלטן דיין.

מיט גרויס פרייד האט זיך דער זקן אנגעכאפט אין דער מצוה, און נאך די זעלבע נאכט האט ער זיך געלאזט אין וועג אריין.

די אנדערע טעג סוכות איז ער געוועזן אין מינסק. דארט איז ער אריין צום רב, ר׳ טעוועלע, און האט אים פארטרויט די זאך און געבעטן א ברכה אויפן וועג. באגלייטנדיק אים ביז צו דער טיר, האט צו אים ר׳ טעוועלע מיט אמאל א זאג געטון:

— איר האט דאך, מסתמא, אין זינען, אז פקוח נפש איז דוחה אלע מצוות פון דער תורה הקדושה?

דער דיין האט דאן נישט תופס געווען, צוליב וואס דער בארימטער גאון דערמאנט אים די מימרא פון דער גמרא, וועלכע איז יעדערן באקאנט און איז ביי קיינעם קיין נייעס נישט. דאס הארץ האט אים אבער געזאגט, אז אין ר׳ טעוועלעס ווערטער ליגט עפעס א פארבארגענע כוונה, וועלכע וועט אים אפשר נאך אין וועג אויפגעקלערט ווערן.

פאר ווילנע האבן זיך אנגעהויבן גרויסע רעגנס. די זאמדן אויף די וועגן זענען פארוואנדלט געווארן אין גרויסע, טיפע בלאטעס און זומפן, אין וועלכע די פערד זענען געקראכן ביזן האלז און האבן קוים געהויבן די פיס. דער דיין האט זיך דערמאנט, אז אויב ער וועט נישט קומען קיין פעטערבורג ביז ענדע וואך, וועט מען פארשפעטיקן דעם טערמין, און די ארעסטירטע וועלן נאך, חלילה, אוועקגעשלעפט ווערן קיין מאזיר, וואו מ׳וועט זיי שמייסן און אנטון יסורים. ער האט זיך פארגעשטעלט, ווי מען שמייסט אומברחמנותדיק זיין גוטן פריינד און חבר, דעם קאלענקאוויטשער רב, וועלכער איז אזא שוואכער און וועט דאס געוויס נישט אויסהאלטן מיט די כחות, און איז פארציטערט געווארן...

— „פקוח נפש!״ — האט אים פלוצלונג אויפגעבליצט אין מוח. און זעענדיק פרייטיק נאך האלבן טאג, אז ער האט נאך צו פארן ביז פעטערבורג

א פופציק־זעכציק וויארסט, האט ער א געשריי געטון צו זיין אידישן בעל־עגלה:

— "פאר און שטעל דיך נישט אפ! ר' טעוועלע מינסקער הייסט!"...

שבת אינדערפרי, בשעת אין זאנענבערגס "מנין" האט מען שוין געהאלטן ביי "קריאת־התורה", האט זיך מיט־אמאל אריינגעריסן אהין דער אלטער קאלענקאוויטשער דיין מיט א געשריי:

— געוואלד, ר' זונדל! ראטעוועט א אומגליקליכע אידישע קהלה!...

אלע מתפללים זענען געבליבן שטיין צוטומלט אויף די ערטער, און דער בעל־קורא האט זיך אפגעשטעלט אינמיטן פסוק. קיינער האט זיינע אויגן נישט געגלויבט: א אלטער איד מיט א לאנגער שניי־ווייסער באַרד קומט צופארן אום שבת!...

דער איינציקער, אויף וועמען די סצענע האט נישט געמאכט קיין באזונדערן איינדרוק, איז געווען זאנענבערג אליין. ער האט נישט געפרעגט דעם אורח, וועגן וואס דא האנדלט זיך, ער האט אים אפילו קיין "שלום עליכם" נישט אפגעגעבן, נאר א וואונק געטון מיט דער האנט צום בעל־קורא, ער זאל לייענען ווייטער.

דער דיין, וועלכער האט געגלויבט, אז יעדע מינוט איז דא טייער, האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און אויסגערופן:

— ר' זונדל! איך וועל אייך מעכב־הקריאה זיין. דא גייט אין פקוח נפש!

זאנענבערג האט אים גארנישט געענטפערט, נאר אריינגעשטאכן אין אים א פאר גרויסע אויגן, פאר וועלכע דער אלטער האט זיך ווי דערשראקן, און האט שוין מער דאס מויל נישט געעפנט. ער האט בלויז געבעטן א טלית און זיך אויך געשטעלט דאווענען מיט דעם עולם.

אויך נאכן דאווענען, ווען אלע זענען זיך שוין צוגאנגען, האט זיך נאך

זאנענבערג אפגעהאלטן פון צו רעדן מיטן דיין וועגן דעם ענין, צוליב וועלכן ער איז צו אים געקומען. ער האט אים איינגעלאדן צו זיין טיש, גערעדט מיט אים אין לערנען, געזונגען מיט אים "זמירות", און ווייטער מעהר קיין ווארט נישט. דער דיין, וועלכער איז די גאנצע צייט געזעסן ווי אויף געברענטע קוילן, האט נישט אויפגעהערט זיך וואונדערן און צו קוועטשן מיט די פלייצעס. ער האט זיך געגנוג אנגעהערט וועגן זאנענבערגס פרומקייט, דאך האט ער זיך נישט געריכט, אז דער גרויסער אידישער שתדלן, וואס איז ווייט און ברייט בארימט דורך זיין מסירת־נפשדיקער ארבעט פארן כלל־ישראל זאל ארויסווייזן אזא קאלטקייט צו א געשעעניש, וואס איז פארבונדן מיט געפאר פאר א גאנצער עדה אידן, און צוליב וועלכן דער מינסקער גאון, ר׳ טעוועלע, האט אים, דעם קאלענקאוויטשער דיין, מתיר געווען אויף דער עלטער מחלל שבת צו זיין.

ערשט מוצאי־שבת נאך הבדלה האט זאנענבערג אריינגערופן דעם דיין אין א חדר מיוחד, און געלאזט זיך פון אים דערציילן אויספירליך, אלעס וואס עס האט ביי זיי פאסירט. די גאנצע צייט, וואס דער דיין האט גערעדט, איז זאנענבערג געזעסן מיט א אראפגעלאזטן קאפ און האט זיך צו אים אויפמערקזאם צוגעהערט. בשעת דער דיין האט אים אויסגעדריקט זיין מורא, אז דער רב מיט די פינף בעלי־בתים קענען נאך, חלילה, בלייבן טויט אונטער די שמיץ, האט אים אזוי פארקוועטשט דאס הארץ, אז ער האט זיך פונאנדערגעוויינט. אבער תיכף האט ער זיך א כאפ געטון, ער איז אויפגעשטאנען פון ארט און אויסגערופן: "איך גיי!", און איז אוועק.

עס איז אריבער א שעה, און צוויי און דריי, עס איז שוין געווען שפעט נאך האלבער נאכט, און זאנענבערג איז נאך אלץ נישט צוריקגעקומען. דער אלטער דיין האט שוין פארענדיקט זאגן דעם גאנצן תהלים און איז אויף אים איינגעשלאפן. מיטאמאל האט ער דערהערט, ווי זאנענבערג שטייט איבער אים און וועקט אים:

— שטייט־אויף און הייסט שפאנען די פערד, איידער איר וועט נאך קומען אויפן ארט, וועלן שוין אלע ארעסטירטע זיין באפרייט, און דער "איספראווניק" וועט שוין האבן געכאפט זיין פסק.

און אזוי איז טאקע געוועז. אין א צען טעג ארום, ווען דער דיין איז נאך געווען אין וועג, איז דער "פריסטאוו" אריין אין תפיסה און האט מודיע געווען דעם רב מיט די איבעריקע אידישע ארעסטירטע, אז אזוי ווי ס'האט זיך ארויסגעוויזן זייער אומשולד, ווערן זיי באפרייט און קענען גיין אהיים. אינגיכן האט מען זיך דערוואוסט, אז דער מאזירער "איספראווניק" האט באקומען פון פעטערבורג א שארפן אויסרייד און איז אראפגעזעצט געווארן פון זיין שטעלע, ער איז שפעטער דורך דעם אריינגעפאלן אין אזא ארימקייט, אז ער האט זיך שטארק דערפרייט, ווען די שטאטישע אידן האבן אים פון רחמנות וועגן גענומען פאר א שבת־גוי...

און אין קאלענקאוויטש האבן זיך אידן געסודעט און איבערגעגעבן איינער דעם אנדערן אויפן אויער אין דיינס נאמען, אז יענעם שבת־צו־נאכטס, בעת זאנענבערג איז נאך הבדלה אוועק אין גאס און איז צוריקגעקומען אהיים ערשט פארטאג, איז ער עס געווען ביים מיניסטער, וועלכן ער האט נישט געפונען ביי זיך אויף דער קווארטיר, נאר עפעס ביי א גרויסן שררה פון "הויף" אויף א באל. דארט האט זאנענבערג דערציילט דעם מיניסטער די קאלענקאוויטשער געשיכטע און אים דערביי געגעבן צו פארשטיין, אז דער אידישער ארעסטאנט, וואס איז פארשוואונדן געווארן פון שול צו "כל נדרי", איז געוויס אריינגעפאלן אין די הענט פון די "נישט־גוטע", וועלכע האבן א שליטה אין דער נאכט פון יום־כפור... (צווישן די רוסן איז אנגענומען, אז יעדעס יאהר אין דער נאכט פון "כל נדרי" ווערט א איד געכאפט פון א "נישט גוטער"...)

די דאזיקע מעשה וועלכע פלעגט ווערן איבערדערציילט אין פארשידענע וואריאנטן אין די פארוואָרפנסטע ווינקעלעך פון ליטע און ווייס־רוסלאנד, ווייזט, ווי די אידישע פאלקס־מאסע האט אין יענער צייט געגלויבט אין זאנענבערגס כוח, מאכן צו־נישט אלערליי גזרות רעות, וואס בייזוויליקע שררות, גרעסערע און קלענערע, האבן גוזר געווען אויפן כלל־ישראל. נאך מער אינטערעסאנטערע מעשיות ווערן דערציילט וועגן דעם, ווי אזוי זאנענבערג האט אויסגעווירקט ביים קייזער אליין, ער זאל צוריקנעמען זיין ארויסגעגעבענעם באפעל צו רעווידירן די צאל פון דער אידישער

מענליכער און ווייבליכער באפעלקערונג. די דאזיקע רעוויזיעס האבן אידן דאן באטראכט פאר זיך אלס א שווערע גזרה, ווייל נאך יעדע רעוויזיע האט מען אויף זיי ארויפגעווארפן זייער גרויסע, אומדערטרעגליכע שטייערן. וויפל די פריערדיקע שתדלנים האבן זיך געמאטערט אפצוהאלטן די רעוויזיעס, האבן זיי עס נישט געקענט באווייזן, ביז ס'איז געקומען „זונדל דער גרויסער" און האט אויפגעוויזן דעם קייזער פון תנ"ך, אז יעדעס מאל, ווען מען ציילט אידן, שאדט זיי א בייז אויג און זיי ווערן ווינציקער אין צאל, — א זאך, וואס לוינט זיך געוויס נישט פאר די אינטערעסן פון דער מלוכה... די ידיעה, אז עס איז בטל געווארן די גזרה פון דער רעוויזיע, האט ארויסגערופן אומעטום ביי אידן א יום־טובדיקע שטימונג, און א לאנגע צייט נאכדעם האט מען שבת אין אלע שולן געמאכט זאנענבערגן „מי שברך" און מנדב געווען לכבוד אים אויף פארשידענע צדקות.

## ח.

אין זיינע לעצטע יארן איז דער קייזער אלעקסאנדער דער ערשטער געווארן רעליגיעז־מיסטיש געשטימט. די דאזיקע שטימונג, וועלכע איז ביי אים ארויסגערופן געווארן אונטער דעם איינפלוס פון די דעמאלטיקע גרויסע וועלט־איבערקערענישן, וואס האבן זיך אנגעהויבן מיט דעם פראנצויזיש־רוסישן קריג האט נישט גוט געווירקט אויף זיינע באציאונגען צו דער אידן־פראגע. אויסער דעם וואס ער האט זיך אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיט דער אידישער לאגע בכלל, האט ער נאך אנגעהויבן ארויסווייזן א באזונדער התקרבות צו געשמדטע אידן. ער האט ארונטערגענומען אונטער זיין שוץ די ניי־געגרינדעטע „חברה און משומדים". אפיציעל איז די דאזיקע געזעלשאפט געגרינדעט געווארן מיט דעם צוועק צו שטיצן אידן, וואס האבן זיך שוין געשמדט, אדער וואס קלויבן זיך ערשט צו שמדן, און געפינען זיך צוליב דעם אין א שלעכטער לאגע. אבער די פיל מאטעריעלע פריווילעגיעס, וואס די רוסישע רעגירונג האט געגעבן די משומדים, און די גרויסע הנחות, וועלכע זי האט זיי געמאכט, ווי די באפרייאונג פון מיליטער־דינסט אויף דור־דורות, ווייזט

אויף דעם, אז איר גאנצע כונה איז געווען ארויסרופן ביי אידן א שמד־באוועגונג, רעכענענדיק אפשר אויף זייער געדריקטן רעכטליכן און עקאנאמישן צושטאנד, די "חברה משומדים" האט אבער נישט געהאט קיין שום ערפאלג. קיין איין איד איז אין איר נישט אריין אלס מיטגליד. אויך די ענגלישע מיסיאנערן, וואס די רעגירונג האט זיי דערלויבט צו באזוכן די גובערניעס פונם אידישן "תחום" צוצוציען אידן צום קריסטליכן גלויבן, האבן אויך גארנישט אויפגעטון. אבער פון דעמאלט אן האט זיך אנגעהויבן שפירן אין דער באציאונג פון דער רוסישער רעגירונג צו די אידן א רעליגיעזע אומטאלעראנץ.

ס'איז גענוג דער פאקט, אז די רוסישע געזעצגעבונג האט דאן דאס ערשטע מאל גענומען זוכן מיטלען, ווי אפצוהיטן די קריסטליכע באפעלקערונג נישט ארונטערצופאלן אונטער דער רעליגיעזער השפעה פון די אידן. אין דעם זין זענען ארויס געזעצן איינס נאכן אנדערן, וועלכע האבן אלע געהאט דעם איין צוועק אוועקצושטעלן א וואנט צווישן אידן און קריסטן. פויערים און לייב־אייגענע האבן נישט געטארט ארבעטן ביי אידן. עס איז פארבאטן געווארן אידן צו האלטן אין שטוב קריסטליכע דינסטן.

אין יאר תק"פ האט דער מיניסטער איבער די ענינים פון די פרעמדע אמונות, פירשט גאליצין, צוגעשטעלט דעם קייזער א מעמאראנדום, אין וועלכן ער ווייזט אים אויף, אז "די אידן האלטן פאר זייער חוב, אריבערצוציען אלעמען צו זייער גלויבן", און אז זיי האבן שוין פארשפרייט זייער תורה אין וואראנעזשער גובערניע.

פון דעמאלט אן זענען אוועק כסדר באפעלן קעגן אידן, ווי גירושים פון די דערפער, דער פארבאט צו וואוינען פופציק ווערסט פון דער גרענעץ א. אז. וו. און די דאזיקע אלע אומוואנדלונגען צום שלעכטן אין דער באציאונג צו אידן, האבן געשטאמט נאר פון דער שטארקער נייגונג, וועלכע האט זיך מיטאמאל ארויסגעוויזן ביי אלעקסאנדער דעם ערשטן, — צוצוציען וואס מער אידן צום קריסטליכן גלויבן.

זייער אינטערעסאנט איז דער פאקט, וועלכער איז נאך ביז אהער

וויניק באלויכטן געווארן, אז די דאזיקע מיסיאנערישע נויגונג איז אנטשטאנען ביים רוסישן קייזער אונטער דער השפעה פון א געוויסן ענגלענדער, לודוויג וויי, האט ער געהייסן.

דער דערמאנטער ענגלאנדער איז געוועזן א אדוואקאט, וועלכער האט גאר אומגעריכט באקומען פון א זייטיקן פערזאן א גרויסע ירושה מיטן באדינג, אז ער זאל פארנוצן זיין קאלאסאלן פארמעגן אויף א "גוט־געבענטשטן צוועק". געזונטווערנדיק אין יאר תקנ"ט פון א שווערער קראנקהייט, האט ער ווי אוועקגעווארפן זיין פראפעסיע אלס אדוואקאט, איז אריין אין א מאנאסטיר און איז געווארן א גלח.

קורץ נאכדעם, איז ער אויפמערקזאם געווארן אויפן אידישן פאלק, האט אנגעהויבן צו שטודירן לויט פארשידענע ספרים די אידן־פראגע, און האט צוליב דעם צוועק געמאכט א נסיעה אין אייניקע לענדער, און אויך קיין רוסלאנד.

זייענדיק א מיטגליד פון דער לאנדאנער מיסיאנערישער געזעלשאפט, האט ער אומעטום גערופן אידן אנצונעמען דעם קריסטליכן גלויבן. ער איז אבער ווייט געווען פון דעם געדאנק צו צווינגען אידן צום שמד; ער האט, פארקערט, אגיטירט פאר נויטיקייט צו געבן אידן אלע בירגער־רעכט, כאטש ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז דווקא די אידישע רעכטלאזיקייט האט געבראכט מערערע אידן צום קריסטנטום, ער האט זיך געשטעלט אלס ציל צו דערהויבן דאס אידישע פאלק פון זיין נידעריגן צושטאנד. ער האט באשלאסן באנוצן זיך צו דעם צוועק מיט דעם קאנגרעס פון די קיסרים, וועלכער איז פארגעקומען אין יאר תקצ"ח אין אאכען.

אין ברוסעל האט ער זיך באגעגנט מיט דעם שוין אין יענער צייט מיסטיש־געשטימטן רוסישן קייזער אלעקסאנדער דער ערשטער און האט פון אים באקומען די דערלויבעניש צוצושטעלן אים א מעמאראנדום וועגן די רעפארמען, וואס זענען נויטיק צו מאכן לטובת די אידן, אין דעם דאזיקן מעמאראנדום, וועלכן "וויי" האט דערלאנגט אלעקסאנדערן אין אאכען, האט ער באמערקט צווישן אנדערן, אז אומזיסט איז דאס רופן אידן צום

קריסטנטום כל זמן מען באגייט זיך נישט מיט זיי ווי מיט מענטשן און ברידער און מען זארגט נישט צו לאזן זיי געניסן פון אלע רעכט, און אויפצוהויבן זייער וואוילשטאנד.

באלד נאכדעם, האט "ווייי" פארפאסט א צווייטן מעמאראנדום, מיט דער הילף פון דעם רוסישן דיפלאמאט סטורדזא, און האט עס דעם 25־טן אקטאבער איבערגעגעבן דעם רוסישן קייזער, און קאפיעס פון אים האט ער צוטיילט צווישן די מיטגלידער פון קאנגרעס.

אנערקענענדיק, אזוי האט "ווייי" געשריבן צווישן אנדערן אין זיין מעמאראנדום, אז די אידן זענען א קעניגליך פאלק, אז אין דעם אידישן פאלק איז פארבארגן דער שליסל צו פארשטיין די אלוועלטליכע געשיכטע, דעריבער דארפן אלע פעלקער, וואס האבן באקומען רעטונג און גליקזעליקייט דורך די אידן, אפגעבן זיי דעם גרעסטן כבוד און טון מיט זיי אלדאס גוטס. די דאזיקע געדאנקען האט "ווייי" באגרינדעט אויף געוויסע פסוקים פון תנ"ך. אלעקסאנדער דער ערשטער האט אויסגעדריקט זיין ווילן, אז די דיפלאמאטן, וואס באטייליקן זיך אין קאנגרעס, זאלן ארויסזאגן זייער מיינונג וועגן דעם מעמאראנדום.

דעם 21־טן נאוועמבער האבן די פארשטייער פון די פארשידענע מלוכות געמאכט א פראטאקאל, אין וועלכן זיי האבן דערקלערט, אז כאטש זיי זענען נישט מסכים מיט אלע "ווייי'ס" היסטארישע הנחות, דאך געפינען זיי זיין צוועק פאר גערעכט און גרויסארטיק. אין דער אונטערשטער שורה האט "ווייי'ס" השתדלות נישט געפירט צו קיינע ממשותדיקע רעזולטאטן. אין דעם מוח פון אלעקסאנדער דעם ערשטן האט עס אבער ארויסגערופן א צוטומלניש, א קייט פון אומוואנדלונגען אין דער שטימונג בנוגע צו אידן; דא איז ער צו זיי געווען גוט, און אמאל אפילו זייער גוט, און דא איז ער צו זיי געווארן שלעכט. אזוי האט זיך עס ביי אים געביטן, ביז ער איז געבליבן שטיין אויף שלעכטס...

## ט.

ביי אזעלכע זיך כסדר וואקלענדיקע באציאונגען צו אידן מצד דער רעגירונג פון אלעקסאנדער דעם ערשטן, איז אויסגעקומען זאנענבערגן צו ארבעטן די לעצטע צייט פארן כלל ישראל, ער האט אבער באזעסן די פעאיקייט אויפצוכאפן פון דער לופט יעדן גוטן ווינטל און אויסנוצן עס תיכף לטובת אידן און אויך, פארקערט, אפהיטן זיי, ווי ווייט מעגליך, פון יעדן שלעכטס, וואס האט זיך פאר זיי פראיעקטירט. אין באזונדערע שווערע מאמענטן האט זיך זאנענבערג אויף זיך אליין נישט פארלאזט. אין אזוינע פאלן האט ער געפונען פאר גלייך גארנישט צו אונטערנעמען, נישט באראטנדיק זיך פריער מיט די גרעסטע אידישע פערזענליכקייטן פון ליטע און ווייס רוסלאנד. בשעת איינעם פון די דאזיקע פאלן האט זאנענבערג אראפגעבראכט צו זיך קיין פעטערבורג דעם בארימטן גאון ר׳ חיים וואלאזשינער.

דאס איז געווען בשעת אלעקסאנדער דער ערשטער האט אנגעהויבן ארויסצווייזן א באזונדער אינטערעס צו דער אידישער בילדונג. לויט זיין איניציאטיוו האבן דאן די רוסישע מלוכה־מענער אויסגעארבעט פארשידענע פראיעקטן וועגן גרינדן באזונדערע שולן פאר אידן. עס איז ביי זיי, צווישן אנדערן, באטראכט געווארן די פראגע וועגן באשטימען א געוויסן בילדונגס־צענז פאר רבנים, באופן, אז א רב זאל מוזן קענען, קודם־כל, די לאנדס־שפראך, דאס הייסט: רוסיש. די קאמיסיע, וועלכע האט געהאט ארויסצוזאגן בנוגע דעם, איר לעצטע מיינונג, האט צוגעצויגן צו זיך זאנענבערגן אלס מומחה אין אידישע ענינים. זאנענבערג האט אין דער דאזיקער אנגעלעגנהייט אויף זיך אליין נישט געוואלט שטעלן. ער האט זיך אין הארצן באצויגן מיט א געוויסן חשד צו די דאזיקע אלע פלענער. ער האט חושד געווען אלעקסאנדערן, אז ער איז נאר אויסן, פירן אידן דורך בילדונג צום שמד, און אין בעסטן פאל, — צו אסימילאציע. פון מויל צו מויל האט מען דאן איבערגעגעבן די תשובה, וואס אלעקסאנדער האט געגעבן דעם בילדונגס־מיניסטער, בשעת ער האט אים אויפגעוויזן, אז ספעציעלע שולן פאר אידן דארפן אפקאסטן דער רעגירונג קאלאסאלע געלט־סומען. אויף דעם זאל אים דער קייזער האבן געענטפערט: ״זאל נאר פון אלע רוסישע אידן ארויסגיין בלויז איין מענדלזאן, וועט מיר שוין אויך

זיין געגוג, און איך וועל וויסן, אז איך האב דאס געלט אומזיסט נישט פארשווענדעט".

נעמענדיק דאס אלץ אין אכט, האט זאנענבערג, ווי געזאגט, נישט געוואלט נעמען אויף זיך אליין די פאראנטווארטליכקייט פון דער זאך און ארויסגעפאדערט צו זיך קיין פעטערבורג אויף א ישוב־הדעת עטליכע פון די דעמאלטיקע אידישע פירער, פון וועלכע עס זענען געקומען נאר צוויי: דער גאון ר׳ חיים וואלאזשינער און ר׳ זאב וואלף פרילוקער. דער לעצטער האט געשמט אין זיין צייט אלס א איד, א צדיק און א גרויסער גביר, וועלכער האט זיך אפגעגעבן אינגאנצן בלויז מיט כלל־אינטערעסן.

ר׳ חיים וואלאזשינער איז שוין אין יענער צייט געווען אלט און קראנק, און דאך האט ער זיך נישט אפגעהאלטן פון צו מאכן אזא ווייטע נסיעה אויף פערד, ווייל די פראגע, אין וועלכער עס האט זיך דא געהאנדלט, האט אנגערירט די יסודות פון דעם אידישן דת, פאר וועלכן ער איז תמיד געווען גרייט זיך מוסר נפש צו זיין.

א פאר וואכן האט דאן ר׳ חיים פארבראכט אין פעטערבורג, און האט זיך צוריקגעקערט אהיים מיט דעם פעסטן באוואוסטזיין, אז זונדל דער גרויסער וועט שוין פארשטיין צו טון אלץ, וואס מען דארף, כדי אפצווענדן די גרויסע סכנה, מיט וועלכער די רעגירונגס־פלענער וועגן דער אידישער בילדונג דראען דעם קיום פון דער אידישער אמונה.

און דער וואלאזשינער גאון האט זיך נישט גענארט אין זיין גלויבן. זאנענבערג האט שוין געזוכט און געפונען אלע נויטיקע מיטלען, וועלכע האבן געבראכט צו דעם, אז אלע פראיעקטן בנוגע די אידישע שולן זענען געבליבן ליגן פארוואלגערט ערגעץ־וואו אונטער א גרינעם טישטאך...

## י.

אין צוזאמענהאנג מיט דער דערמאנטער נסיעה פון ר׳ חיים וואלאזשינער קיין פעטערבורג, איז פארשפרייט געווארן צווישן די

ליטווישע אידן א מעשה מיט א געוויסן היסטארישן אונטערשלאק וועגן א אויסטערלישן געשעעניש, וואס האט זיך אפגעשפילט אין ווילנע אין יענער צייט.

אנגעהויבן האט זיך עס פון דעם, וואס דייטשע האמבורגער צייטונגען האבן דאן גענומען ברענגען טעגליך וואונדערליכע ידיעות, אז איינער א קעניג, וואס שטאמט פון אידן, גייט פון טאלג (א מדינה ערגעץ־וואו אין אפריקע) בראש פון א מיליאניקער ארמיי, אלע, — מוראדיקע גבורים, קריגס־געלערנטע, הויך געוויקסיקע ווי די צעדער־בוימער, וועלכע ווארפן אן א פחד מיט זייער אויסזען, און אלעמען זענען זיי מנצח. כדי צו דערהיצן נאכמער די פאנטאזיע פון די נאאיווע לייענער האבן די צייטונגען דערציילט, אז דער דאזיקער אידישער קעניג שטרעבט, קודם־כל, איינצונעמען אייראפע, און דערנאך וועט ער גיין באלאגערן די הויפט־שטאט פון טערקיי, און ס׳איז גאר קיין ספק נישט, אז דאס איז דער משיח, אויף וועלכן אידן ווארטן, ווייל זיינע גבורות זיינען איבער־מענטשליך.

באלד האבן זיך די דאזיקע ידיעות פארשפרייט אין גאנץ רוסלאנד, און א באזונדער אפקלאנג האבן זיי געפונען צווישן די ווילנער אידן. אוונט אוונט פלעגן זיך אין די ווילנער ענגע, פינסטערע געסלאך צונויפקלויבן גאנצע געזעמלען נייגעריקע אידן, וועלכע פלעגן צווישן זיך שמועסן און דיסקוסירן מיט דעם העכסטן אינטערעס וועגן דעם משיח, מכוח וועלכן, עס שרייבן אזוי פיל די דייטשע בלעטער. מיט דעם האט זיך באנוצט איינער א שווינדלער, וועלכער האט זיך געגעבן א נאמען ״דער קרימער״, און האט איינגעשמועסט דעם המון, אז ער איז געשיקט פונם אידישן קעניג אנצוזאגן דער וועלט, אז גאר אינגיכן וועט קומען די גאולה.

ערשטנס, — אזוי דערציילט זיך ווייטער די מעשה, — האט ״דער קרימער״ געמאכט א נסיעה קיין פעטערבורג, דארט איז ער אויפגענומען געווארן אויף א אוידיענץ פון אלעקסאנדער דעם ערשטן און פון די גרעסטע מיניסטארן. באלד זענען אנגעקומען בריוו פון פעטערבורגער אידישע נכבדים קיין ווילנע, אז עס איז אהין געקומען א שליח פון משיח׳ן, און אז

ער האט זיך שוין פארגעשטעלט פארן קייזער. די בריוו־שרייבער האבן דערביי דעם "קרימער" זייער גערימט, אז ער איז הויך געבילדעט און קען א סך שפראכן און באזיצט נאך א סך אנדערע מעלות.

נאכדעם, האט דער "קרימער" אראפגעשיקט קיין ווילנע א שליח מיוחד, אויסצוזוכן פאר אים א שיינע וואוינונג, ווייל אין עטליכע טעג ארום קומט ער צו פארן. און ער איז ווירקליך געקומען. די באגייסטערונג און די התפעלות פון די ווילנער אידן קען דורך בלויזע ווערטער נישט איבערגעגעבן ווערן. יעדערער האט אויפריכטיק געגלויבט, אז די אמתע גאולה, נאך וועלכער אידן שמאכטן אזוי, איז שוין טאקע נאהנט.

אז דער "קרימער" איז אנגעפארן קיין ווילנע, האבן אים מקבל־פנים געווען דער פאליציימייסטער סליקאוו מיט עטליכע באאמטע, צווישן וועלכע ס'האט זיך געפונען אויך דער דירעקטאר פון טאמאזשנע.

אויפן דריטן טאג, האט ער באזוכט די דעמאלטיקע גרעסטע ווילנער לומדים: ר' אבא פאסוועלער, ר' שאול קאצענעלנבויגן און ר' אברהם דאנציג (דער מחבר פון "חיי אדם"). ביי דעם לעצטן האט ער פארבראכט צוויי שעה. מיט די דאזיקע אלע גאונים האט ער אין תורה קיין איין ווארט נישט גערעדט. ער האט זיי נאר דערציילט, אז דער אינערן־מיניסטער איז זייער אין כעס אויף די אידן, פארוואס זיי האנדלען מיט קאנטראבאנד, און אז אויב זיי וועלן באצייטנס נישט אוועקווארפן דעם דאזיקן שענדליכן מסחר, וועט ער ארויסטרייבן פון זייערע ערטער אלע אידן, וואס וואוינען פופציק ווערסט פון גרעניץ. דערביי האט דער "קרימער" געבעטן די רבנים, זיי זאלן ארויסרופן אין די בתי־מדרשים א "חרם" אויף די, וואס וועלן זיך עס ווייטער וואגן צו טון. בעת ער האט זיך צוריקגעקערט פון זיינע באזוכן ביי די ווילנער גדולים, האבן אים אפגעווארט אויף די גאסן מאסן מענטשן, וועלכע האבן זיך געשטופט אנצוקוקן דעם וואונדערליכן מאן, וואס האט זוכה געווען צו זיין דער שליח פון משיח'ן.

מען דערציילט ווייטער, אז ווען איינער פון די גרעסטע ווילנער "נכבדים" האט איינגעלאדן דעם "קרימער" צו זיך אויף שבת, האט ער

אנדערש נישט געוואלט אננעמען די איינלאדונג, ווי נאר מיט די פאלגענדע באדינגונגען: ערשטנס, זאל מען פאר אים צוגרייטן דריי באזונדערע צימערן; צווייטנס, זאל מען אהין ברענגען א ארון־קודש מיט א ספר־תורה, ווייל ער וויל אליין דאווענען פארן עמוד; דריטנס, זאל מען אויסקלייבן דריי מנינים ג־טס־פארכטיקע אידן, וועלכע זאלן מיט אים גיין פרייטיק זיך טובל זיין; פערטנס, זאל מען אים אויפנעמען נישט שפעטער פון פרייטיק 11 אזייגער אינדערפרי, כדי ער זאל קענען שעכטן פאר זיך די עופות, ווייל ער עסט נישט פון קיין פרעמדע שחיטה; פינפטנס, מ׳זאל פאר אים אלץ קאכן אין נייע געשיר. דער גביר, וועלכער האט געהאלטן פאר א באזונדערע גרויסע זכיה צו האבן אזא מענטשן שבת ביי זיין טיש, האט דערפילט אלע זיינע תנאים מיט גרויס שמחה.

דעם ״קרימערס״ דאווענען האט געדויערט גאנצע פיר שעה, ווייל ער האט זיך כסדר געדבקהט. ער האט געהאט זייער א שיינע שטים, וואס האט אלעמען ממש באצויבערט. נאך קבלת־שבת האט ער אומגעביטן זיין העמד, וואס איז געווען אויסגעווייקט אינגאנצן אין שווייס. נאך מעריב האט ער א צווייטן מאל אומגעביטן דאס העמד. און אזוי האט ער א גאנצע נאכט און אויך דעם מארגנדיקן טאג פארבראכט אין דביקות און אין זמירות, ווי איינער פון די גרעסטע יראים.

האט זיך גראד געדארפט מאכן, אז יענע וואך איז ר׳ חיים וואלאזשינער געקומען קיין ווילנע, צוריקפארנדיק פון פעטערבורג, און קוים האט ער באוויזן איין בליק צו טון אויפן ״קרימער״, האט ער באלד דערקענט, אז דאס איז א באטריגער און געהייסן דעם עולם זיך היטן פון אים. צום סוף איז מען, נאך א חקירה ודרישה, דערגאנגען, אז ער שטאמט פון קאמעניץ־פאדאלסק און איז א ״מסור״. מען האט וועגן דעם געגעבן צו וויסן דער רעגירונג, וועלכע האט אים פארמשפט אויף א יאר טורמע.

## יא.

אין יאר תר״א האט געטראפן זאנענבערגן א אומגליק, צוליב וועלכן ער

האט פארלאזט פעטערבורג אויף שטענדיק. אין א געוויסן פרימארגן האט ער באקומען א ידיעה פון גראדנע, אז זיין איינציקע און געליבטע טאכטער, לאה, האט זיך געשמדט און חתונה געהאט מיט א פוילישן שליאכטיץ פון וואלקאוויסק. און, אנטלויפנדיק פון עלטערן־הויז, האט זי צוגענומען מיט זיך א היבשן אייגנס, גאלדווארג זילבער און טייערע חפצים. די דאזיקע בשורה האט זאנענבערגן אינגאנצן ערשיטערט און ער איז באלד געקומען צולויפן פון פעטערבורג און האט אנגעווענדעט אלע כחות ארויסצוראטעווען זיין טאכטער דורכן געריכט. ער האט אבער גארנישט אויסגעפירט. זיין טאכטער איז שוין געווען א דערוואקסענע און האט חתונה געהאט מיטן פאליאק לויטן געזעץ. דערצו האט זי געטענהט "שטאל און אייזן", אז זי גלייכט דעם מאן און איר איז טייער דער קאטוילישער גלויבן, און אז זי וויל אויף קיין פאל נישט צוריקקערן זיך צו די עלטערן.

דער דאזיקער טרויעריקער צופאל האט זאנענבערגן אזוי דערשלאגן, אז ס'איז שוין פון דעמאלט אן צושטערט געווארן זיין גאנצן לעבן. קיין פעטערבורג איז ער שוין מער נישט געפארן, און די אידן אליין האבן שוין אויך געפונען פאר נישט פאסיק צו שיקן אים נאך דער געשעעניש, אלס זייער פארשטייער און מליץ־יושר ביי דער רעגירונג.

אזוי טראגיש האט זיך געענדיקט זונדל דעם גרויסנס שתדלנישע קאריערע.

# זיבעטער קאפיטל:
# אליעזר דילאן

דעפּוטאַטן פון אידישן פאלק — פריינדשאַפט פון קייזער — די איינלאַדונג פון קייסער — דער אוידיענץ — די שווערע לאַסט פון שתדלנות — א מסירה אויף דילאן — אויסגעלעבט אין אָרעמקייט



א גאס אין ווארשא פון אידישע געשעפטן

# אליעזר דילאן

## א.

ר׳ אליעזר דילאן איז געבוירן מיט נאהנט צו צוויי הונדערט יאהר צוריק אין ניעסוויזש, מינסקער גובערניע. זיין פאטער ברוך בענדעט, איז געווען איינער פון די ניעסוויזשער שענסטע בעלי־בתים, א איד א למדן און א סוחר, וואס האט געפירט גרויסע געשעפטן מיט די ארומיקע פריצים. א באזונדער צוטרוי האט ער געוואונען ביים שררה פון שטעטל, פירשט ראדזיוויל, וועלכער האט אים געמאכט פאר א פארמיטלער אין אלע זיינע געשעפטן. דאס האט ממילא געבראכט דערצו, אז נישט קוקנדיק אויף זיין שטרענג ארטאדאקסישן לעבנס־שטייגער, האט ער זיינע קינדער געלאזט לערנען שפראכן און אנדערע וועלטליכע ידיעות. זיין עלטערער זון, לייזערקע, וועלכער האט נאך אינגלווייז ארויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן, האט שוין צו אכצן יאר גוט באהערשט רוסיש, פויליש און דייטש, און צוליב דעם פלעגט אים דער פאטער גאנץ אפט אויסנוצן אין זיינע אינטערעסן, באלד האט ער לייזערקען אויסגעגעבן פאר דער טאכטער פון א באוואוסטן מינסקער גביר, וועלכער האט אים גענומען צו זיך אויף קעסט און אלס מיטהעלפער אין זיינע געשעפטן.

אין א דריי יאר ארום נאך זיין חתונה האט זיך דילאן אפגעטיילט פון זיין שווער און אנגעהויבן פירן געשעפטן פאר זיך. באזונדערס האט ער זיך באשעפטיקט מיט פאדראדן פאר דער מיליטער, און אין משך פון א גאנץ קורצער צייט איז ער געווארן זייער רייך.

אין יאר תקס״ב, בעת ס׳האט אויסגעבראכן דער רוסיש־פראנצויזישער קריג, האט דילאן צוגעשטעלט פראוויאנט פאר פראנטן, און ער האט זיך דערין אזוי אויסגעצייכנט, אז דער הויפט־קאמאנדיר האט געפונען פאר

נויטיק דערלאנגען א ראפארט וועגן זיין נוצליכער און פרוכטבארער טעטיקייט לטובת דעם מיליטער פאר אלעקסאנדער דעם ערשטן. ס'האט לאנג נישט געדויערט און דער קייזער האט אויסגעדריקט זיין וואונטש, מ'זאל אים פארשטעלן דילאנען פערזענליך. ביי דער דאזיקער פארשטעלונג, וועלכע איז פארגעקומען אין א געוויסן קריגס־לאגער, האט דילאן פארשטאנען צו מאכן אויף אלעקסאנדערן א גוטן איינדרוק און אים שטארק געפעלן צו ווערן.

נאכדעם, ווי עס איז באוואוסט געווארן צווישן אידן, אז דילאן האט געפונען אזוי פיל לייטזעליקייט אין די אויגן פון דעם קייזער און פון די העכסטע מלוכה־לייט, האט מען געזוכט דאס אויסצונוצן לטובת דעם כלל ישראל. מ'האט באלד גענומען ממש פארשיטן דילאנען מיט בקשות וועגן אלערליי השתדלותן ביי "נאטשאלסטווע". דילאן, וועלכער איז געווען פון דער נאטור א ווייכער און א געפילפולער מענטש, האט געזוכט ווי ווייט מעגליך קיינעם נישט אפצוזאגן, האט נישט געקארגט קיין צייט און קיין טרחה, און געטון דאס, וואס ער האט נאר געקענט. ביסלעכווייז האט ער זיך אזוי אריינגעצויגן אין שתדלנות, יחידישע און קהלשע, ביז דאס איז ביי אים געווארן כמעט זיין גאנצער לעבנס־אינהאלט. ער האט פארנאכלעסיקט זיינע געשעפטן און איז ארומגעפארן אין שתדלנות פון איינצעלנע פערזאנען און פאר קהלות, האט תמיד געהאט צו טון מיט פארשידענע רעגירונגס־בעאמטע, נידריקע און העכערע, איז גאנץ אפט געקומען צולויפן קיין פעטערבורג, און האט זיך קיינמאל פון דארט מיט ליידיקן נישט צוריקגעקערט, שטענדיק האט זיין השתדלות געמאכט א רושם און געווירקט.

## ב.

ווי עס ווייזט זיך ארויס, איז דילאן געווען צווישן די עטליכע אידן, וועלכע האבן זיך אין יאר תקס"ג געפונען צוליב פארשידענע פראוויאנט־אינטערעסן מיטן קייזער אין זיין הויפט־קווארטיר. פירשט גאליצין,

וועלכער איז דאן געווען דער רוסישער מיניסטער פאר בילדונג און אמונה ענינים, דערציילט אין זיינע שריפטן וועגן די דאזיקע אידן פאלגנדעס: די צוויי אידן, וואס האבן זיך געפונען ביי דער הויפט-קוואטיר, האבן זיך גערופן, אלנפאלס נישט גאנץ ריכטיק, "דעפוטאטן פון דעם אידישן פאלק". די דאזיקע דעפוטאטן האבן געשפילט אין א געוויסן זין די ראלע פון שתדלנים און פלעגן זיך ווענדן צו די העכסטע מלוכה-לייט מיט זייערע השתדלותן אין דער פארם פון בקשות אויפן "אלערהעכסטן נאמען". אין דער זעלבער צייט פלעגן זיך די שתדלנים צונויפשרייבן מיט די קהלות און געבן זיי פארשידענע אנווייזונגען און דירעקטיוון, ווי צו פירן זיך און וואס צו טון...

אין יאר תקס"ד האבן די אידישע דעפוטאטן זוכה געווען צו א באזונדער כבוד. "א דעפוטאציע פון די אידישע קהלות, — אזוי דערציילט א דאקומענט, — האט געהאט דאס גליק פארצושטעלן זיך פאר זייער מאיעסטעט דעם קייזער אין דער דעמאלטיקער הויפט-קווארטיר, וועלכע האט זיך געפונען אין דער פראנצויזישער שטאט ברוסעל. זייער מאיעסטעט האט דאן באוויליקט צו באווייזן די אידישע קהלות זיין גנעדיקע צוגענויגטקייט, און באפוילן, אז די זעלבע דעפוטאציע, אדער א אנדערע איר גלייכן, זאל פארן קיין פעטערבורג, און דארט זאל זי, אין נאמען פון די אידן, וועלכע וואוינען אין דער רוסישער מדינה, אויסווארטן און הערן דעם אלערהעכסטן ווילן און זיינע באשלוסן בנוגע זייערע אונטערטעניקסטע וואונטשן און בקשות מכוח דער אויסבעסערונג פון זייער קעגנווערטיקן מצב".

וועגן דעם דאזיקן געשעעניש האט דאן דילאן אין א בריוו צו די פארשטייער פון מינסקער קהל מוסיף געווען נאך די פאלגנדיקע פרטים: "בשעת דער פארשטעלונג אין ברוסעל, דעם 29-טן יוני 1814, האט דער גענעראל-אדיוטאנט פירשט וואלקאנסקי אויסגעדריקט אין קייזערס נאמען זיין גענויגטקייט אלע אידישע קהלות פאר דעם פלייסיקן און איבערגעגעבענעם דינסט פון די אידישע דעפוטאטן, וועלכע האבן זיך געפונען אין דער קייזערליכער הויפט-קווארטיר".

וועגן דער באציאונג פון אלעקסאנדער דעם ערשטן באזונדערס צו דילאנען, וועלכן ער האט באשאנקען מיט א גאלדענעם מעדאל, געפינען מיר אין הלל נח מגידס "עיר ווילנע" די פאלגנדיקע צוויי זייער אינטערעסאנטע פאקטן:

"איינמאל", בעת דער קייזער איז געווען אין ווילנע, איז צווישן דער אידישער דעלעגאציע, וועלכע איז אים ארויס מקבל פנים זיין, געשטאנען אויך ר' אליעזר דילאן מיט זיין יונגן בחורל יעקב זבולון. ווי נאר דער קייזער האט אים דערזען, האט ער אים פריינטליך דערלאנגט די האנט און אים א פרעג געטון: "ווער איז דאס דער יונגערמאן?" אז דילאן האט אים אויף דעם געענטפערט: "דאס איז מיין זון", האט דער קייזער אויך אים ארויסגעוויזן צייכנס פון פריינטשאפט און ליבע.

א צווייטן מאל, ווען דער קייזער איז דורכגעפארן ניעסוויזש, האט ער געמאכט א וויזיט ביי ר' לייזערן, און האט ביי אים געטרונקען טיי. בשעתן טיי־טרינקען האט ר' לייזער געבעטן דעם קייזער, ער זאל מבטל מאכן דעם עלילת־דם. אויף דעם האט אים דער קייזער געענטפערט: איך ווייס גאנץ גוט, אז עס איז נאר א בלבול, אבער מיט דעם, וואס צווישן אייך זענען דא אזעלכע, וואס רייסן פון דער קריסטליכער באפעלקערונג גרויסע פראצענטן, טוט איר זיך קיין טובה נישט". און פונדעסטוועגן האבן זיינע ווערטער געווירקט אויפן קייזער.

## ג.

פאר אונז ליגט א בריוו, דאטירט כ"א כסלו תקע"ז וועלכן דילאן האט געשריבן פון פעטערבורג צו די מנהיגים פון דער מינסקער קהלה, און איז א מין באריכט פון זיין שתדלנישער טעטיקייט. דער בריוו איז זייער כאראקטעריסטיש פאר דעם דעמאלטיקן מצב פון די רוסישע אידן און פאר דער באציאונג צו זיי מצד דער העכסטער מאכט, און דעריבער גיבן מיר דא אים איבער כמעט ווערטליך:

"אייער בריוו האב איך דערהאלטן דעם פאריקן מאנטיק. איך בין אייך מודיע, אז איך האב באזוכט דעם שרה, צו וועלכן איך האב מיך געווענדעט נאך א עצה און ער האט מיר געענטפערט, אז ער האט געהערט וועגן אונז זייער שלעכטע זאכן, וועגן וועלכע איך קען אפילו נישט שרייבן. ער האט מיר געזאגט, אז לויט זיין מיינונג איז נישטא קיין אנדער מיטל צו ראטעווען זיך, נאר אז איך זאל זאגן דעם קייזער די פאלגענדיקע ווערטער: "אונזער גנעדיקער קייזער! איך האב מורא, מען זאל אונזער פאלק נישט באשולדיקן אט מיט וואס: בעת מיר האבן געמאכט די נייע רעוויזיע, האט זיך ארויסגעוויזן, אז מען האט נישט אריינגעטראגן אין די ליסטע פון דער אידישער באפעלקערונג די ארימעלייט און די זקנים מיט זייערע קליינע קינדער און קאליקעס, וועלכע האבן נישט קיין שום מיטלען צום לעבן, און זיי דערנערן זיך נאר מיט דעם, וואס מען גיט זיי בעת זיי גייען איבער די הייזער". דאס וועט הייסן, אז מיר זענען זיך אליין מודה, אז מיר אליין ווילן נישט פארהוילן די דאזיקע נפשות, און דעריבער וועלן מיר פאר זיי נישט דארפן צאלן קיין שטראף.

"דא אין פעטערבורג איז אויך נישטא א טאג אן א צרה, קומענדיק אהער האב איך געפונען, אז דער היגער גענעראל-גובערנאטאר, גראף וויאזמיטינאוו, האט פארעפנטליכט א שטרענגן באפעל ארויסצוטרייבן אלע אידן, וואס וואוינען אין פעטערבורג, אפילו די, וואס האבן פולמאכטן פון "קופצעס"; באזונדערס איז דער באפעל א אומגליק פאר די בעלי-מלאכות און פאר די אנדערע אידן, וואס וואוינען שוין דא פון פיהל יארן. דער טערמין פון דעם גירוש איז באשטימט געווארן אויף איבער-אכטטאג פרייטיק. מ'האט אים דערלאנגט א סך בקשות, אבער ער האט זיי אלע אפגעווארפן. איך האב נישט געקענט זען די צרות פון מיין פאלק און בין אוועק צו דעם שרה מתפלל צו זיין פאר אים לטובת די אומגליקליכע ברידער. איך האב אים באוויזן די כתבים, וואס איך האב פון קייזער, און האב געזאגט: "מיין האר! איך האב געהאט די זכיה צו הערן פונם מויל פון אונדזער קייזער, אז ער האט בדעה צו שאפן פאר אידן הילף און שטיצע, און איר האט באפוילן ארויסצוטרייבן זיי אן א שום שולד פון זייער זייט". כאטש מ'האט פאר אים אנגערעדט אויף די אידן שרעקליכע זאכן, וואס מיר

האט געטון ווי דאס הארץ צו הערן זיי, האט זיך מיר דאך איינגעגעבן צו פועלן ביי אים אפצולייגן דעם גירוש ביז זומער.

נאכדעם, ווי איך האב אבער געזען, אז די צרות מערן זיך פון טאג צו טאג, בין איך געווען געצוואונגען אוועקצוגיין צום פירשט וועליכאווסקי אויף דער קווארטיר און בעטן אים, ער זאל צונעמען פון מיר מיין בריוו און איבערגעבן אים אונזער קייזער מיט דער בקשה, אז איך פארלאנג, ער זאל מיך אויסהערן. צונעמענדיק פון מיר דעם בריוו, האט אים דער פירשט תיכף דערלאנגט דעם קייזער, וועלכער האט אים באפוילן מיר איבערצוגעבן: "איך וועל אים ארויסרופן".

"איצט זיץ איך אוןווארט יעדע מינוט, אז אט־אט וועל איך דערהאלטן די איינלאדונג צו שטעלן מיך פארן קייזער, און וואס ג־ט וועט געבן, וועל איך אייך תיכף מודיע זיין".

צום ענדע בריוו קלאגט זיך דילאן, אז אים אליין איז שווער צו טראגן אויף זיך די גאנצע לאסט פון שתדלנות און ער פארלאנגט, אז אויך פון די איבעריקע גובערניעס זאלן געשיקט ווערן מענטשן קיין פעטערבורג צו העלפן אים ביי דער ארבעט. ער פארענדיקט דעם בריוו מיט די פאלגענדע ווערטער:

"מיינע ליבע ברידער און חברים! אויב אויך נאכדעם וועט איר זיך פוילן צו שרייבן אין די גובערניעס, אז מ׳זאל מיר ארויסשיקן מענטשן צו הילף, וועל איך אייך אויפהערן שרייבן און וועל מיך אפזאגן פונם גאנצן ענין.

דאס זענען די ווערטער פון דעם, וואס שרייבט צו אייך מיט טרערן און מיט גרויס שברון־הלב.

אליעזר דילאן".

אינגיכן האט דילאן באקומען די צוגעזאגטע איינלאדונג צו שטעלן זיך פארן קייזער.

די פרטים פון דער דאזיקער אוידיענץ, וואס דילאן האט געהאט ביי אלעקסאנדער דעם ערשטן, געפינען מיר אין זיינעם א צווייטן העכסט אינטערעסאנטן בריוו צום מינסקער קהל.

## ד.

"א גוטע בשורה האב איך פאר אייך היינט, — אזוי הויבט אן דילאן זיין בריוו צום מינסקער קהל, — מיר זענען געווארן א פאלק! נעכטן 25 מינוט אויף זיבן אין אוונט האבן מיר געהאט די זכיה אריינגעפירט צו ווערן אין די אינעווייניקסטע אפארטאמענטן פונם קייזערליכן פאלאץ. דארט, אין דעם דאזיקן שרעקליכן ארט, האבן מיר מתפלל געווען פאר זיך אליין און פאר אונזער פאלק ביז 40 מינוט אויף אכט. מיר האבן גערעדט אויך וועגן מסחר און וועגן פרנסה און אויך וועגן די פאלשע באשולדיקונגען, וואס מען ווארפט אויף אונז ארויף, מיט וועלכע אונזערע שונאים ווילן אונז פארשווארצן און פארשטעלן אונז פאר דער געזעלשאפט אין די שרעקליכסטע פארבן. איך זאל אייך וועלן אלץ אויסדערציילן, וועט נישט קלעקן קיין פאפיר. "ווען אפילו אונזער מויל וואלט געווען פול מיט געזאנג ווי דער ים", וואלטן מיר נישט געקענט איבערגעבן אייך אויספירליך וועגן דער גרויסער גנאד און בארמהערציקייט, וואס זיין מאיעסטעט, אונזער קייזער, געבענטשט זאל ער זיין, האט אונז ארויסגעוויזן. ער גייט אין די וועגן פון ג־ט ברוך הוא, און וויל אויך תמיד זיין וואך און גנעדיק. דעם קייזערס הארץ איז פול מיט רחמנות צו אונזערע עלנטע, אומגליקליכע ברידער, וועלכע געפינען זיך בעוונותינו הרבים, אין זייער א שפלן מצב, און אויסער אים איז טאקע נישטא, ווער עס זאל זיך דערבארעמען אויף דער נידערגעשלאגענער אידישער מאסע.

"וועגן אונזער דערפאלג וועל איך אייך דערציילן גאנץ קורץ. דער קייזער האט אונז צוגעזאגט באלד אראפצושיקן א באזונדערן בעאמטן אין ווארשעווער ראיאן צו מאכן א אויספארשונג וועגן די באשולדיקונגען, וואס זענען דארט ארויפגעווארפן געווארן אויף די אידישע איינוואוינער

פון מעזריטש און לובלין און פון נאך איניקע קהלות. דער קייזער האט אונז אויך צוגעזאגט מבטל צו מאכן דעם באפעל פון א נייער גזרה, וואס די אלגעמיינע פארזאמלונג פון סענאט האט שוין געזאלט פארעפנטליכן קעגן אונז. מיט זיין גרויסן חסד האט ער ארויסגעגעבן א קייזערליכע פאראָרדנונג, אז קיין ענין בנוגע אונזערע אידישע ברידער בכלל, זאל נישט אדורכגעפירט ווערן דורך קיין שום אדמיניסטראטיווער אדער געריכטליכער אינסטאנץ, אויסער דורך יענעם חשובן בעאמטן, וועלכן ער, דער קייזער, וועט באשטימען און וואס וועט אונז באשיצן מיט זיינע פליגלען. צו דעם דאזיקן בעאמטן וועלן אריינגיין און פון אים וועלן ארויסגיין אלע ענינים, וואס האבן א שייכות מיט אונזער אידישער פאלקסמאסע.

"דער דאזיקער באאמטער וועט שטענדיג און וועגן אלע ענינים אנפרעגן אונז שריפטליך און מונדליך, און ער וועט אונזער מיינונג פארלייגן פאר זיין מאיעסטעט אונזער קייזער, און יעדעס מאל, ווען מ'וועט נאר דארפן, וועט ער אונז אויך פארשטעלן פארן קייזער.

"מיר האבן זוכה געווען צו הערן פון דעם קייזערס מויל, אז דער דאזיקער בעאמטער איז זייער א ערליכער און ריכטיקער מאן. זיין מאיעסטעט דער קייזער האט אונז אויך צוגעזאגט, אויפמערקזאם צו מאכן פריער דעם דערמאנטן בעאמטן, ער זאל זיך מיט אונז באגיין מיט חסד און ליבשאפט. דאס אלץ וועט אים דער קייזער זאגן נאך היינט פאר מיטאג און נאך מיטאג, האט אונז דער קייזער געהייסן אריינגיין צו דעם דאזיקן בעאמטן און איבערגעבן אים, אז "מיר זענען דאס יענע אידן, וועגן וועלכע דער קייזער האט מיט אייך גערעדט". דער קייזער האט אונז אויך געגעבן זיין צוזאג אז מיר וועלן באשאנקען ווערן מיט דעם כבוד איינגעלאדן צו ווערן צו אים, ווען דאס וועט זיין נויטיק, און אז ער וועט שיצן אויף אונזערע ברידער קעגן אלע באדריקער".

"אבער צו אונזער גרויס צער און ביטערניש, — שרייבט דילאן ווייטער, — איז אונז באשערט געווען צו הערן פון דעם קייזערס ליפן,

זייער פאר אונז נישט קיין אנגענעמע ווערטער. ער האט אונז פארגעווארפן, אז אונזערע ברידער, די אידן, גייען נישט אין די וועגן פון ג־ט ברוך־הוא, אז א סך אידן היטן נישט אפ אונזער הייליקע תורה און זענען עובר אויף די צען געבאט, טוען־אפ די גרעסטע פארברעכן, זיי פארבארגן, למשל, די צאל פון די געבוירענע נפשות, א. א. וו. דער קייזער האט אונז מתרה געווען, אז ער וועט תיכף אראפשיקן זיינעם א בעאמטן אין אלע ראיאנען און גובערניעס מיט א באפעל, געגעבן אין זיין נאמען, אז אין אלע שטעט און שטעטלעך מוזן די אידן, מענער און ווייבער, אפהיטן די דינים פון זייער אמונה, ווי עס שטייט געשריבן אין זייער תורה, און אז זיי זאלן לייגן זייערע האפנונגען נאר אויף ג־ט און נישט אויף גוטע מענטשן, און אז זיי זאלן מיט מער כוונה מתפלל זיין צו השם יתברך, ווייל דעם קייזערס רצון איז, אז יעדעס פאלק זאל אפהיטן זיין אמונה ווי ג־ט האט געבאטן, און דורכדעם וועלן ממילא פארשוואונדן ווערן די פארברעכער און די, וואס פארזינדיקן זיך קעגן געזעץ.

"אונזערע פריינט און ברידער! וויי און ביטער איז אונז! וואלט עס ווער געגלויבט, אז ביי א פאלק, וואס איז אזוי טריי דעם קייזער, ווי די אידן, זאלן זיך געפינען אזעלכע נידערטרעכטיקע ברואים, וועלכע דערלויבן זיך צו האנדלען מיט קאנטראבאנד? דאס איז דאך א פארברעך קעגן אונדזער הייליקער תורה, וועלכע באפעלט אונז אפצוהיטן דעם קייזערס געבאט. איז שוין גאר ביי אונז צו דעם נישטא קיין רפואה? נעמט די גרויסע שופרות אין די הענט און פארט ארום איבער די אידישע שטעט און זייט מזהיר דעם עולם, אז איר וועט ארייַנלייגן אין "חרם" דעם וואס וועט זיך פון היינט אן דערלויבן צו האנדלען מיט קאנטראבאנד, טאמער געפינט זיך נאך ביי איימיצן פארוואלגערטע קאנטראבאנד פון פריער, גיט אונז וועגן דעם צו וויסן, און מיר וועלן זיך משתדל זיין פארן קייזער, ער זאל רחמנות האבן און זאל אונז געבן די פולמאכט צו פארחתמענען די סחורה און אויפצומאנען ביי דעם פארברעכער דעם געהעריקן אפצאל, בתנאי, אז פון היינט און ווייטער און אויף אלע צייטן זאל זיך קיין איד נישט וואגן צו האנדלען מיט פארבאטענע סחורות און ארומצוגיין דאס געזעץ. מיר חזרן־איבער אונזער פאדערונג אין נאמען פון קייזער, איר זאלט אנשטרענגען

אלע אייערע קרעפטן ערפיהלן אונזערע ווערטער.

"ברידער און פריינט! מיר וועלן דא, זעלבסטפארשטענדליך, שטיין אויף דער וואך פון די אידישע אינטערעסן, אזוי ווי עס פאסט פאר קייזערליכע דעפוטאטן; איר פון אייער זייט דארפט אבער ביי אייך אינדערהיים אלע, יונג און אלט, מתפלל זיין און אויסגיסן אייערע הערצער פאר ג־ט, ער זאל זיך דערבארעמען אויף אלע אונזערע ברידער און זאל אונז געבן חן און לייטזעליקייט אין די אויגן פון די שררות און פון קייזער אליין.

"און געדענקען זאלט איר, אז דאס וואוינען אין גרויסע שטעט איז זייער שווער, און באזונדערס, צו טראגן אויף זיך אזא לאסט. מיר נויטיקן זיך אין מיטלען אויף אויסצוהאלטן אונזערע פאמיליעס, און נאכמער אויף אונזערע אייגענע הוצאות, דאס, לויט דעם כאראקטער פון אונזער מיסיע קומט אונז א פיל אנשטענדיקערער געהאלט ווי די שכירות, וואס מיר נעמען. נעמט אייך אין אכט, אז צוליב דער שתדלנות האבן מיר געווארפן די ווייבער, די קינדער און די הייזער.

"ברידער און פריינט! זייט וויסן, אז דער רצון פון אונזער קייזער, געבענטשט זאל ער זיין איז, אז אין דער הויפטשטאט פעטערבורג זאלן צו יעדער צייט זיצן צוויי אונזערע אויסגעקליבענע, וועלכע זאלן זיך געפינען אין דעם אוממיטלבארן רשות פון קייזער, און דורך וועלכע עס זאלן שטענדיק דערגיין צום קייזער אלע וואונטשן און באדערפענישן פון אונזערע ברידער. צו קען מען אבער גלויבן, ווען מען זאל דערציילן, אז נאר מיר אליין מוזן טראגן אויף זיך די דאזיקע לאסט? דעריבער בעט איך אייך, איר זאלט למען השם זען באצייטנס צוגרייטן אנדערע צוויי פערזאן, וואס פאסן צו דעם.

לויט דעם באפעל דארפן מיר דא פארברייגגען נאך צוויי חדשים ביז די אינטערעסן פון אונזערע ברידער וועלן אוועקגעשטעלט ווערן אויף א ריכטיקן און גוטן וועג. דאן וועלן מיר פארלאנגען פון קייזער, ער זאל מיט אונז טון דעם חסד און דערלויבן אונז פארן געזונטערהייט אהיים, און אז ער זאל אויפנעמען מיט גנאד און מיט רחמים יענע מענטשן, וועלכע וועלן

אהער קומען מיט ג־טס הילף צו פארבייטן אונז".

## ה.

לויט א אנדער גירסא האט זיך דילאן געריסן צו פארלאזן פעטערבורג צוליב די אפטע סכסוכים און קאנפליקטן, וועלכע זענען דארט פארגעקומען צווישן אים מיט זאנענבערגן, זיי זענעןביידע נישט געווען צופרידן איינער פון דעם אנדערן, און האבן דעריבער געוואלט ווירקן אויף די קהלות, אז מ'זאל מאכן נייע וואלן פון דעפוטאטן מיט דער האפנונג, אז איינער פון זיי וועט שוין מער נישט אויסגעקליבן ווערן.

באזונדערס אומצופרידן איז געווען זאנענבערג, וועלכער האט זיך געהאלטן פאר פיל גרעסער און וויכטיקער פון דילאנען און האט, ווי עס ווייזט אויס, נישט געקענט פארטראגן, וואס די קהלות ווענדן זיך מערסטנס מיט זייערע אינטערעסן נישט צו אים, נאר צו דילאנען. דער היסטאריקער יוליוס העסען האלט, אז דילאן האט פארלאנגט, מ'זאל שאפן נייע וואלן אן שום פניות, נאר פשוט, ווייל ער האט זיך באמת געוואלט באפרייען פון זיין שטעלע. דער סוף איז געווען, אז דילאן איז ווידער אויסגעקליבן געווארן אלס דעפוטאט, און האט זיך אבער דערפון אליין אפגעזאגט.

אלעקסאנדער דער ערשטער האט אבער דילאנען נישט פארגעסן. אויף דעם באווייזט דער פאלגנדיקער פאקט: דילאן, וועלכער האט גענאסן פיל כבוד אלס דעפוטאט, און איז נאך געווען דערצו א גרויסער גביר, האט געהאט, געוויינליך, נישט ווייניק שונאים נישט־פארגינער. איינער פון די דאזיקע שונאים האט דערלאנגט אויף דילאנען א שטילע מסירה צום ווילנער גובערנאטאר, וואו ער האט דאן געוואוינט, אז ער פירט געהיים פארדעכטיקע געשעפטן מיט אויסלאנד, די מסירה האט געהאט א ווירקונג, און באלד האט מען דילאנען איינגעזעצט אין תפיסה און מ'האט פארחתמעט זיין גאנצן פארמעגן. דילאנס פאמיליע האט אפעלירט צום העכסטן געריכט אין פעטערבורג, אין קורצן האט דער ווילנער פראקוראר, אין וועמענס הענט ס'האט זיך געפונען דער ענין, באקומען צוגעשיקט פון

פעטערבורג א פאפיר מיט דער פאלגענדער דערקלערונג: ״זיין מאיעסטעט דער קייזער, וועלכער קען דעם דעפוטאט פון די אידישע קהלות, לייזער דילאן פערזענליך, און איז פון זיין טעטיקייט בשעת דעם פראנצויזישן קריג שטארק צופרידן געבליבן, באפעלט דיר תיכף אים צו באפרייען פון תפיסה און אפגעבן אים זיין פארמעגן אן שום חקירות ודרישות, אויב ער אליין אנערקענט זיין אומשולד״.

דילאנס עשירות איז אבער נישט געווען פון לאנגן דויער. ס׳האט זיך פון אים מיטאמאל אפגעקערט זיין מזל, זיינע געשעפטן האבן אנגעהויבן גיין אלץ ערגער און ערגער, ביז ער האט צום סוף פארלוירן זיין גאנצן קאפיטאל. אייניקע פון די אידישע קהלות, און באזונדערס די מינסקער קהלה, פון וועלכער ער האט זיך תמיד אזויפיל משתדל געווען און מיט וועלכער ער איז תמיד געווען ענג פארבונדן, האבן אים אנגעבאטן שטיצע. ער האט זיך אבער אפגעזאגט פון יעדער שטיצע, און האט ארים געלעבט מיגיע כפיו ביז דעם לעצטן טאג.

געשטארבן איז דילאן אין ווילנע אין מיטן זומער תקצ״ח. אויף זיין מצבה זענען אויסגעקריצט בלויז די פאלגענדע ווערטער:

״מצבת קבר איש יקר ונכבד ממשפחה מיוחסת בישראל ה״ה אבינו הרבני המופלג המפורסם מ׳ אליעזר בהרב המופלג מו׳ ברוך בענדעט דילאן ז״ל מנעסוויזש וי״צ ביום ב׳ ב׳ תמוז תקצ״ח״.

## אכטער קאפיטל:
# ר׳ יום טוב ליפמאן זעלצער

יוגנט עראינערונגען פון די סלאוויטער מדפיסים — ארויפגעשפרונגען אויף דעם קייזערליכן וואגן — א שווארצער טוכענעם ראק — דער פלוצלונגדיגער ארעסט — לידער פארן קייסער — פלוצלונג געשטארבן



די שוהל פון ווילנער גאון

# ר׳ יום טוב ליפמאן זעלצער

## א.

ר׳ יום טוב ליפמן זעלצער איז געבוירן געווארן מיט ארום הונדערט און אכטציג יאהר צוריק אין שקלאוו, מאהילעווער גובערניע. זיין פאטער, איינער פון די גרעסטע שקלאווער מיוחסים (ער האט געשטאמט פון דעם ״תוספות יום־טוב׳ס״ משפחה), איז געווען א באדייטנדער זאלץ־סוחר (פון וואס ער האט באקומען דעם פאמיליען־נאמען: זעלצער), וועלכער האט געהאט געשעפטן אויך מיט אויסלאנד. דער אלטער וואלף זעלצער האט געפירט א עכט־אידיש־פאטריארכאליש לעבנס שטייגער; זיין הויז איז געווען א נעסט פון תורה, פון יראה און פון צדקה, און אנגעזאפט מיט אלעם שענסטן און בעסטן פון די אידיש־נאציאנאלע טראדיציעס. אין דעם הויז האבן די אידישע פאלקס־ליידן שטענדיג געפונען זייער שטארקסטן אפקלאנג. דא פלעגן די ראשי־הקהל פון דער גאנצער געגנט אפהאלטן זייערע באראטונגען ביי יעדער עת־צרה, ווען עס פלעגן זיך פונאנדערהוליען בייזע ווינטן און שטעלן דאס רוסישע אידנטום אין גרויס סכנה, און פון דאנען פלעגן ארויס שטאפעטן אנצוזאגן פון שטאט צו שטאט די גוטע בשורה, צו ס׳האט זיך איינגעגעבן איינצושטלן דעם קטרוג אין די ״הויכע ספערן״ און אויסצובעטן גוטס פאר אידן.

אויפגעהאדעוועט זיך אין אזא ספערע, איז דער קליינער ליפעלע זעלצער נאך פון זיין פריערסטער יוגנט געווארן באזונדערס פילבאר פאר אידישע נויטן און אידישע צרות. זיין אויער האט באלד דערכאפט פון דער לופט דעם אידישן קרעכץ, וועלכער האט ארויסגערופן אין זיין צארטן, אינגלשן געמיט א הייסן שטראם רחמנות־געפילן. ווען ער איז אביסל עלטער געווארן און אנגעהויבן פארשטיין, אז דאס שלעכטס און מסוכנדיקעס אינם אידישן אויסערליכן לעבן איז אויסגעוואקסן בלויז אויף

דעם באדן פון דער אידישער רעכטלאזיקייט און פונם רוסיש־ביוראקראטישן ווילקיר, פלעגט זיך אין אים גאנץ אפט אנצינדן א פייערל פון שטאלצן כעס. ווענן איינעם פון די דאזיקע מאמענטן, ווען עלכע האבן אין אים ענדליך רייף געמאכט דעם באשלוס, שטרעבן דערצו, ער זאל באקומען די מעגליכקייט צו ווערן א טוער און א מליץ־יושר פאר ווענמען מען דארף אויף דעם אידישן פאלק, און צו דערלייזן אים פון זיינע אוממענטשליכע לעבנס־באדינגונגען, פלעגט ר׳ ליפעלע זעלצער שפעטער, אויף דער עלטער, ליב האבן צו דערציילן איינע פון זיינע יוגנט־עראינערונגען. דאס איז געווען די עראינערונג וועגן די סלאוויטער מדפיסים, די ברידער שאפירא, וואס דער קייזער ניקאלאי דער ערשטער האט זיי באשטראפט מיט שפיצרוטן, פארוואס זיי האבן אין געהיים, אן צענזור, געדרוקט קבלה־ספרים.

״בעת מ׳האט אנגעהויבן פויקן מיט די באראבאנעס, — אזוי פלעגט זעלצער דערציילן, — און אלץ איז שוין געווען פארטיק צו דער עקזעקוציע, האט שאפירא גאנץ רואיק, לאנגזאם און שטיל, גענומען זאגן וידוי; קיין שום אויפרעגונג, קיין שום סימן פון באקלאגן־זיך, איז נישט געווען צו באמערקן אין זיין בליק, בלויז א פולקאמע אונטערטעניקייט צו דעם ווילן פונם באשעפער. זיין לעצטע בקשה איז געווען, מ׳זאל אים דערלויבן נישט ארונטערצונעמען די יארמעלקע, כדי ער זאל אין די לעצטע מינוטן נישט בלייבן מיט א בלויזן קאפ. און בעת מ׳האט אים געטריבן דורכן ״סטראי״, בעת ס׳האט א שפריץ־געטון דאס בלוט און שטיקער פלייש זענען געפלויגן אין דער לופט, און פון זיין קערפער איז געווארן א שטיק בלוט־מאסע, האט ער זיך מיטאמאל, אונטער דעם סווישטש פון די ריטער אפגעשטעלט, נישט רירנדיק זיך פון ארט... ער האט פארלאנגט, מ׳זאל מיט אים טון דעם לעצטן חסד: מ׳זאל אים צוריק אנטון די יארמעלקע, וואס איז אים ארונטערגעפאלן פון קאפ״...

״שטענדיג — אזוי גיט־איבער זעלצערס א אייניקל, — ווען דער זיידע האט גענומען דערציילן וועגן דעם סלאוויטער מארטירער, האט זיך געפילט, אז ער לעבט־איבער א גאנצע דראמע, ס׳האט זיך געפילט א

גרויסער אומעט און, צוזאמען מיט דעם, א גרויסער שטאלץ... און א לאנגע צייט נאכדעם, ווי ער פלעגט פארענדיקן די דערציילונג, פלעגט מען אין שטוב קיין ליכט נישט אנצינדן און קיין הויך קול נישט ארויסלאזן״...

דאס דאזיקע געשעעניש, און נאך אייניקע אזעלכע, האבן אין אים פארשטארקט דעם באשלוס צו ווידמען זיינע כחות זיין אומגליקלאך פאלק.

און גאנץ פרי האט זעלצער דערגרייכט זיין לעבנס צוועק. ערשט פינף און צוואנציק יאר איז ער אלט געווען, בעת מ׳האט אים אויסגעקליבן פארן שקלאווער פרנס. דערצו האבן אים מיטגעהאלפן, ערשטנס, זיינע שפראך־קענטענישן: רוסיש און דייטש האט ער פליסיק גערעדט און געשריבן: אויסער דעם, איז ער געווען א גאנץ פיינער ווייסער אין לשון הקודש, א מענטש מיט א אייזערנעם רצון און מיט א אומגעהויער גרויסער ענערגיע, מיט א געזונטן, שארפן פארשטאנד און מיט א באזונדער פעאיקייט צו פאראינטערעסירן די העכסטע מלוכה בעאמטע מיט זיינע מעמאראנדומס וועגן דער אידישער לאגע, וועלכע ער האט אליין פארפאסט און צוזאמענגעשטעלט.ביים מאהילעווער גוברנאטאר איז ער געווען א גאנצער ״בן־בית״, און ווען ער האט זיך פאר אים משתדל געווען, הן לטובת יחידים און הן לטובת דעם אידישן כלל, האט ער ביי אים תמיד אלץ געפועלט. ס׳האט לאנג נישט געדויערט, און פון אלע אידישע קהלות אין ווייס־רוסלאנד האט מען זיך אנגעהויבן ווענדן מיט בקשות צו ר׳ ליפעלע זעלצער, אז ער זאל פארטרעטן זייערע אינטערעסן און באשיצן זייערע רעכט פאר דער העכערער מאכט. זעלצער האט אלע מאל די דאזיקע בקשות ממלא געווען, און אזוי־ארום איז ער ביסלעכווייז אריינגעצויגן געווארן אין שטראם און איז געווארן דער שתדלן פונם גאנצן רוסישן אידנטום.

## ב.

זעלצערס אויסצייכענונג אלס ערשט־קלאסיקער שתדלן איז פארגעקומען אין יאר תר״ה, ווען דער קייזער ניקאלאי דער ערשטער איז, בשעת איינע פון זיינע נסיעות, דורכגעפארן שקלאוו.

די גאנצע שטאט האט זיך צוגעגרייט מיט הארץ קלעמעניש צום באזוך פון קייזער. שטארק אויפגערעגט זענען געווען באזונדערס די אידן. זיי זענען דאך אויסגעשטאנען אזוי פיל צרות און געברענטע ליידן, און איין קייזערליך ווארט וואלט דאך זיי געקענט פון אלץ באפרייען אין א סעקונדע! ווי קומט מען אבער צו צו דעם מאן, וואס זיין בלויזער נאמען האט שוין אנגעווארפן גרויס שרעק אויף יעדערן, און באזונדערס אויף א אידן?

בעת ר׳ ליפעלע זעלצער האט געמאלדן דעם עולם, אז ער וועט זיך אליין פארשטעלן פאר דעם קייזער און וועט אים דערלאנגען א אדרעס מיט א השתדלות וועגן פארשידענע ענינים לטובת די אידן, איז דאס ביי אלעמען אויסגעקומען אלס א העכסט ריזיקאלישער טריט פון א מטורף...

עס איז אנגעקומען דער לאנג דערווארטעטער טאג. ס׳האבן זיך אנגעהויבן באוויזן דראזשקעס; קארעטעס, די גלענצענדע סוויטע, די וואך, און צום סוף — דער פראכטפולער קייזערליכער עקיפאזש. אין א אנגעשטרענגטער שפאנונג האבן געווארט די פארשידענע נאך דער ריי אויסגעשטעלטע דעפוטאציעס, און צווישן זיי עטליכע אידן מיט זעלצערן בראש. אבער אין עטליכע מינוטן ארום זענען אלע ביטער ענטטוישט געווארן. דער קייזער איז געשלאפן אין זיין עקיפאזש, און ס׳איז געגעבן געווארן א באפעל דעם קוטשער צו פארן ווייטער און נישט אפצושטעלן זיך. טרויעריק זענען זיך די דעפוטאציעס צוגאנגען אהיים. וויפל האפנונגען זענען נישט מקוים געווארן!

זעלצער איז אבער נישט געווען דער מענטש, וואס זאל זיך אפזאגן פון דעם, וואס ער האט איינמאל באשלאסן. זיין ענערגיע האט נישט געקענט קיין גרעניצן. שנעל, נישט קווינקלענדיק זיך, איז ער צוגעגאנגען צו א נישט־פארנומענער פעלד־יעגערשער קארעטע, האט זיך אין איר אריינגעזעצט און איז נאכגעפארן נאכן קייזער. דער קוטשער האט געמיינט, אז דאס איז א פערזאן פון דער קייזערליכער סוויטע, און האט אים געפירט. אזוי איז זעלצער דערפארן ביז דער נאענטסטער סטאציע, דארט האט ער זיך אוועקגעשטעלט אויף די טרעפלאך פונם קייזערליכן עקיפאזש, האט

דערלאנגט דעם אדרעס און ארויסגעזאגט מונדליך זיינע השתדלותן. דער קייזער האט אים פארגעלייגט עטליכע פראגן, אויף וועלכע עס האט געדויערט מער ווי א פערטל שעה. דער קייזער האט גוטמוטיק א קלאפ געטון זעלצערן איבער דער פלייצע, זאגנדיק דערביי: ״העלדישער איד!״, און האט אים אפגעלאזט.

בשעת דעם דאזיקן שמועס איז געזעסן מיטן קייזער אין עקיפאזש גראף בארג, דער שפעטערדיקער פארוואלטער פון פוילן. ווען זעלצער האט זיך אין א לאנגער צייט ארום פארגעשטעלט פארן גראף, האט אים דער לעצטער דערמאנט די דאזיקע סצענע, פרעגנדיק אים דערביי: ״איר ווייסט, ווער אזעלכער ס׳איז דער קייזער ניקאלאי? ווען ניקאלאי הויבט־אויף די האנט אין זיין קאבינעט, ווערט פארציטערט גאנץ אייראפע!״

צוליב דעם דאזיקן געשעעניש, וואס האט געהאט א גרויסע באדייטונג אינם לעבן פון די רוסישע אידן, האט זיך אין זעלצערס הויז אפגעשפילט די פאלגנדיקע קליינינקע, רירנדיקע דראמע:

פארצושטעלן זיך פארן קייזער האט מען געמעגט נאר אין א שווארצן טוכענעם ראק. צו דערשיינען ביים קייזער אין דער אידיש פאטריארכאלישער קאפאטע איז געווען שטרייננג פארבאטן. און כאטש די זאך איז געווען נויטיק לטובת הכלל, כאטש יעדערער האט פארשטאנען, אז ביי געווויסע אויסנאמס־פאלן מוז מען מותר זיין אויף דער טראדיציע, האט דאך זעלצער ביי זיך אזוי לייכט נישט געקענט פועלן צו נעמען און אנטון א גויאישן בגד. די פאמיליע האט וועגן דעם אפגעהאלטן עטליכע פארטרויליכע זיצונגען און האט בשום אופן נישט געקענט קומען צו א וועלכן עס איז ענטגילטיקן באשלוס. עס איז געווען שלעכט אזוי צו אזוי, און די דאזיקע לאגע האט באשאפן אין שטוב א דריקנדיקע שטימונג. אבער די צייט האט זיך דערווייל גערוקט, און מ׳האט זיך אויף עפעס געמוזט באשליסן...

איינמאל שפעט נאך האלבע נאכט האט מען פון זעלצערן אוועקגעשיקט אין געהיים א שליח מיוחד אראפצוברענגען דעם איינציקן

שקלאווער "פוילישן שניידער". אז יענער איז געקומען, האט מען אים אריינגעזעצט אין סאמע לעצטן צימער, און דארט האט ער אראפגענומען זעלצערן א מאס אויף א שווארצן טוכענעם ראק.

זייער געלונגען איז מען ארויס פון דעם שווערן פראבלעם, ווי אזוי צו באפרייען דעם פיר־עקיגן ראק פון "ציצית": דעם שניט פון הינטן האט מען געמאכט א פאלשן, און אין אמתן זענען ביידע פאלבן געווען אויפגענייט צוזאמען...

אין אכט טעג ארום, אויך אין א פינסטערער נאך האלבער נאכט, האט דער "פוילישער שניידער" אפגעבראכט דעם שווארצן ראק. און עס האט געדארפט פאסירן, אז גראד אין דעם מאמענט, בעת זעלצער האט אנגעמאסטן דעם ראק איז אריין אין צימער זיין אלטער פאטער. ער האט אפילו אויך גאנץ גוט פארשטאנען, אז די זאך איז זייער נויטיק: דאך האט דער אלטער נישט אויסגעהאלטן און זיך פונאנדערגעוויינט ווי א קליין קינד אויפן קול און א זאג־טוענדיג: "מיין בן־יחיד... צו וואס האב איך דערלעבט!"... — און איז ארויס פון צימער.

## ג.

א קורצע צייט נאכדעם, ווי זעלצער האט דערלאנגט ניקאלאי דעם ערשטן דעם אדרעס מיט א דעקלאראציע וועגן פארשידענע אידישע ענינים, האט מען אים ארויסגערופן קיין פעטערבורג.

אין פעטערבורג האט זעלצער באקומען אודיענצן ביי די גרעסטע מיניסטארן, ביי וועלכע ער האט זיך משתדל געווען און אויסגעווירקט, מ׳זאל אידישע סוחרים דערלויבן צו קומען צוויי מאל יערליך קיין מאסקווע, אז אידישע לייט פון 15 ביז 20 יאר זאלן זיך מעגן לערנען מלאכות אין די רוסישע הויפט שטעט, און אז מ׳זאל געבן אידן די מעגליכקייט צו באשעפטיקן זיך מיט ערד־ארבעט.

העכסט דערפרייט איבער די גלענצנדע רעזולטאטן פון זיין השתדלות,

האט זיך זעלצער צוגעגרייט אפצופארן אהיים קיין שקלאוו. דעם לעצטן טאג האט מיט אים אבער פאסירט אין פעטערבורג א טרויעריגער צופאל, וועלכער האט געהאט א שלעכטע ווירקונג אויף זיין ווייטערדיקן לעבן.

אינמיטן נאכט האט מען אים אויפגעוועקט פון שלאף דורך א שטארקן קלאפ אין טיר. ס׳איז אריין א אפיציר מיט עטליכע זשאנדארן. אן שום דערקלערונגען האט מען גענומען זעלצערן, אריינגעזעצט אים אין א וואגן און אוועקגעפירט אין געפענגעניש. דארט האט זיך הינטער אים פארקלאפט א שווערע טיר מיט אייזערנע ריגלען, און ער האט נאר באוויזן צו דערהערן ווי דער אפיציר האט געזאגט צום וועכטער: ״דאס איז א וויכטיקער פארברעכער!״.

״א וויכטיקער פארברעכער!״ א קנאפע נחמה פאר א מענטשן, וואס האט געלעבט אין יענע שווערע צייטן. אין בעסטן פאל האט דאס געהייסן, אויף לאנג, אויב נישט אויף שטענדיק, אפגעריסן צו ווערן פונדערהיים און פון דער פאמיליע. א גאנצע נאכט האט זעלצער קיין אויג נישט צוגעמאכט: ער האט זיך כסדר געווארפן אויף זיין געלעגער אין דעם פינסטערן קאמער און זיך געמאטערט איבער דער פראגע: ״פארוואס?״ די דאזיקע ספקות און יסורים האבן זיך פארענדיקט ערשט אין א פאר טעג ארום, בעת מ׳האט אים אריינגעפירט אין א מין געריכט הויז און אוועקגעשטעלט פאר עטליכע באאמטע. דא האט מען אים אין א שטרענגן טאן מודיע געווען, אז אין איינער פון זיינע בקשות האט ער ״געהאט די העזה צו בארירן די פאליטיק פון דער רעגירונג״. ״פארטיידיק זיך, אויב דו קענסט, אבער וואס קירצער״, — האט פארענדיקט דער עלטסטער באאמטער.

זעלצער האט פארשטאנען, אז עס איז טייער יעדע מינוט, און האט זיך אנגעהויבן פארטיידיקן, ער האט גערעדט א גאנצע שעה, און די ריכטער האבן אים אויסגעהערט זייער אויפמערקזאם, נישט איבעררייסנדיק אים. בעת ער האט געענדיקט, האט מען אים באלד אויפן ארט, נאך א קליינער באראטונג, מודיע געווען: ״דאס מאל ביזטו פריי, אבער זע, אז מער זאלסטו נישט אריינפאלן!״

אזוי איז זעלצער אפגעקומען נאר מיט בלויזער שרעק: ער איז אבער געקומען קיין שקלאוו אינגאנצן גרוי און פארעלטערט.

## ד.

דער דאזיקער צופאל האט אבער זעלצערן נישט אפהענגיק געמאכט, און ער האט נישט אויפגעהערט פארטזעצן זיין טעטיקייט אלס שתדלן מיט דער זעלבער אייזערנער ענערגיע. טאג און נאכט איז ער געזעסן און האט כסדר אויסגעארבעט פלענער, ווי אזוי צו פארלייכטערן דעם שווערן און ביטערן מצב פון די רוסישע אידן. אין יאר תר״י איז זעלצער ארויס וואוינען קיין וויטעבסק, וואו ער האט פארנומען די שטעלע פונם ״געלערנטן אידן״ביים סמאלענסקער, וויטעבסקער און מאהילעווער גענעראל גובערנאטאר. די דאזיקע שטעלע האט אים געגעבן די אפטע געלעגנהייט צו באקענען זיך מיט די גרעסטע און איינפלוסרייכסטע מלוכה־בעאמטע, וועמענס באקאנטשאפט ער האט געלונגען אויסגענוצט ביי זיינע פארשידענע השתדלותן לטובת די ווייס־רוסישע אידן.

ביי יעדן געבורטס טאג פון קייזער און פון טראנפאלגער פלעגט זעלצער אריינשיקן אין ״הויף״ אין נאמען פון אידן א הייסע ברכה אין דעם פארם פון א ליד געשריבן אויף לשון הקודש, מיט א רוסישער איבערזעצונג ביי דער זייט. איינמאל בעת דער טראנפאלגער, דער שפעטערדיקער קייזער אלעקסאנדער דער צווייטער, איז דורכגעפארן וויטעבסק, האט ער אים אין עקיפאזש דערלאנגט א ליד און דערצו א בקשה וועגן אידן. אלעקסאנדער האט גערן אנגענומען די ליד מיט דער בקשה, זאגנדיק דערביי: ״איך וועל דאס ביי מיר האלטן אין הארצן צום אייביקן אנדענקען״.

אין יאר תרי״א האט זעלצער אויסגעארבעט א פראיעקט, וועלכער האט ענטהאלטן 82 בויגן, וועגן אידישע קאלאניסטן, אידישע שולן און רבנים, און האט עס איבערגעגעבן דורכן גראף קיסעלעוו דער רעגירונג. ביי ניקאלאיס לעבן איז דער דאזיקער פראיעקט געבליבן ליגן אונטערן גרינעם טישטאך. ווען אלעקסאנדער דער צווייטער איז ארויף אויפן טראן, האט

אים זעלצער געוואונטשן גליק צו זיין קרוינונגס טאג מיט א ליד, וועלכער איז געוועזן דורכגעוועבט מיט רמזים וועגן דער אונערטרעגליכער לאגע פון אידן אין רוסלאנד. אט דער ליד — אזוי דערציילט מען — האט געבראכט דערצו, אז אלעקסאנדער האט געהייסן ארויסנעמען זעלצערס פראיעקט פון אונטער דעם גרינעם טישטאך און עס איבערגעבן דעם מיניסטארן ״קאבינעט״. קורץ נאכדעם, האט אלעקסאנדער באפוילן דעם פירשט גאליצין, וועלכער האט דעמאלט אנגעפירט מיט די אידישע אינטערעסן, ער זאל באפולמעכטיקן זעלצערן צו פארפאסן א ווערק אין דער רוסישער שפראך וועגן דעם מהות פון אידנטום, וועגן די דאגמאטן פונם אידישן גלויבן, וועגן דעם איד און זיין פאמיליען לעבן, וועגן דעם איד אין האנדל און אין זיין באציאונג צו דער קריסטליכער וועלט, א.ד.ג. זעלצער האט אויף זיך די זאך איבערגענומען, און איז צוליב דעם אריין אין א קארעספאנדענץ מיט איינעם א אידישן געלערנטן וועלכער האט אים געגעבן די געהעריקע אנווייזונגען און אים אנגעוויזן אויף געוויסע ספרים, וואס קענען אים דינען אלס מאטעריאל.

אבער איידער זעלצער האט באוויזן צו נעמען זיך פאר די דאזיקע ספרים, איז ער קראנק געווארן און געשטארבן. דאס איז געוועזן אין יאר תרל״ב.

זעלצערס טויט איז געוועזן א שווערער קלאפ פארן רוסישן אידנטום. לאנג איז געוועזן נאך אים דער טרויער, און יאהרן לאנג שפעטער זיינען ארומגעגאנגען אין גאנץ ווייס־רוסלאנד פארשידענע מעשיות וועגן דעם גרויסן אידישן שתדלן ר׳ ליפעלע זעלצער.



א יריד און מארקטאג אין שטאט

## ניינטער קאפיטל:
## ר׳ איטשעלע מאנאסטירשצינער

די אמטשיסלאווער גזירה — א רעוויזיע אויף קאנטראבאנד — א בלבול אויף די אידן — דער הארבער פסק פון ניקאלאי — אויסטערלישע ליידן פון אמטשיסלאווער אידן — ר׳ איטשעלע מיטן רב פאהרן קיין פעטערבורג — די ווענדונג צום קעניג — דער אויספארשער א שונא ישראל — דער נייער אויספארשער באפרייט די אידן — די מוסרים שמד׳ן זיך אפ — דער באזוך ביים קרוין פרינץ — געפאלן אין חלשות — פארגעשטעלט פארן קייסער — טייערע אויערינגלאך — מבקר חולה געווען דעם קרוין פרינץ



די הויפט גאס פון די שטאט קיוב

# ר׳ איטשעלע מאנאסטירשצינער

מיט ארום הונדערט און פערציג יאהר צוריק האט גאנץ ליטע און ווייס־רוסלאנד געקלונגען מיט א געוויסן שתדלן, ר׳ יצחק זעליקין, וועלכער איז מער באקאנט געווען אונטער דעם נאמען ר׳ איטשעלע מאנאסטירשצינער. וועגן דעם דאזיקן ר׳ איטשעלען, וועלכער האט פון זיין יוגנט אן געוואוינט אין דעם קליינעם שטעטל מאנאסטירשצינע, סמאלענסקער גובערניע, ווערן איבערגעגעבן די פאלגנדיקע פרטים:

דאס איז געווען א געוויינליכער איד, אפילו נישט קיין איבעריקער למדן. ער האט געפירט זייער גרויסע געשעפטן, האט געהאלטן פאדראדן ביי דער רעגירונג און זיך גערעכנט פאר א עושר מופלג. מען האט אויף אים געזאגט, אז ער פארמאגט א מיליאן רובל. ר׳ איטשעלע איז געווען א גרויסער מפורסם אין דער וועלט, נישט צוליב זיין עשירות, אפילו נישט צוליב די פיל צדקה, וואס ער פלעגט צוטיילן, נאר בלויז צוליב זיין שטענדיקער גרייטקייט זיך מוסר נפש צו זיין פאר אידן. וואו נאר עס האט פאסירט א אומגליק, וואו נאר מ׳האט געמאכט אויף אידן א בלבול, איז מען שטענדיג באלד געלאפן צו ר׳ איטשעלען, וועלכער האט קיינמאל און קיינעם נישט אפגעזאגט אין הילף און פארטיידיקונג. באזונדערס בולט האט זיך זיין מסירות־נפש ארויסגעוויזן בשעת דער ״אמטשיסלאווער גזרה״, ווען ער האט זיך דערשלאגן צום קייזער אליין, כדי צו ראטעווען די קהלה פון דער גרויסער סכנה, וואס האט איר געדראט.

די אמטשיסלאווער גזרה, וועלכע האט אין איר צייט אויפגערודערט די גאנצע אידישע וועלט, איז באשטאנען אין פאלגענדעס:

דעם 29 דעצעמבער 1843 זענען לויט דעם באפעל פון דעם פינאנץ־מיניסטער סעפראנסקי ארויפגעפארן קיין אמטשיסלאוו, א קרייז שטאט אין

מאהילעווער גובערניע, עטליכע רעגירונגס בעאמטע צו רעווידירן די אידישע געשעפטן, אויב ס׳געפינט זיך נישט אין זיי קיין קאנטראבאנד. גאנץ פרי, בעת דאס שטעטל איז נאך געשלאפן, האט דער נאטשאלניק פון דער ארטיקער מיליטערישער קאמאנדע, פאדפארוטשניק ביביקאוו, אויסגעשטעלט זעכציק סאלדאטן ביי עטליכע אידישע הייזער און קראמען, וועגן וועלכע ס׳האבן זיך באקומען ידיעות, אז עס ווערן אין זיי פארקויפט קאנטראבאנד סחורות. בייטאג זענען אין דער געגנווארט פון דער שטעטלדיקער ״נאטשאלסטווע״ געמאכט געווארן א גאנצע ריי רעוויזיעס, וועלכע האבן זיך בכלל פארענדיקט בשלום. נאר צום סוף האבן די רעוויזארן אין דער קראם פון א געוויסן סוחר נאטע פרומקין, געפונען אייניקע פעקלאך. דאס קלענערע קעסטל האט מען תיכף אוועקגעטראגן אין פאליציי: דאס צווייטע קעסטל איז אבער געווען א שווערע, ס׳האט געוואויגן העכער 3 פוד, און דעריבער איז די סאלדאטן איינגעפאלן צו באנוצן זיך מיט דעם פערד און וואגן פון דעם אידישן בעל־עגלה יודל לעוויטין, וועלכער האט זיך געפונען דערביי. לעוויטין, וועלכער האט נישט געוואוסט וועגן וואס דא האנדלט זיך, האט אין אנהויב נישט געוואלט געבן דאס פערד, און דאן האבן אים די סאלדאטן גענומען אומברחמנותדיק שלאגן און אים מיט א הענטל פון א ביקס שווער פארוואונדעט דעם קאפ. עס איז דאן געווען א חגא־טאג, צוליב וועלכן עס האבן זיך אויף דעם דערבייאיקן מארק געפונען א סך מענטשן — אידן און קריסטן, און ביי עטלעכע הונדערט מאן פון זיי האבן זיך צוליב נייגעריקייט צוזאמענגעקליבן ארום נאטע פרומקינס קראם און האבן זיך צוגעקוקט, ווי מ׳האט פון דארט ארויסגעפירט די טריפה סחורה. העכסט פארביטערט איבער דער ווילדקייט פון די סאלדאטן האט זיך דער המון אנגעהויבן שטארק צו בייזערן, און צוויי אידן זענען מיט זייערע שליטנס ארויפגעפארן אויף די זעלנער, וואס זענען געשטאנען ביים קאסטן, און האבן זיי אומגעווארפן. עס איז געווארן א גרויסער טומל, און ביביקאוו האט אויסגענוצט דעם מאמענט און געהייסן זיינע סאלדאטן שלאגן די אידן. די דערבייאיקע אידן האבן זיך געפרובט פארטיידיקן, אבער דערזעענדיק, אז עטליכע פון זיי גייען אפ מיט בלוט, איז דער המון זיך צולאפן. די סאלדאטן

האבן זיי אבער נאכגעיאגט און מערדערליך געשלאגן. ערשט אין עטליכע שעה ארום איז געווארן רואיק, און דאן האט מען אויך דאס צווייטע קעסטל מיט דער קאנטראבאנד אריבערגעפירט אין פאליציי.

אין דעם זעלבן טאג, פארנאכט, האבן זיך צוזאמענגעקליבן אויף א געהיימער זיצונג דער זעלבער פאדפארוטשניק ביביקאוו מיט נאך עטליכע שטעטלדיקע ביוראקראטן, וועלכע האבן געשמט פאר גרויסע שונאי־ישראל, און באשלאסן מעלדן דעם גובערנאטאר, אז די אמטשיסלאווער אידן האבן אין מיטן העלן טאג געמאכט א אנפאל אויף סאלדאטן, כדי אפצושלאגן פון זיי די קאנפיסקירטע קאנטראבאנד סחורות.

באלד האבן זיך די אידן דערפון דערוואוסט, און אין שטאט איז געווארן א גרויסער טומל מיט וואס אזא מעשה קען שמעקן. נאר איין מענטש האט זיך געפונען, וועלכער האט זיך געריבן די הענט פאר גרויס תענוג. דאס איז געווען אלעקסאנדער וואסילעוו, וועלכער האט נאך דא נישט לאנג געהייסן לייבל בריסקין...

## ב.

דער דאזיקער לייבל בריסקין האט געהאט אלטע חשבונות מיט די אמטשיסלאווער אידן. זייענדיק א פאקטאר פון פראפעסיע, איז ער געשטאנען אין נאנטע באציאונגען מיט דעם אמטשיסלאווער פאליציימייסטער ענגלהארד, וועלכער איז געווען א פלימעניק פון דעם מאהילעווער גובערנאטאר. בריסקין, וועלכער איז געווען זייער א פארדארבענער און שלעכטער מענטש, האט אויסגענוצט די דאזיקע באציאונגען צו רודפן אידן דורך אלע סארטן פאלשע באשולדיקונגען. די אידן איז אבער געלונגען צו אנטפלעקן בריסקינס אמתן פרצוף, און דאן האט דער גובערנאטאר פארגעלייגט דער אמטשיסלאווער קהלה, אפצוגעבן אים פאר א סאלדאט, און אויב ער טויג נישט צו מיליטער דינסט, זאל מען אים אוועקשיקן קיין סיביר. די קהלה האט וועגן דעם געמאכט א פראטאקאל, אונטער וועלכן עס האבן זיך געחתמעט די חשובסטע אידן פון

שטאט מיט דעם שטאטישן נאטאריוס מאנוש לייטעס בראש, און בריסקינען האט מען ארייננעזעצט אין טורמע. האט זיך אבער בריסקין אפגעשמדט און איז דורכדעם באפרייט געווארן פון יעדער שטראף. דער גובערנאטאר האט אפילו געהייסן צו פארפירן א נייע חקירה ודרישה וועגן בריסקינס פארשידענע פעלשונגען און דערוייל וואס ווען ארעסטירן אים אויף דאסניי: בריסקין האט זיך אבער וועגן דעם באצייטנס דערוואוסט און געמאכט פליטה ערגעץ אין א מאנאסטיר, און דורכדעם האט ער זיך ווידער ארויסגעדרייט פון טורמע. פון דעמאלט אן האט ער נישט אויפגעהערט זוכן א געלעגנהייט זיך נוקם צו זיין אן די אמטשיסלאווער אידן. אזא געלעגנהייט האט ער פאר זיך געפונען אין דעם געשעעניש פונם 29 דעצעמבער.

לויט בריסקינס עצה, האט ביביקאוו אפגעהאלטן דערווייל זיין ראפארט וועגן דעם אמטשיסלאווער געשעעניש, כדי ארויס צופרעסן דורכדעם ביי די אידן א גרויסע געלט־סומע. בריסקין האט געפאדערט פון דער אידישער קהלה זיבן הונדערט רובל פאר זיך און פאר ביביקאוון. די קהלה האט אבער אנגעבאטן ביביקאוון בלויז 250 רובל, און אזוי ארום איז דער מסחר נישט געקומען צו שטאנד, און דער ראפארט איז אפגעגאנגען צום מאהילעווער גובערנאטאר. גראד האט דער מאהילעווער גובערנאטאר אויך געטראגן אין הארצן א שנאה אויף די אמטשיסלאווער אידן, פארוואס זיי האבן פאר אים פארמסרט זיין פלימעניק, דעם דארטיקן פאליציימייסטער. אז ער פאדערט פון זיי צו גרויסע כאבאר — און דאס איז געווען די סיבה פון דעם, וואס דער מאהילעווער גובערנאטאר האט געפונען פאר נויטיק אפצושיקן ביביקאווס ראפארט קיין פעטערבורג.

אין ביביקאווס ראפארט איז דאס אמטשיסלאווער געשעעניש פארגעשטעלט געווארן אויפן פאלגנדיקן אופן:

„א המון אידן פון א דריי הונדערט מאן האבן געפרובט אפשלאגן א קאסטן מיט קאנטראבאנד, אנגרייטנדיק צוליב דעם פון פאראויס צוויי פערד, די אידן האבן זיך מיט א שטארקן אימפעט ארויפגעווארפן אויף די סאלדאטן און זיי געשלאגן מיט גרויס אכזריות. אז ביביקאוו האט דאס

דערזען, האט ער באפוילן די סאלדאטן, זיך צו פארטיידיקן, אבער נישט צו באנוצן זיך קעגן די אידן מיט וואפן. נאכדעם ווי די אידן האבן זיך איבערצייגט, אז זיי וועלן דעם צווייטן קאסטן סחורה נישט קענען אפשלאגן, זענען זיי זיך צולאפן... בסך־הכל האבן די אידן צובראכן 10 זעלנערשע ביקסן, 4 זעלנער האבן זיי פארוואונדעט אין געזיכט און דעם פינפטן האבן זיי איבערגעהאקט א האנט..."

די ידיעה וועגן דעם דאזיקן אויסטערלישן געשעעניש האט געמאכט אין פעטערבורג א שטארקן איינדרוק. א באזונדערע פארביטערונג האט עס ארויסגערופן ביים קייזער, ניקאלאי דער ערשטער. דעם 21 יאנואר האט דער קריגס־מיניסטער מודיע געווען דעם אינערן "מיניסטער" אז דער קייזער האט באפוילן:

"איבערצוגעבן די הויפט־שולדיקע פון דעם דאזיקן געשעעניש דעם מיליטער־געריכט, און דערוויל זאל מען איינעם פון יעדן צענדליק אמטשיסלאווער אידן אפגעבן פאר א סאלדאט".

דעם קייזערס באפעל איז אפגעשיקט געווארן דעם מאהילעווער גובערנאטאר, ענגלהארד, וועלכער האט באלד אוועקגעזעצט אין אמטשיסלאוו צוויי קאמיסיעס, איינע צונויפזאמלען דעם גאנצן מאטעריאל וועגן דעם "אידישן בונט" און צושטעלן עס דעם קריגס געריכט, און די צווייטע — אויף צו מאכן דעם "נאבאר" פון די אמטשיסלאווער אידן, וועלכע דארפן אפגעגעבן ווערן אין סאלדאטן. ער האט אויך באלד ארויסגעגעבן א באפעל, נישט צו געבן די אמטשיסלאווער אידן קיין פאספארטן, כדי זיי זאלן נישט קענען אנטלויפן פון שטאט. אויסער דעם, איז פונאנדערגעשיקט געווארן א צירקולארישער באפעל אין אלע נאענטע גובערניעס, "צו מאכן תיכף א אויספארשונג, צו עס געפינט זיך דארט נישט קיין איד, פון 12 ביז 35 יאר, וועלכער געהער צו דער אמטשיסלאווער קהלה, און יעדן אויפגעזוכטן איד זאל מען באלד אפשיקן קיין אמטשיסלאוו "מיטן עטאפ". אזעלכע באפעלן האט ענגלהארד אפגעשיקט אויך צו די גובערנאטארן פון סמאלענסקער, וויטעבסקער, מינסקער און טשערניגאווער גובערניעס.

די אויספארשונגס קאמיסיע האט קודם־כל געזען אנצונעמען מיטלען, אז די אלע ארויסגערופענע עדות, אידן און קריסטן, זאלן זיך האלטן אין די ראמען פון דער אפיציעלער ווערסיע וועגן דעם געשעעניש. אין דעם האבן איר בייגעהאלפן בריסקין און נאך א משומד, א געוויסער טראאיצקי, מיט צוויי אידן אויסוואורפן: מענקע פערסטנעוו און זלמן אורליכט. די דאזיקע פערזאנען זענען ארומגעגאנגען איבערן שטאט און געקליבן עדות פאר דער קאמיסיע, סטראשענדיק דערביי, אז דער, וואס וועט אויסרעדן א שלעכט ווארט קעגן ביביקאוון, וועט תיכף ארעסטירט ווערן. זיי האבן זיך אפילו נישט אפגעשראקן פון צו צווינגען די חשובסטע אמטשיסלאווער אידן, זיי זאלן זאגן זייער עדות אין ביביקאווס גייסט. אז די אידן האבן זיך דערפון אפגעזאגט, האט מען זיי אריינגעזעצט אין טורמע. דאס האט אבער ווייניק וואס געהאלפן, און די אויספארשונגס קאמיסיע איז א לאנגע צייט געזעסן "אן א שטאך ארבעט", נישט האבנדיק פאר זיך דעם נויטיקן און דעם געוואונטשענעם מאטעריאל פאר דער באשולדיקונג, וואס זי האט געדארפט צושטעלן דעם קריגס געריכט.

דאן איז אראפגעפארן קיין אמטשיסלאוו דער מאהילעווער גובערנאטאר אליין. קודם־כל האט ער מקרב געווען בריסקינען מיט די אלע אנדערע משומדים: דערנאך האט ער גענומען חוקר ודורש זיין אייניקע באאמטע און אידן, פאדערנדיק פון זיי, צו באלויכטן דאס אמטשיסלאווער געשעעניש לויט ביביקאווס ערשטן ראפארט. נאכדעם ווי אים האט זיך נישט איינגעגעבן ארויסצובאקומען אזעלכע עדות, נישט פון אידן און נישט פון קריסטן, האט ער געהייסן אפגאלן אלע ארעסטירטע אידן, צווישן וועלכע עס האבן זיך געפונען די גרעסטע נכבדים פון די אמטשיסלאווער סוחרים. דעם ערשטן האט מען אפגעגאלט מאנוש לייטעסן. אויפן אנדערן טאג האט בריסקין ארומגעטראגן אין קעשענע איבערן שטאט לייטעסעס אפגעשוירענע האר און האט עס באוויזן זיינע קרובים, בארימענדיק זיך דערביי מיט זיין מאכט.

**פיל האט איבערגעליטן די אמטשיסלאווער קהלה, זעענדיק ווי אירע בעסטע און שענסטע מיטגלידער ווערן געווארפן אין טורמע, וואו מען טוט**

זיי אן די ערגסטע חרפות. עס איז אבער אוממעגליך צו שילדערן די שרעק און דעם יאוש, וואס האט באהערשט די אמטשיסלאווער אידן, ווען זיי האבן זיך דערוואוסט וועגן דעם אלערהעכסטן באפעל אפצוגעבן פאר סאלדאטן יעדן צענטן פון דער אידישער מענליכער באפעלקערונג. אין שטאט איז געווארן א חורבן: מ׳האט גוזר תענית געווען און קברים געריסן. דריי טעג און דריי נעכט האט דער עולם פארבראכט אויפן בית־עלמין אין געוויין און קלאג, וועלכע האבן אפגעקלונגען אין גאנצן שטאט. פאליציאנטן זענען א גאנצע נאכט ארומגעגאנגען איבער די אידישע הייזער און האבן אויף וועגענער אוועקגעשלעפט יונגע קינדער פון זיבן יאר אן, אפצוגעבן זיי פאר סאלדאטן.

## ג.

אין די דאזיגע טרויעריקע טעג האבן די אמטשיסלאווער קהל־לייט, וועלכע מ׳האט נאך נישט באוויזן צו ארעסטירן, אפגעהאלטן צווישן זיך אין דער שטיל עטליכע פארטרויליכע זיצונגען און זיך באראטן צוזאמען וועגן דער געשאפענער לאגע און וועגן די מיטלען, וואס מען דארף אננעמען, כדי ארויסצופלאנטערן זיך פון איר. צום סוף זענען זיי געקומען צום באשלוס, אז מ׳מוז זיך זען צו פארטיידיקן כדי צו ראטעווען די קהלה. דאס האט געהייסן ארײַנצולאזן זיך אין א קאמף מיט דער אדמיניסטראציע, מיט דעם גובערנאטאר אליין. צו דעם האבן זיך געפאדערט דרייסטע און ענערגישע מענטשן, וואס זאלן זיין גרייט שטעלן זייער פערזענליכע פרייהייט אין סכנה לטובת הכלל.

אין אמטשיסלאוו גופא האבן זיך אזעלכע כלל טוער נישט געפונען. די ארטיקע עסקנים האבן נישט געהאט דעם מוט צו נעמען אויף זיך אזא שליחות: זיי האבן מורא געהאט, אז מיט זייער ארויסטריט קעגן דעם מאהילעווער גובערנאטאר, וועלן זיי נאך דעם מצב פיל ערגער מאכן.

נאך א לאנגן ישוב־הדעת איז געבליבן ביי קהל צו ווענדן זיך צו ר׳ איטשעלע מאנאסטירשצינער, וועלכער איז שוין דעמאלט ווייט און ברייט

געווען באקאנט אלס א מענטש מיט א הייסע אידישע הארץ, מיט דער בקשה, אז ער זאל פארן קיין פעטערבורג משתדל צו זיין זיך פארן קייזער וועגן דער אמטשיסלאווער אידישער קהלה. שוין אויף מארגן גאנץ פרי האט קהל ארויסגעשיקט מיט דער בקשה צו ר׳ איטשעלען דעם אמטשיסלאווער רב.

ר׳ איטשעלע מאנאסטירשצינער האט דאן געוואוינט אין סמאלענסק. ער איז געווען זייער רייך און האט געלעבט ווי א פירשט. ביי אים אין שטוב האבן זיך אויפגעהאלטן צענדליקער דינער, הונדערטער שליחים, און סתם מענטשן אן א באשטימטער באשעפטיקונג, וועלכע האבן זיך ארום אים געריבן. ר׳ איטשעלע האט געפירט א ברייטן לעבן, האט געשאטן מיט געלט אויף רעכטס און אויף לינקס. ביי אים אין הויז פלעגט מען אלץ דערלאנגען אויף זילבערנע און גאלדענע געשיר. ער האט געהאט פערד און קארעטעס און פלעגט ארויספארן ווי איינער פון די גרעסטע מאגנאטן.

וועגן דעם באזוך פון דעם אמטשיסלאווער רב ביי ר׳ איטשעלע מאנאסטירשצינער גיט איבער אין זיינע זכרונות איינער פון יענע תקופה די פאלגנדיקע אינטערעסאנטע פרטים, וועלכע ער האט געהערט פון א וויטעבסקער זקן.

איינמאל, שפעט נאך האלבע נאכט, בשעת אלע ביי ר׳ איטשעלע מאנאסטירשצינער אין שטוב האבן שוין לאנג געשלאפן, האט זיך דערהערט ביים טויער א קלאפ, אזא שטארקער, דאס אלע הויז מענטשן האבן זיך אויפגעכאפט פון שלאף מיט גרויס שרעק, מ׳האט געמיינט, אז ס׳האט פאסירט א וועלכער עס איז אנדער אומגליק. דער הויפט משרת איז ארויסגעלאפן פון שטוב. ביים טויער האט ער דערזען א הויכגעוויקסיקן אלטן מאן מיט א לאנגער שניי ווייסער בארד, אין א גרויסער סויבעלנער שטריימל און מיט א קאפאטע, וואס האט זיך געשלעפט איבער דער ערד. ווי נאר דער דינער האט געעפנט דעם טויער, האט זיך באלד דער אלטער אפגערופן מיט גרויס היץ:

— וועקט די מינוט אויף ר׳ איטשעלען! איך מוז אים זען! דא האנדלט

זיך וועגן לעבן און טויט פון א גאנצער אידישער קהלה !... איר הערט ! גייט און פארלירט קיין מינוט נישט !

הערנדיק אזעלכע ווערטער פון דעם אלטן אידן מיט דעם פאטריארכאלישן אויסזען, האט דער משרת באלד פארשטאנען, אז דאס איז עפעס נישט קיין געלעכטער. ער האט אריינגעפירט דעם אלטן אין שטוב, און אליין איז ער אריינגעלאפן צו ר׳ איטשעלען אין שלאפצימער, האט אים אויפגעוועקט און דערציילט וועגן דעם שפעטן אורח. ר׳ איטשעלע איז אויפגעשטאנען, האט זיך שנעל אנגעטון און איז ארויס צום אלטן. נאך דעם געוויינליכן ״שלום עליכם״, האט ער אים געפרעגט, צוליב וואס ער איז געקומען. אויף דעם האט דער אלטער געענטפערט:

— איך בין דער אמטשיסלאווער רב און איך בין געקומען צו אייך, אז איר זאלט ראטעווען אונזער אידישער קהלה פון דעם שרעקליכן אומגליק, וואס איר האט פאסירט גאנץ אומגעריכט.

דערביי האט דער רב דערציילט ר׳ איטשעלען אויספירליך דעם גאנצן פארלויף פון דער אמטשיסלאווער געשעעניש. דערצו האט ער צוגעגעבן, אז בשעת דער שלעגעריי איז דערהרגעט געווארן א סאלדאט, און האט פארענדיקט:

— ערשטנס זענען מיר געלאפן אין די שולן און בתי מדרשים, דערנאך אויף די בית־עלמינס, מיר האבן געוויינט און געקלאגט און געפאסט תעניתים, אלע ווי איין מענטש האבן אויף אונזער לעצטער אסיפה באשלאסן צו שיקן, מיר צו אייך, מיט דער בקשה אונז צו פארטיידיקן. פריער ג-ט און דערנאך איר. ביי די באציאונגען וואס איר האט מיט די ״הויכע פענסטער״ קענט איר אלץ טאן ! און צוליב דעם בין איך געקומען צו אייך, ר׳ איטשעלע ! ראטעוועט אונזער קהלה פון אומגליק, און דער מלך מלכי המלכים וועט אייך אפגעבן אייער שכר ווי איר זענט ווערט.

אזוי האט דערציילט דער רב. ער האט גערעדט שטיל, אבער זיין קול האט געציטערט און פון זיינע אויגן האבן געשטראמט טייכן טרערן.

ר׳ איטשעלע האט אים אויסגעהערט שווייגנדיג, און ווען דער רב האט געענדיקט, האט ער אים געפרעגט:

— רבי! און איר זענט זיכער, אז דאס אלץ איז נאר א בלבול? אז די אידן זענען גאנץ אומשולדיג אין דעם פארגאסענעם בלוט פון דעם סאלדאט?

איך בין זיכער, ר׳ איטשעלע! און אויסער דעם, ווי האבן גאר די אידן געקענט שיסן? וואו האבן זיי גענומען ביקסן?

— פונדעסטוועגן וואלט איך געוואלט, אז איר זאלט מיר שווערן, אז די אידן האבן נישט אויף זייער געוויסן קיין זעלנעריש בלוט.

דער רב האט זיך אויפגעהויבן און זיך שווייגנדיק ארומגעקוקט אין אלע זייטן. ר׳ איטשעלע האט פארשטאנען, וואס ער זוכט, און האט אים אריינגעפירט אין צימער, וואו ס׳איז געווען זיין שטוביגער "מנין". דארטן האט דער רב ארויסגענומען פון ארון קודש א ספר תורה און האט ביי איר געשוואוירן, אז די אידן זענען אומשולדיג אין דער דערמארדונג פון דעם סאלדאט.

מער האט שוין ר׳ איטשעלע גארנישט געפרעגט. ער האט גערופן דעם דינער און געהייסן אים תיכף איינשפאנען פיר פון די בעסטע פערד און דעם שענסטן עקיפאזש, און דערנאך האט ער א זאג געטאן צום רב:

— רבי, מיר פארן קיין פעטערבורג.

און אין דער זעלבער נאכט זענען זיי אוועקגעפארן.

פון סמאלענסק ביז פעטערבורג איז א מהלך העכער פון זעקס הונדערט וויארסט, און די דאזיקע שטרעקע זענען זיי אפגעפארן אין דריי טעג. זיי זענען נישט געפארן, נאר געפלויגן ווי א פייל פון בויגן.

אנגעקומען קיין פעטערבורג האט זיך ר׳ איטשעלע קודם כל געווענדעט צום גראף סאלטיקאוו, צו וועמען ס׳האט געהערט דאס קליינע

שטעטל קאסלאוויטש, וואס געפינט זיך נישט ווייט פון אמטשיסלאוו, און וועלכער איז געוועזן באקאנט אלס אוהב ישראל. גראף סאלטיקאוו האט זיך אנגענומען איבערצוגעבן די בקשה פון דער אמטשיסלאווער קהלה דעם גראף אלעקסאנדער בעקענדארף, וועלכער איז געוועזן דער שעף פון דער קייזערליכער קאנצעלאריע און האט געהאט אויף ניקאלאיען א געוויסע השפעה.

"די אמטשיסלאווער קהלה — אזוי האט געשריבן ר' איטשעלע אין א בריוו צום גראף בעקענדארף — האט שוין איינמאל געבעטן, אז מ'זאל מאכן א שטרענגע אויספארשונג און אז ביז ס'וועט אנטפלעקט ווערן דער ריינער אמת זאל מען אפשטעלן דעם "נאבאר". זעענדיק אבער, אז דער "נאבאר" האט זיך פארט אנגעהויבן, האב איך מיר גענומען די דרייסט ווארפן זיך צו די פיס פון אייער דורכלויכט און צו בעטן אייך מיט טרערן, אז איר זאלט ראטעווען טויזנט אומגליקליכע פון דעם חורבן, וואס עס דערוואַרט זיי. שיקט צו אונז אראפ א באזונדערן באאמטן צו מאכן א חקירה ודרישה, און ביז די זאך וועט אויפגעקלערט ווערן, האלט אפ דעם נאבאר. מיר זענען אלע מוכן ומזומן צו דער גרעסטער שטראף אויב ס'וועט זיך ארויסווייזן, אז אונזערע טענות זענען נישט קיין ריכטיגע".

דער דאזיקער בריוו צוזאמען מיט די ידיעות, וואס סאלטיקאוו האט אים איבערגעגעבן, האבן געבראכט דעם גראף בעקענדארף צו דער איבערצייגונג, אז די אמטשיסלאווער געשעעניש איז פארגעשטעלט געווארן דורכן גובערנאטאר נישט אויפן יסוד פון דעם ריינעם אמת, און דאן האט ער באשלאסן אפיציעל ארויסצוטרעטן לטובת די אומשולדיגע אידן.

אין א באזונדערע בקשה צו ניקאלאיען אליין האט ר' איטשעלע אפגעשילדערט דאס פאלגענדע טרויעריקע בילד:

"דאס רוב איינוואוינער זענען ארעסטירט געווארן תיכף ווי נאר ס'האט זיך געעפנט אין שטאט די אויספארשונגס־קאמיסיע, און ביי היינטיגן טאג זיצן שוין ארעסטירט העכער פון הונדערט מאן, און דורך דעם האט זיך אפגעשטעלט דער גאנצער האנדל און וואנדל. שפעטער, נאכדעם, ווי ס'איז

אנגעקומען דער אלערהעכסטער באפעל וועגן דעם, אז מ׳זאל יעדן צענטן אידן אפגעבן אין סאלדאטן, האט באלד אין אלע קראמען און געשעפטס־הייזער אויפגעהערט דער קויף און פארקויף, ווייל דורך דעם גרויסן שרעק, וואס האט באהערשט די קהלה, האלט דער גאנצער עולם נאר אין איין וויינען און קלאגן און בעטן רחמים ביי ג-ט און ביי אייער קייזערליכער מאיעסטעט. זינט ס׳האט זיך אנגעהויבן דער "נאבאר" איז אין שטאט גרויס דער יאוש, אין יעדער הויז איז טרויעריג ווי אויף א בית-עלמין, ס׳איז נישטא ווער עס זאל ארבעטן, מען באקט אפילו קיין ברויט נישט, און עס פילט זיך א נויט אין עסנווארג, ווען די אידן פון די נאנטע שטעטלאך וואלטן אונז נישט אונטערגעשיקט קיין לעבנס-מיטלען, וואלטן מיר אלע אויסגעשטארבן פון הונגער. פאליציי לאזט קיין אידן נישט ארויספארן פון שטאט, מ׳גיט קיינעם קיין פעסער נישט, מען טרייבט נאך צונויף אידן קיין אמטשיסלאוו אויך פון די אנדערע שטעט און שטעטלאך. א סך מענטשן ליגן שוין געשוואלן, און ווען עס זאל אזוי ווייטער גיין, וועט אינגיכן חרוב ווערן א גאנצע אידישע קהלה, וואס באשטייט פון פיל טויזנטער אומשולדיקע מענטשן, און ליידן וועלן דערפון נישט בלויז אידן אליין, נאר אויך א סך קריסטן, וואס זענען מיט זיי פארבונדן.

דאס דאזיקע בילד האט זיך פארענדיגט מיט א אונטערטעניקסטער בקשה צו דעם גנעדיקן קייזער, אז ער זאל זיך מרחם זיין אויף די טויזנטער עלנטע אידישע נפשות, וואס ווערן גאנץ אומשולדיק אפגעריסן פון זייערע נעסטן, און זאל זיי נעמען אונטער זיינע הויכע פליגלען און באשיצן זיי פון אונטערגאנג און פארניכטונג.

די בקשה איז דורך דעם גראף בעקענדארף אנגעקומען צו ניקאלייען, און האט אויף אים געמאכט א ווירקונג. באלד האט ער ארויסגעגעבן א באפעל צום אינערן-מיניסטער אראפצושיקן קיין אמטשיסלאוו א באזונדערן באאמטן, וועלכער זאל די זאך פון דאסניי אויספארשן. דער דאזיקער באאמטער איז אבער אויך נישט געווען קיין איבעריקער אידן-פריינט, און ווי נאר ער איז אנגעקומען קיין אמטשיסלאוו, האבן אים באלד דער גובערנאטאר מיט דער גאנצער אנטיסעמיטישער קאמפאניע

געוואונען פאר זיך און האבן געבראכט אזוי ווייט, דאס ער האט אין זיינע ראפארטן צום קייזער באשטעטיקט אלע פריערדיקע בלבולים און האט געפאדערט פאר די אידן א פיל גרעסערער שטראף.

דערהאלטנדיק אזא ראפארט איז ניקאלאי געווארן א צוקאכטער און אין דער ערשטער מינוט איז ביי אים ארויפגעשוואומען דער גרויזאמער געדאנק אפצוגעבן אלע אמטשיסלאווער אידן פאר זעלנער. עס האט שוין געהאלטן דערביי, אז ניקאלאי זאל פארווירקליכן זיין פלאן דורך א נייעם באפעל, וועלכער האט געדארפט פארעפנטליכט ווערן דורך דער קייזערליכער קאנצעלאריע. האט זיך אבער ר׳ איטשעלע דערפון באצייטנס דערוואוסט, און האט דורך בעקענדארפן און דורך אנדערע שררות אזוי ווייט געארבעט, דאס ס׳האט זיך זיי איינגעגעבן צו ווירקן אויף ניקאלאיען אפצוהאלטן דערווייל דעם נייעם באפעל און ארויסשיקן קיין אמטשיסלאוו א גרויסן באאמטן מיט באזונדערע פולמאכטן אויסצופירן שוין דארטן אויפן ארט אלץ וואס ער וועט געפינען פאר נויטיק. דאס מאל איז אויך געלונגען צו פועלן ביים קייזער, אז ער זאל אויסוויילן צו דער דאזיקער שליחות דעם פירשט אלעקסאנדער פעטראוויטש טרובעצקי, וועלכער איז געווען מפורסם אלס העכסט ארנטליכער און טאלעראנטער מאן. איידער טרובעצקי איז אפגעפארן קיין אמטשילאוו, האט ער לויט דער רעקאמענדאציע פון א גרויסן שררה אויפגענומען אויף א אודיענץ ר׳ איטשעלען, וועלכער האט אים גוט אויפגעקלערט דעם ענין און געגעבן אים א באגריף וועגן אלע אמטשיסלאווער ביוראקראטן, מיט וועלכע אים וועט אויסקומען צו האבן צו טאן. דאס איז טאקע דעם פירשט זייער צונוץ געקומען. ער האט באלד, אנקומענדיק קיין אמטשיסלאוו, ארויסגעפאדערט צו זיך דעם גאנצן מאטעריאל פון דער אויספארשונג-קאמיסיע און נישט פיל גריבלענדיג זיך אין אים, האט ער שוין באמערקט די אלע עוולות און אומגערעכטיקייטן, וואס זענען אפגעטאן געווארן דורך די איינצעלנע מיטגלידער, אנהויבנדיק פון דעם מאהילעווער גובערנאטאר און ענדיגנדיג מיטן קלענסטן באאמטן. טרובעצקי האט זיך צו דער זאך גענומען גאנץ ענערגיש, און ביסלאכווייז האט ער באקומען א ריכטיגן באגריף פון אלץ, וואס ס׳האט פאסירט אין אמטשיסלאוו פון דער ערשטער מינוט אן. דער

פירשט האט זיך איבערצייגט, אז די אידן זענען לגמרי אומשולדיק און זיי ליידן גאנץ אומזיסט. ער איז זייער אויפגעבראכט געווארן און האט קודם-כל, אויף זיין אייגענער אחריות אראפגעזעצט דעם מאהילעווער גובערנאטאר פון זיין שטעלע. פארשטייענדיק, אז דאס גאנצע אומגליק שטאמט נאר פון די עטליכע אידישע מוסרים, וועלכע האבן זיך געזוכט נוקם צו זיין אין אייגענע ברידער דורך פאלשע מסירות, האט ער זיי באלד געהייסן ארעסטירן. לייבל בריסקין האט באוויזן צו אנטלויפן אין א נאענטן שטעטל, דער פירשט האט אבער ארויסגעשיקט עטליכע רייטער, וועלכע האבן אים געכאפט, און א געשמידטן אין קייטן אפגעפירט אין טורמע.

נאכדעם האט טרובעצקי אוועקגעשיקט קיין פעטערבורג א אויספירליכן ראפארט, אין וועלכן ער האט ארויסגעזאגט זיין מיינונג, אז די אמטשיסלאווער אידן זענען פאלש באשולדיקט געווארן. ניקאלאי האט דאך געהייסן באשטימען א נייע קאמיסיע אויסצופארשן דעם אמטשיסלאווער ענין. די קאמיסיע איז תיכף אראפגעפארן קיין אמטשיסלאוו, און גאר פון דאסניי האט זיך אנגעהויבן א אויספארשונג מיט דער באטייליקונג פונם פירשט טרובעצקי. אבער אויך די נייע קאמיסיע האט נאך א האלב-יעריקער ארבעט ארויסגעטראגן איר אורטייל, אז דא האט מען גענומען א קליינעם גאסן-געשלעג, עס אויפגעבלאזן און געמאכט דערפון א גרויסן "פאליטישן בונט".

די באשלוסן פון דער קאמיסיע זענען איבערגעגעבן געווארן קיין פעטערבורג, און אינגיכן איז אנגעקומען פון דארט א קייזערליכער באפעל צו דערקלערן פאר אומשולדיק אלע אידן, וועלכע זענען צוגעצויגן געווארן צום געריכט אין דעם אמטשיסלאווער פראצעס. ג׳ כסלו תר״ד האט דער פירשט טרובעצקי איינגעלאדן צו זיך די פארשטייער פון דער אמטשיסלאווער קהלה און פאר זיי איבערגעלייענט דעם פון פעטערבורג אנגעקומענעם דעקרעט. ער האט זיי געזאגט, אז דער קייזער האט דערקלערט די אמטשיסלאווער אידן פאר אומשולדיק, אז די רעקרוטן, וואס מ׳האט פון זיי גענומען, וועלן אפגעשיקט ווערן צוריק אהיים, און אז די אידישע קהלה קען זיך בארואיקן.

די פרייד פון די אידן איז זיך לייכט פארצושטעלן. באלד ווי אין שטאט האט זיך פארשפרייט די ידיעה וועגן דעם דערהאלטענעם באפעל, זענען מאסן אידן אוועק מיט מוזיק און געזאנג צום הויז, וואו ס'האט געוואוינט דער פירשט טרובעצקי. בשעת דער פירשט איז זיי ארויס אנטקעגן, האבן זיי אים אוועקגעזעצט אויף א פרעכטיגן, באגילדעטן שטול און באגריסט אים מיט ווארימע ווערטער אלס זייער רעטער. אין דער גרויסער שול איז פארגעקומען א באזונדער פייערליכע דאנק-תפילה לכבוד דעם רוסישן קייזער.

איינער א באוואוסטער היסטאריקער וועלכער איז א אמטשיסלאווער א געבוירענער, גיט איבער וועגן דער דארטיקער "גזרה". לאנג — אזוי דערציילט ער — האבן די אמטשיסלאווער אידן געהאלטן אין זייער זכרון דאס שרעקליכע געשעעניש פון יאר תר"ד . אין מיין פריעסטער יוגנט האב איך פערזענליך געקענט עטליכע חשובע פארשטייער פון דער קהלה, וועלכע האבן געליטן אין דער צייט פון דער "קאטאסטראפע". זיי האבן דערציילט ווי זיי האבן לאנג געשמאכט אין טורמע, ווארטנדיק אלע טאג, אז מ'וועט זיי הענגען אדער אוועקשיקן אויף קאטארגע, ווי מ'האט זיי דארט אפגעגאלט א האלבן קאפ, ווי מ'האט זיי געדראהט ביי די אויספארשונגען א. א. וו. איך האב געקענט זקנים, וועלכע מ'האט אין יענעם יאר אפגעגעבן פאר סאלדאטן. פיל פון מיינע באקאנטע, וואס האבן מורא געהאט, מ'זאל זיי נישט נעמען פאר רעקרוטן, זענען זיך צולאפן און זיך באהאלטן אין אנדערע שטעט, ביז די קהלה איז געווארן באפרייט, פאליציי און די "כאפערס" האבן אומעטום געזוכט די דאזיקע אנטלאפענע, זיי האבן אבער באוויזן צו כאפן גאר ווייניק, ווען מ'האט געשמידט אין קייטן און געבראכט צוריק קיין אמטשיסלאוו. אין גרויס אויפרעגונג, און אמאל אויך מיט טרערן אין די אויגן, האבן מיר דערציילט מענטשן וועלכע האבן אליין געזען, וואס פאר א שרעקליכן אויסזען ס'האט געהאט די שטאט אין דעם יאר פון דער קאטאסטראפע, ווי אלע קראמען זענען געווען פארשלאסן און אלע געשעפטן האבן זיך אפגעשטעלט, ווי מענטשן האבן זיך ארומגעדרייט אין די גאסן מיט פארוויינטע פנימער, קלאגנדיק אויפן גורל פון זייערע קרובים און מורא האבנדיק פאר זייער אייגענעם גורל.

איך האב געקענט פערזענליך אויך עטליכע פון די, וואס האבן גורם געווען צו דעם אומגליק, די מוסרים אריה און מענקע און דער "כאפער" בערקע, וועמען מ'האט, לויט דעם באפעל פונם פירשט טרובעצקי ארייגעזעצט אין טורמע, האבן זיך אפגעשמדט און ארויס פריי. בערקע האט א לאנגע צייט נאכדעם געוואוינט אין אמטשיסלאוו, וואו ער האט געהאט צוויי פונקציעס: בשעת לויות אדער קירכליכע פראצעסיעס פלעגט ער גיין פאר די גלחים און טראגן די צלמים, און דערצו איז ער נאך געווען א "פארשטשיק" אין קהלה'שן מרחץ.

א בעסערע קאריערע האט שוין געמאכט דער מסור אריה. נאכדעם ווי ער האט זיך אפגעשמדט, איז ער געווארן זייער א פרומער קריסט, האט באזוכט יעדן טאג דעם קלויסטער, און נאכדעם האט מען אים אפילו אויסגעקליבן פאר א "סטאראסטע" אין איינע פון די אמטשיסלאווער קירכן, וועלכע די אידן פלעגן אנרופן "אריה'ס קלויסטער". ער האט געהאלטן אין שטאט א גאסט הויז, וואוהין עס פלעגן געוויינלאך פארפארן באאמטע אדער גוטבאזיצער פון די נאנטע הויפן, און ער האט זיך געמאכט א גרויסן קאפיטאל. צווישן אידן איז ער געווען באקאנט אונטערן נאמען "אריה דער משומד" אין דער צייט ווען זיין קריסטליכן נאמען און פאמיליע האט כמעט קיינער אין שטאט נישט געוואוסט. מערקווירדיק איז אבער, וואס די שטאטישע אידן האבן נישט געטראגן אין הארצן קיין גאר שטארקע שנאה צו דעם דאזיקן מענטשן, וואס האט זיי מיט זיינע מסירות אנגעטאן אזוי פיל שלעכטס און וועלכער האט זיך דערנאך געשמדט.

נישט אזוי גלייכגילטיג האט זיך די אידישע געזעלשאפט באצויגן צו א אנדער מסור, מענקע, וועלכער האט זיך ארויסגעדרייט פון טורמע, נישט שמדנדיק זיך. דער דאזיקער שפיאן האט זיך באשעפטיגט מיט פעלדשעריי, און דעריבער האט מען אים גערופן "מענקע דער רופא". ביי אידן האט ער קיין שום פראקטיק נישט געהאט, און דאס רוב פלעגט ער ארומפארן איבער די דערפער און היילן די פויערים מיט אלטע, "באבסקע" מיטלען, ווי אדער-שלאגן, שטעלן באנקעס א. ד. ג. ער האט געלעבט גאנץ איינזאם, ווי א מענטש וועלכן די אידישע געזעלשאפט האט אריינגעלייגט אין חרם.

מענקעס שייכות צו אידן האט זיך ארויסגעוויזן נאר צוויי מאל יערלאך: אין די אזוי גערופענע "ימים־נוראים" — ראש־השנה און יום־כפור ווען ער פלעגט קומען אין שול אריין און אוועקשטעלן זיך אין צפון־וואנט צווישן דעם פראסטן המון און עפעס בורטשען אונטער דער נאז פון א אפענעם מחזור. מ'האט באלד געקענט באמערקן, אז דער דאזיקער איינגעהויקערטער זקן מיט די ווי ביי א פויער אונטערגעשוירענע און פארקעמטע האר, איז פֿרעמד דעם גאנצן עולם דאוונער, מענקע האט קיינמאל נישט געהאט קיין באציאונגען מיט אידן, וועלכע האבן אים פארהאסט צוליב זיין עבר. דעם געוועזענעם מסור וואלטן בעסער געוואלט זען צווישן פרעמדע, איידער ביי זיך. אינגלאך און מיידלאך אין אמטשיסלאוו פלעגן זינגען איבער די גאסן א לידעלע, וואס האט זיך אנגעהויבן מיט די ווערטער:

"אויף מענקע דעם רופא.
זאל קומען א מגיפה".

נאכדעם ווי עס איז בטל געווארן די "אמטשיסלאווער גזירה", איז ר' איטשעלע מאנאסטירשצינער אראפגעפארן צוריק פון פעטערבורג צו זיך אהיים, וואו עס האט אים ערווארט א גאנץ אומגעווייגליכער כבוד. פון גאנץ ליטע און ווייס־רוסלאנד זענען אויסגעריכט געווארן קיין סמאלענסק דעלעגאציעס פון די חשובסטע אידישע פערזענליכקייטן צו דאנקען אים פאר זיין מסירות־נפשדיקער ארבעט לטובת דעם כלל ישראל. פון דעמאלס אן איז ר' איטשעלע מאנאסטירשצינער געווארן א פערזענליכקייט, ארום וועלכע מען האט דערציילט אן א שיעור מעשיות. פון די פיל מעשיות וועלכע זענען פארשפרייט אין פאלק וועגן דעם, ווי אזוי ר' איטשעלע מאנאסטירשצינער האט געפועלט ביי ניקאלאיען מבטל צו מאכן זיין גזר־דין איבער דער אמטשיסלאווער אידישער קהלה, איז דאס מערסטנס כאראקטעריסטיש די, וואס ס'ווערט דערציילט פון איינעם א אידן אין זיינע זכרונות, און דעריבער גיבן מיר זיי דא איבער:

ר' איטשעלע איז געפארן קיין פעטערבורג נישט גלאט אזוי זיך, אויפן

ווינט. ער האט געוואוסט וואוהין ער פארט און צוליב וואס. אויסער דעם, האט ער געהאט א צוטריט צו די וויכטיגסטע פערזענליכקייטן. ער איז געווען זייער באפריינדעט מיט קאנקרינען אליין, דער ערשטער מיניסטער ביים קייזער. קאנקרין האט ר׳ איטשעלען זייער געליבט, ער האט אים גערופן נישט אנדערש, ווי: ״מיין איטשקע!״ האט אים איבערגעגעבן אלע רעגירונגס־פאדראדן, און פון אים אזוי פיל געהאלטן, אז זייער אפט פלעגט ער זיך מיט אים באראטן וועגן מלוכה־ענינים. קומענדיק קיין פעטערבורג, איז ר׳ איטשעלע פארפארן אין א אכסניה, האט דארט איבערגעלאזט דעם אמטשיסלאווער רב, און אליין איז ער אוועק צו קאנקרינען. קאנקרין האט אים געוויינלאך אויפגענומען מיט גרויס כבוד, האט אים אריינגעפירט אין שענסטן זאל, געבעטן אים זיצן און געפרעגט, וואס ער דארף. ר׳ איטשעלע האט אים דערציילט די גאנצע געשיכטע פון אנהויב ביזן סוף און געבעטן, אים בייהילפיג צו זיין.

קאנקרין האט אים אויסגעהערט, האט שטארק געקנייטשט דעם שטערן און געענטפערט:

— הער זיך נאר איין, איטשקע! דו ווייסט, אז פאר דיר בין איך גרייט אלץ צו טאן. אבער אין דער זאך האב איך נישט קיין שום מעגליכקייט צו העלפן אייך מיט עפעס וואס. דער קייזער ברענט ממש פון צארן ווי א פייער. ער וויל קיין זאך נישט הערן, מ׳טאר אפילו מיט אים וועגן דער זאך נישט רעדן...

ר׳ איטשעלע איז אבער נישט געווען קיין קינד, ער איז פון אזא תשובה נישט צומישט געווארן, ער האט געוואוסט ווי מען דארף רעדן מיט א מאגנאט און האט געזאגט:

— גראף קאנקרין! דאס איז פאר מיר נישט קיין תשובה. וועסטו נאר וועלן, וועסטו שוין געפינען א מיטל דאס צו טאן, און ווען דו וועסט עס טאן זאלסטו געדענקען, אז איך פארבלייב דיין אייביגער בעל חוב, אויף דורי־דורות... פארשטייסט?

קאנקרין, דערהערנדיק אזעלכע ווערטער, האט גענומען ארומגיין איבערן צימער הין און צוריק און קלערן. לאנג האט ער געקלערט, און נאכדעם האט ער געזאגט:

— דער איינציגער, וואס וואלט דא געקענט עפעס טאן, איז דער קרוינפרינץ, נאר ער אליין קען זיך ערלויבן אריינצוגיין צום קייזער. איך וועל פרובן דורכשמועסן מיטן קרוין־פרינץ, אפשר וועט ער זיך פאר אייך אננעמען, ער האט ליב אידן, מארגן וועל איך דיר געבן א תשובה.

מיט דעם איז ר׳ איטשעלע אוועק פון קאנקרינען.

דעם זעלבן טאג אין אוונט, ווי נאר ר׳ איטשעלע האט אפגעדאווענט "מעריב", איז געקומען צו פארן צו אים אויף דער אכסניה קאנקרין אליין און האט געזאגט:

— נו, איטשקע! איר האט א גרויסן ג-ט! דער קרוין־פרינץ האט מסכים געווען איבערצורעדן מיטן קייזער. ער וויל אבער פריער זען דיר און דעם רב, מארגן דריי א זייגער בייטאג קומט צו מיר, און איך וועל אייך אוועקפירן אין פאלאץ.

מ׳קען זיך לייכט פארשטעלן וואס ר׳ איטשעלע מיטן רב האבן יענע נאכט איבערגעלעבט. זיי האבן, פארשטייט זיך, קיין אויג נישט צוגעמאכט און פארבראכט די גאנצע נאכט אין טרערן און תפילות. אויפן אנדערן טאג האבן זיי באשלאסן צו פאסטן. אינדערפרי נאכן דאווענען זענען זיי געגאנגען אין מקוה, האבן אנגעטאן ריינע וועש, קורץ: זיי האבן זיך מכין געווען.

צו דער באשטימטער צייט זענען זיי געקומען צו קאנקרינען, און ער האט זיי אוועקגעפירט אין קייזערליכן שלאס. אויפן וועג האט ער זיי געלערנט ווי אזוי מען דארף זיך באגיין, ווען מען שטייט פאר א קרוין־פרינץ.

נאכדעם ווי ער האט זיי געבראכט אין שלאס, האט ער זיי אריינגעפירט אין א גרויסן פרעכטיגן זאל, האט זיי אוועקגעשטעלט אויפן ארט און

געהייסן ווארטן. אליין איז ער אוועקגעפארן.

ר׳ איטשעלע מיטן רב זענען פארבליבן אין זאל, וועלכער איז געווען פול מיט מיניסטארן און גענעראלן, מיט סענאטארן און גראפן, און אלע שטייען און שוייגן, און ביי דער טיר שטייען צוויי סאלדאטן מיט ענטבלויזטע שווערדן, אויף ר׳ איטשעלען איז אנגעפאלן א גרויסער פחד און ער האט זיך געטרייסלט.

ר׳ איטשעלע האט א קוק געטאן אויפן רב און זעט: דער רב איז געווארן עפעס גאר א אנדערער. פריער איז ער געווען א איינגעהויקערטער, א פארזארגטער, און דא שטייט ער א גלייכער, א הויכער, און זיין בארד איז עפעס ווי לענגער געווארן, און זיין פנים איז בלאס, נאר רואיק, און עפעס ווי פריילאך, באגייסטערט, עפעס ווי ער וואלט זיך אויסגעטאן פון דער וועלט, און זיינע ליפן שעפטשען עפעס שטיל. ר׳ איטשעלען איז נאך געווארן אומהיימליכער און ער האט א פרעג געטאן אין דער שטיל דעם רב: — רבי, איר זאגט "וידוי?"

דער רב האט א שאקל געטאן מיטן קאפ אויף יא. ר׳ איטשעלע האט אויך גענומען זאגן "וידוי". ווי נאר ער האט פארענדיגט זיין וידוי, האט זיך מיטאמאל געעפנט די טיר, און הינטער דער דאזיקער טיר, אין צווייטן צימער, האט זיך געעפנט א אנדער טיר, נאכדעם א דריטע, א פערטע, און אזוי האבן זיך געעפנט כסדר טירן איינע נאך דער אנדערע צוואנציק טירן, און ביי יעדער טיר שטייען צוויי סאלדאטן מיט ענטבלויזטע שווערדן, און בעת ס׳האט זיך געעפנט די צוואנציקסטע טיר, האט זיך אין איר באוויזן דער קרוינפרינץ, אנגעטאן אין א באגילדעטן מונדיר. דאס גאנצע פנים ביי אים האט געלויכטן.

דער קרוינפרינץ איז לאנגזאם דורכגעגאנגען אלע צימערן און אריין אין זאל, וואו עס זענען געשטאנען ר׳ איטשעלע מיטן רב. פון אנהויב האט ער אויסגעוויזן צו זיין קליין, אבער וואס נענטער ער איז געקומען, אלץ העכער און שרעקליכער איז ער געווארן.

— ר׳ איטשעלע! ער רירט דאך נישט אן די ערד... — האט ר׳ איטשעלע פלוצלונג דערהערט הינטער זיך דעם רבס שטילן קול. און ער אליין האט אויך געזען, אז דער קרוינפרינץ גייט, נישט אנרירנדיק די ערד. ביי ר׳ איטשעלען איז אפגעשטארבן געווארן דאס הארץ, און ס׳איז אים געווארן פינסטער אין די אויגן. און דער קרוינפרינץ האט זיך גערוקט אלץ נענטער און נענטער...

— "געבענטשט ביסטו, ג-ט אונזער האר, דער באשעפער פון דער וועלט, וועלכער האט איינגעטיילט פון זיין גרויסקייט א שטערבליכן מענטשן", — האט ר׳ איטשעלע שטילערהייט אפגעזאגט די ברכה, וואס מ׳דארף מאכן בעת מען דערזעט פאר זיך א פערזאן פון דער קייזערליכער פאמיליע, און — איז געפאלן אין חלשות.

בעת ר׳ איטשעלע האט אויפגעעפנט די אויגן, האט ער זיך דערזען ליגנדיק אין א בעט, אין א רייכן און פרעכטיגן צימער, און ארום אים זענען געשטאנען די גרעסטע דאקטוירים מיט רפואות. ר׳ איטשעלע האט זיך דערמאנט אין דעם וואס ס׳האט פאסירט, און האט זיך זייער דערשראקן. א קלייניקייט צו פאלן חלשות פארן קרוינפרינץ אין די אויגן! מער פון אלץ האט געפייניקט ר׳ איטשעלען דאס, וואס ער האט נישט באוויזן איבערצוגעבן דעם קרוינפרינץ זיין בקשה, און צוליב דעם קען איצט פארלוירן גיין א אידישע קהלה. אים איז געווארן ביטער אויפן הארצן און ער האט זיך פונאנדערגעוויינט. דערווייל איז צו אים צוגעגאנגען קאנקרין און האט געזאגט:

— האסט נישט, איטשקע, וואס צו וויינען! אייער ג-ט האט זיך ווידער פאר אייך אנגענומען! אלץ איז געשען צום בעסטן. דער קרוינפרינץ איז נישט בלויז נישט אריין אין כעס, נאר ער איז נאך געווארן שטארק גערירט פון דעם, וואס דו ביסט געפאלן אין חלשות. ער האט וועגן דעם אלץ דערציילט דעם קייזער, און דער קייזער האט געזאגט: "א מענטש, וואס פאלט אין חלשות, ווען ער דערזעט די געשטאלט פון א קייזערליכער פערזאן, וועט קיין ליגן נישט זאגן. ברענגט אים צו מיר!" און דעריבער, ווי

נאר דו וועסט ווערן געזונטער, וועל איך דיר פארשטעלן פארן קייזער אליין, און דו וועסט אים פערזענליך אלץ דערציילן.

גאנצע דריי טעג איז ר׳ איטשעלע אפגעלעגן אין בעט, אין דער צייט האבן אים די דאקטוירים געגעבן פארשידענע טראפנס. און אויפן פערטן טאג איז ער מיט קאנקרינען אוועק צום קייזער... וואס ס׳איז נוגע דעם רב, האט אים ר׳ איטשעלע אפגעשיקט אויף זיינע פערד אהיים; דאס באגעגעניש מיטן קרוינפרינץ האט אזוי געווירקט אויפן זקן, אז ער האט זיך אנגעהויבן פילן זייער שלעכט און זיך גענומען בעטן מ׳זאל אים אפשיקן צו זיך אהיים.

ווי ר׳ איטשעלע האט נאכדעם דערציילט, האט ער זיך פארן קייזער נאך מער דערשראקן, ווי פארן קרוינפרינץ. באזונדערס האט ער זיך דערשראקן פאר זיין שטרענגן בליק. מ׳פלעגט דערציילן, אז ביים קייזער ניקאלאי איז געווען אזא בליק, פון וועלכע די שטארקסטע מענטשן פלעגן פאלן חלשות. נאר א דאנק די טראפנס, וואס ער האט איינגענומען, האט ר׳ איטשעלע געקענט איינשטיין פארן קייזער ניקאלאי.

ווי נאר דער קייזער האט דערזען ר׳ איטשעלען, האט ער אויף אים תיכף א געשריי געטאן מיט כעס:

— ווי האט איר זיך, זשידעס, געוואגט צו דערהרגענען מיין סאלדאט?

דאן האט זיך ר׳ איטשעלע פאר אים טיף פארנויגט און האט געענטפערט:

— גרויסער, מעכטיקער קייזער! די אידן זענען נישט שולדיג אין דעם בלוט פון דיין סאלדאט. מ׳האט אויף זיי געמאכט א בלבול.

— מיינע באאמטע האבן מיר אבער געשריבן, אז די אידן האבן געהרגעט א סאלדאט, איך גלויב מיינע באאמטע!

— גרויסער, מעכטיקער קייזער! — האט אים ר׳ איטשעלע ווידער

געענטפערט — דיינע באאמטע זענען מענטשן, און האבן געקענט א טעות האבן. שיק אראפ פון זיך א הויכן גענעראל, ער זאל אויפן ארט אויספארשן די זאך, און דער אמת וועט אויפגעדעקט ווערן.

דער קייזער האט א ווײלע געשוויגן, ארומשפאצירנדיק מיט א אראפגעלאזטן קאפ איבערן צימער, ווי ער וואלט עפעס באקלערט. פלוצלונג האט ער זיך אפגעשטעלט פאר ר׳ איטשעלען, האט אים אריינגעקוקט גלייך אין די אויגן, אזוי, אז ביי יענעם איז דאס גאנצע בלוט פארגליווערט געווארן אין די אדערן, און האט אים געפרעגט:

— און וואס וועט אבער זיין, ווען דער גענעראל וועלכן איך וועל אראפשיקן, וועט אויך באשטעטיקן אז אידן האבן דערהרגעט א סאלדאט? מיט וואס וועסטו דאן ענטפערן אויף דעם, וואס דו האסט אפגענארט מיך, דיין קייזער?

— גרויסער, אלמעכטיקער קייזער! — האט איהם ר׳ איטשעלע דערויף געענטפערט — מיט וואס קען איך, א קליין ווערימל, ערב זיין פאר דיר, הויכער הערשער? נאר, אז דו פרעגסט, מוז איך ענטפערן.

— אויב ס׳וועט זיך ארויסווייזן, אז איך האב דיך אפגענארט, לייג איך דאן אליין ארויף אויף זיך אזא שטראף: איך האב א פארמעגן פון פינף מאל הונדערט טויזנט רובל, לאז מען דאס אלעס צונעמען פארן מלוכה־אוצר. איך האב זיבן זין — לאז מען זיי אלע אפגעבן אין סאלדאטן, און מיר אליין זאלסטו הייסן שמידן אין קייטן און אוועקשיקן אויף ״קאטארגע״.

דער דאזיקער ענטפער איז, ווי עס ווייזט אויס, געפעלן געווארן דעם קייזער. ער האט זיך ווידער דורכשפאצירט איבערן צימער, דערנאך איז ער צוגעגאנגען צו ר׳ איטשעלען, האט ארויפגעלייגט די האנט אויף זיין פלייצע און גאנץ ווייך געזאגט:

— פאר אהיים: נאך היינט וועט אראפפארן קיין אמטשיסלאוו א גענעראל אויסצופארשן דעם גאנצן ענין. און ווען עס וועט זיך ארויסווייזן, אז די אידן זענען אומשולדיק, מעגסטו זיכער זיין, אז זיי וועלן נישט

באשטראפטווערן. אין דער צייט פון מיין ממשלה האט נאך קיין איין אומשולדיגער נישט געליטן און וועט נישט ליידן.

ר׳ איטשעלע איז נאך דעם זעלבן טאג אפגעפארן אהיים. און יענעם טאג איז ארויסגעפארן קיין אמטשיסלאוו אויך א גרויסער גענעראל, וועמען ס׳איז שטרענג באפוילן געווארן צו דערגיין דעם אמת. דריי וואכן האט געדויערט די אויספארשונג, און ס׳האט זיך ארויסגעוויזן, אז ביי איינעם פון די סאלדאטן האט אומגעריכט אויסגעשאסן זיין ביקס און דערהרגעט א צווייטן זעלנער. די שטראף איז פון די אידן אראפגענומען געווארן, און צום אנדענקען פון דעם דאזיקן טאג האבן זיי איינגעפירט א ארטיקן יום־טוב, וועלכער פלעגט יערלאך געפייערט ווערן אין אמטשיסלאוו ביזן לעצטן טאג. גראד קומט אויס אין יענעם טאג דעם רבס יארצייט. קומענדיק אהיים פון פעטערבורג, האט ער נאך געצויגן א חודש און איז געשטארבן. בשעת זיין קראנקהייט האט ער געוויינט און זיך שטארק אפגעגעסן דאס הארץ, פארוואס ער איז נישט געשטארבן אין קייזערליכן שלאס פאר די אויגן פון קרוינפרינץ. ״דאן וואלט מיין טויט געווען א קידוש השם״, — האט ער פארענדיקט מיט א טיפן קרעכץ.

★ ★ ★

נאך זייער א אינטרעסאנטע מעשה דערציילט מען, וועגן ר׳ איטשעלעס ראלע אין דעם אמטשיסלאווער געשעעניש:

ביי ר׳ איטשעלען אין שטוב האט זיך אויפגעהאדעוועט א קריסטליכע פוילישע מיידל, א יתומה, נאכדעם, ווי איר פאטער, א בונטאוושיק, איז דערשאסן געווארן בשעתן ״מיאטעזש״ אין יאר תקצ״א.

ווען דאס דאזיקע מיידל איז אויסגעוואקסן, איז זי אנגעקומען פאר א פריילין צו דער פרוי פון דעם גראף טאטישטשעוו, א מקורב פון ניקאלאי דעם ערשטן. נאכדעם, ווי ס׳האט פאסירט דאס אמטישסלאווער אומגליק, האט זיך ר׳ איטשעלע גלייך געווענדעט צו דער דערמאנטער פריילין, זי זאל פועלן ביי טאטישטשעוון, ער זאל זיך אננעמען פאר די אידן. דאס פריילין

האט אבער געענטפערט, אז זי קען אין דעם גארנישט טאן, ווייל גראף טאטישטשעוו איז א גרויסער שונא ישראל.

— די איינציקע, — האט דאס פריילין געזאגט, — וואס קען ווירקן אויף טאטישטשעוון, איז נאר זיין פרוי, וועלכע ליבט זייער בריליאנטענע צירונג.

ר׳ איטשעלע האט זיך איבערגעטאן און פארשטעלט פאר א סוחר, האט גענומען א פאר בריליאנטענע אוירינגלאך, וואס קאסטן פופציק טויזנט רובל, האט זיי אוועקגעטראגן דער גרעפין און פארגעלייגט, אפשר וויל זי זיי קויפן.

אז די גרעפין האט דערזען די אוירינגלאך, איז זי פארטרייסלט געווארן און האט געפרעגט:

— וויפל פארלאנגסטו פאר די אוירינגלאך?

— פינף טויזנט רובל, — האט געענטפערט ר׳ איטשעלע, — נאר ווייל דו ביסט א פרוי, וויל איך דיר נישט פארקויפן די בריליאנטן, סיידן דיין מאן זאל זיי פריער זען. איך לאז זיי איבער. ווייז זיי דיין מאן, און דערנאך וועל איך אהער אריינגיין און וועל שוין מיט אים דורכקומען.

בעת גראף טאטישטשעוו איז געקומען און די פרוי האט אים באוויזן די אוירינגלאך און אים געזאגט דעם מקח, האט ער באלד אויסגעשריגן:

— דאס שמעקט מיט שוחד! די אוירינגלאך דארפן קאסטן פופציק טויזנט רובל. איך וויל זיי נישט קויפן.

פון א פרוי קען מען זיך אבער אזוי לייכט נישט ארויסדרייען. זי האט אזוי לאנג און אזוי ברייט געבעטן דעם גראף און צוגעשטאנען צו אים, ביז ער האט מסכים געווען אויפצונעמען ר׳ איטשעלען.

ווען ר׳ איטשעלע איז געקומען, האט אים דער גראף שטרענג א פרעג געטאן:

— וואס פארלאנגסטו?

— איך פארלאנג, — האט געענטפערט ר׳ איטשעלע — דו זאלסט אויסהערן פון מיר נאר דריי ווערטער.

— נו, רייד, אבער נאר צוויי ווערטער, נישט מער!

דאן האט אים ר׳ איטשעלע אונטערגעטראגן די אוירינגלאך און ארויסגערעדט אויפן קול:

— העלף אידן!

דער גראף האט צוגענומען די אוירינגלאך און געזאגט:

— זיי וויסן, אז איך בין א גרויסער שונא פון אידן. נישט אומזיסט רופט מען מיך טאטישטשעוו. ווייל איך קום ארויס פון טיטוסן. וואס קען איך אבער טאן, נאכדעם, ווי אייער גרויסער ג־ט האט וועגן אייך געזאגט: ״וגם בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלותם להפר בריתי אתם״ (און אויך ווען זיי געפינען זיך אין לאנד פון זייערע פיינט, האב איך זיי נישט פארמיאוסט און נישט פאראכט, אז איך זאל זיי פארלענדן און צושטערן מיין בונד מיט זיי) זאג, מיט וואס קען איך אייך העלפן?

דאן האט ר׳ איטשעלע אים דערציילט פון אנהויב ביזן סוף די גאנצע אמטשיסלאווער געשיכטע. דער גראף האט אים אויסגעהערט אויפמערקזאם און נאכער זיך אפגערופן:

— דער איינציקער, וואס קען דיר העלפן, איז נאר דער קרוינפרינץ. איך וועל מיט אים איבעררעדן.

טאטישטשעוו האט איבערגערעדט מיטן קרוינפרינץ. דערנאך האט ער צו זיך געשיקט רופן ר׳ איטשעלען און צו אים געזאגט:

— דער קרוינפרינץ האט מסכים געווען דיר צו העלפן, און האט באשלאסן דאס צו טאן אויף אזא אופן: ווייל מ׳קען מיט דעם קייזער נישט

רעדן גלייך וועגן דעם דאזיקן ענין ווייל ער איז אויף די אידן זייער אויפגעבראכט, וועט זיך דעריבער דער קרוינפרינץ מאכן קראנק, און איך וועל זיצן ביי זיין בעט און שמועסן מיט אים. און בשעת דער קייזער וועט אים אריינגיין מבקר חולה זיין און פרעגן, וועגן וואס מיר שמועסן, וועט אים דאן דער קרוינפרינץ דערציילן דעם גאנצן אמת וועגן דעם דאזיקן געשעעניש און אים בעטן באגנעדיקן די אידן. און כדי דו זאלסט וויסן וועגן וואס מ׳וועט רעדן און וואס דער קייזער וועט ענטפערן, וועל איך דיר אוועקשטעלן ערגעץ הינטער דער טיר.

און אזוי איז טאקע געווען, דער קרוינפרינץ האט זיך געמאכט קראנק און זיך ארייגעלייגט אין בעט. טאטישטשעוו האט זיך לעבן אים געזעצט, און ר׳ איטשעלען האט ער אוועקגעשטעלט הינטער דער טיר. דער קייזער איז געקומען מבקר חולה זיין דעם קרוינפרינץ, און אים געפונען אין א שמועס מיט טאטישטשעוון.

— וועגן וואס רעדט איר דאס? — האט דער קייזער א פרעג געטאן.

דאן האט אים דער קרוינפרינץ דערציילט די גאנצע זאך און געזאגט, אז די אידן זענען נישט שולדיג, און אז נאר אומזיסט האט ער זיי באשטראפט.

— עס מאכט נישט אויס! — האט געענטפערט דער קייזער — ווען זיי זענען אפילו היינטיקס מאל אומזיסט באשטראפט געווארן: ס׳וועט ביי זיי נישט פארלוירן גיין!

הערנדיק דאס, האט זיך דער קרוינפרינץ פונאנדערגעוויינט און גענומען בעטן דעם פאטער, ער זאל שענקען די אידן זיין גענאד.

— אלע ״זשידעס״ צוזאמען זענען נישט ווערט, אז דו זאלסט זיך צוליב זיי אפעסן דאס הארץ און זיך קאליע מאכן דאס געזונט. טו מיט זיי, ווי דו פארשטייסט.

דער קייזער איז שנעל ארויס פון צימער, צוקלאפנדיק הינטער זיך די טיר, ווי מיט כעס. ווען ער האט געעפנט די טיר, האט זיך ר׳ איטשעלע

ארויסגערוקט. דער קייזער האט אים נישט באמערקט; ר׳ איטשעלע האט זיך אבער אזוי דערשראקן, אז ער איז געפאלן אין חלשות.

נאך דעם האט דער קרוינפרינץ אראפגעשיקט דעם ערשטן מיניסטער, אורוסאוו האט ער געהייסן, קיין אמטשיסלאוו. ער האט אויסגעפארשט די זאך און איז דערגאנגען, אז מ׳האט אויף די אידן געמאכט א אומזיסטן בלבול. דאן האט ניקאלאי זיי אלעמען מוחל געווען.

ביז אהער — אלע מעשיות. אזוי צו אזוי, דער פאקט איז, אז אויב די אמטשיסלאווער אידישע קהלה איז געראטעוועט געווארן פון דער גרויסער געפאר וואס איר האט געדראהט, האט זי עס געהאט צו פארדאנקען בלויז דער ענערגישער השתדלות פון ר׳ איטשעלע מאנאסטירשצינער.

## צענטער קאפיטל:
# ליטמאן פייגין

שנעלע פאסט פערד — דער קוטשער פון קייסער — א גאלדענער רונג פון קייסער — דער בלבול אויף דעם ישובניק מיט זיינע איידעמס —ביידע דאקטוירים אידן — פייגין זוכט ראיות — דער ווידוי פארן גלח — פייגין פאהרט קיין פעטערבורג ביז איבער פסח — אויסטערלישע רעקאמענדאציע בריוו — שארפע אויסדריקן — איבערגעדרייט דאס רעדל



דער שמש וועקט מיטן האמער צו גיין אין שוהל

# ליטמאן פייגין

מיט הונדערט און פופציג יאר צוריק איז ביי די רוסישע אידן געווען שטארק פאפולער די טשערניגאווער פאמיליע פייגין. דאס הויז פון דעם אלטן ר׳ לייוויק פייגין האט ג׳שמ׳ט פאר א נעסט פון תורה, פון עשירות און צדקה. ר׳ לייוויק האט געפירט גרויסע געשעפטן אלס פאדראטשיק, וועלכער האט געליפערט דעם גאנצן פראוויאנט פאר דעם רוסישן מיליטער פונם דרום־מערב־קאנט. צוליב דעם איז ער כמעט שטענדיג געזעסן אין קיעוו, וואו ער האט געהאט צו טאן מיט די גרעסטע גענעראלן. אליין א איד א למדן און א ירא שמים, האט ער אין דעם זעלבן גייסט געוואלט דערציען אויך זיינע צוויי זין, פאר וועלכע ער פלעגט שטענדיק אראפברענגען מלמדים פון ליטע. איבערצייגנדיק זיך דורך זיין אייגענער דערפארונג, אז זיינע געשעפטן וואלטן געהאט פיל מער דערפאלג, ווען ער וואלט באזעסן וועלכע עס איז וועלטליכע קענטענישן, האט ער די זין געגעבן לערנען רוסיש און חשבון, נישט קוקנדיק אויף דער אומצופרידנהייט, וואס דאס האט ארויסגערופן ביי די פרומע טשערניגאווער אידן. אז זיין עלטערער זון ליטמאן, איז אונטערגעוואקסן און געווארן אכצן יאר האט ער אים אנגעהויבן צו באנוצן צו זיינע געשעפטן. ער פלעגט אים גאנץ אפט שיקן אנשטאט זיך קיין קיעוו, אייניקע מאל, זומער צייט, איז ער מיטגעפארן מיט דעם מיליטער אויף מאנעווערעס, און יעדעס מאל פלעגט ער קומען צו זיך אהיים מיט די שענסטע אויסצייכענונגען פון דעם הויפט קאמאנדיר. פון טאג צו טאג האבן זיך אלץ מער ארויסגעוויזן ליטמאנס געשעפטליכע פעאיקייטן, און דאס האט געבראכט דערצו, אז אינגיכן האט ער פארטראטן דעם פאטער אין אלע זיינע געשעפטן. דורך זיין גרויסער באקאנטשאפט מיט פארשידענע רעגירונגס־באאמטע אין קיעוו האט זיך אים איינגעגעבן צו באקומען אין ארענדע אויף צען יאר די פאסט אין גאנץ וואלינער און טשערניגאווער גובערניע. ער האט פארשטאנען די ביז אהער דארט

אפגעלאזענע פאסט אוועקצושטעלן אויף אזא הויך, אז ער איז שוין אין א יאר ארום געווארן באשאנקען פון דער רעגירונג מיט א גאלדענעם מעדאל פאר "פלייס".

אין א קורצער צייט ארום האט פאסירט א צופאל, דורך וועלכן דער יונגער ליטמאן פייגין איז גאנץ אומגעריכט נתעלה געווארן. אין א געוויסן טאג האט ער זיך דערוואוסט, אז אנהויב הערבסט דארף ניקאלאי באזוכן קיעוו. אין יענער צייט איז נאך אין רוסלאנד קיין אייזנבאן נישט געווען, און דער קייזער האט געמאכט זיינע נסיעות מיט פערד, וועלכע ער האט געביטן אויף יעדע פאסט־סטאציע. געוויינליך האט מען פאר ניקאלאי שטענדיג אנגעגרייט די בעסטע פערד. אזוי ווי דער וועג פון פעטערבורג קיין קיעוו איז געגאנגען דורכן טשערניגאווער טראקט, וואו פייגין האט געהאלטן די פאסט, האט ער, כדי צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון קייזער, אנגעהויבן נאך מיט א צייט פריער צו ברענגען די סטאציעס אין דער בעסטער ארדנונג, ער האט ממש געשאטן מיט געלט און אויסגעזוכט די שענסטע פערד, און אלע פון איין מאסט, פון איין וואוקס און פון איין פלינקייט. ער האט זיך אפגעריסן פון אלע זיינע געשעפטן און זיך אפגעגעבן אינגאנצן נאר דער פאסט. ער איז אליין ארומגעפארן איבער אלע סטאציעס, האט אומעטום אויסגעטיילט פאראדענונגען וועגן דער באפוצונג פון די פארשידענע בנינים, האט נישט געקארגט קיין הוצאות און געצאלט פאר אלץ מיט דער פולער האנט. עס איז נאך געבליבן א חודש צום טערמין, אויף וועלכן עס איז באשטימט געווארן דעם קייזערס נסיעה, און פייגין האט שוין פארענדיקט זיין גאנצע ארבעט און איז געקומען צוריק אהיים קיין טשערניגאוו.

עס איז גראד דאן געווען א פריאיקער און זייער נאסער הערבסט. נאך פאר סוכות האט אנגעהויבן רעגענען, און פון דעמאלט אן האט געגאסן כסדר, ווי מיט עמערס. די זאמדיקע וועגן זענען פארוואנדלט געווארן אין טיפע זומפן, ערטער ווייז האבן זיך געבילדעט גאנצע טייכן, ערטער ווייז האבן זיך אויפגעטורעמט בערגלאך בלאטע, און דאס אלץ האט זייער באשווערט די באוועגונג. אלע האבן גערעכנט, אז צוליב דעם וועט דער

קייזער אפלייגן זיין נסיעה אויף א געוויסער צייט. עס איז אבער נישט אזוי געוועזן דער פאל.

איינמאל, דאס איז געווען חול המועד סוכות, האט פייגין דערהאלטן א איינלאדונג פון גובערנאטאר, וועלכער האט אים דערציילט, אז דער קייזער געפינט זיך שוין הינטער האמעל, אבער פון דארט קען ער בשום אופן נישט פארן ווייטער, ווייל וועלכע פערד מען שפאנט נאר איין צו זיין עקיפאזש, בלייבן זיי שטעקן אין זומפ און ווילן זיך נישט רירן פון ארט. מען האט שוין אראפגעבראכט די בעסטע פערד פונם פירשט פאסקעוויטשעס גיטער און פון אנדערע פריצישע הויפן, און עס העלפט נישט, זיי גייען אפ עטליכע וויארסט און שטעלן זיך אפ, בכן — אזוי האט פארענדיקט דער גובערנאטאר — וואלט אפשר געווען א פלאן, אז ער, פייגין, זאל פרובן ארויסשיקן דעם קייזער פון זיינע פערד, וועגן וועלכע ער האט געהערט דערציילן וואונדער. די פאסט פון האמעלער ראיאן האט אפילו אנגעהערט צו א אנדער ארענדאטאר, א קריסט, דאך האט זיך פייגין באלד אנגעכאפט אין דעם גובערנאטארס פארשלאג, האט אויסגעקליבן עטליכע פון זיינע בעסטע פערד, און ער האט זיי אליין אפגעפירט אהין, וואו דער קייזער איז געבליבן שטיין מיט זיין סוויטע.

מיט א בריוו אין האנט פון דעם טשערניגאווער גובערנאטאר צו דעם קאמענדאנט, וואס האט אנגעפירט מיט דעם קייזערס נסיעה, איז פייגין אנגעקומען אין דעם גוט, וואו ניקאלאי האט זיך אפגעשטעלט. אין זיין בריוו האט דער גובערנאטאר געשריבן, אז פייגינס פאסט פערד פאררעכענען זיך פאר די בעסטע אין גאנצן קאנט, און ער איז דעריבער זיכער, אז זיי וועלן זיך שטארקן איבער די גרעסטע וועג־שוועריקייטן. אויף דעם האט פייגין אליין צוגעגעבן מיט א שמייכל, אז זיינע פערד זענען אזעלכע, וואס לאזן זיך אנטרייבן נאר פון זייער אייגענעם בעל הבית, און דעריבער וואלט געווען צוועקמעסיק, ער זאל זיצן צוזאמען מיטן קוטשער אויף די "קאזלעס" פון דעם קייזערליכן עקיפאזש.

דער קאמענדאנט האט זיך דורכגעשמועסט מיט עטליכע הויכע-באאמטע, וועלכע האבן זיך בשעת מעשה געפונען ביי אים אין

צימער, און נאכער האט ער דערקלערט פייגינען, אז אזוי ווי דעם קייזער וועט געוויס זיין אומאנגענעם צו זען פאר זיך א אידן אויף די "קאזלעס" דעריבער ראט ער אים צו פארשטעלן זיך צייטווייליג פאר א קריסטליכן קוטשער, און אויב זיינע פערד וועלן באמת מצליח זיין מער פון די אנדערע, די פריערדיקע, וועט ער אים דאן צושטעלן צו א הויכער "גאגראדע".

פייגין, ביי וועמען די זאך איז שוין אריין אין אמביציע, האט דערצו מסכים געווען. ער איז באלד אוועק אין דעם נאנטן דארף, פון וועלכן ער איז אין א קורצע ווייל ארום געקומען פארקליידט ווי א פויער. דאן האט ער ארויפגעווארפן אויף זיך דעם ליווריי פונם קייזערליכן קוטשער, וואס דער קאמענדאנט האט אים געגעבן, און נישט ווערנדיק דערקענט פון די ארומיקע, האט ער איינגעשפאנט זיינע פערד צו ניקאלאיס עקיפאזש.

עס איז שוין געווען פארנאכטליך, ווען דער קייזערליכער צוג האט זיך גערירט פון ארט. ווי נאר דער קוטשער האט אויפגעהויבן זיין בייטש איבער די פערד, האבן זיי זיך אזוי צויאגט, אז נישט קוקנדיק אויף די בלאטעס מיט די גריבער, זענען זיי געפלויגן ווי אדלערס, און אפלויפנדיק אין איין אימפעט א גאנצע נאכט, האבן זיי שוין אויף מארגן פארטאג געבראכט דעם קייזער קיין טשערניגאוו. ניקאלאי איז געווען אויסער זיך פון די פערד, און האט אויסגעדריקט זיין באוואונדערונג און זיין דאנק דעם טשערניגאווער גובערנאטאר. ערשט דורך זיין שמועס מיטן גובערנאטאר איז אים די זאך אויפגעקלערט געווארן און ער האט דאן פארלאנגט, מ'זאל פאר אים פארשטעלן פייגינען. ווען פייגין איז אריין, אין די אייגענע, אידישע קליידער, האט אים ניקאלאי א קלאפ געטאן מיט דער האנט אויפן פלייצע און א זאג געטאן:

— "מאלאדיעץ!"

נאך מער תקיפער איז פייגין געווארן ביי ניקאלאיען, נאכדעם ווי ער האט אים אויף זיינע פאסט־פערד צוגעשטעלט קיין קיעוו צו דער רעכטער צייט אן קיין שום פארשפעטיקונג. אין עטליכע וואכן ארום האט ער באקומען דורכן טשערניגאווער גובערנאטאר צוגעשיקט פון פעטערבורג א

גאלדענעם רינג מיט א אלערהעכסטן דאנק.

פון יענעם מאמענט אן האט די רוסישע רעגירונג ארויסגעוויזן פייגינען פיל התקרבות. זי האט אים אפגעגעבן אין פאדראד אוסצובויען פארן מיליטער אייניקע קאזארמעס מיט שפיטאלן. אויסער פארשידענע פראוויאנט־ליפערונגען פאר דער ארמיי. פון די דאזיקע פאדראדן האט פייגין אנגעקליבן א גרויסן קאפיטאל און איז זייער רייך געווארן. ער האט דאן אוועקגעשטעלט· זיין טשערניגאווער הויז אויפן העכסטן אריסטאקראטישן שטייגער. דער גובערנאטאר און אנדערע הויכגעשטעלטע פערזאנען פון שטאט זענען געווען פון זיינע שטענדיקע געסט. געראטן אין פאטער האט ער אויך געגעבן פיל געלט אויף צדקה פאר אידישע און נישט אידישע צוועקן. באזונדערס האט ער זיך געזען אויספיינען פאר "נאטשאלסטווע" אלס גרויסער רוסישער פאטריאט. ער האט געגעבן די גרעסטע נדבות פאר פארשידענע באדערפענישן פון דער מלוכה. אין דער צייט פון דער כאלערע האט ער אויסגעבויט אויף זיין חשבון באראקן פאר דער באפעלקערונג, האט געגעבן האלץ פון זיינע וועלדער פאר אפגעברענטע פויערים, און האט אזוי ארום באקומען א נאמען פון א גרויסן רוסן־פריינט פילאנטראפ.

פייגין איז נאך דאן גאנץ יונג געווען, קוים דרייסיק יאר אלט. פירנדיק א אידישן שטאט, איז ער דאך מער אויסגעמישט געווען מיט קריסטן, און באזונדערס מיט דער באאמטן־וועלט, מיט וועלכע ער איז געשעפטליך געווען פארבונדן. אין אידישע קהלה זאכן האט ער זיך ווייניק־וואס געמישט, ביז עס האט געטראפן א צופאל, דורך וועלכן ער איז געווארן מיט דער צייט איינער פון די גרעסטע שתדלנים, וועלכע דאס רוסישע אידנטום האט ווען עס איז געהאט.

נאך אין די לעצטע יארן פון אלעקסאנדער דעם ערשטנס רעגירונג האט שוין די לאגע פון די אידישע ישובניקעס אנגעהויבן ווערן זייער קריטיש. די "פריצים" פון איין זייט און די פויערים פון דער אנדערער זייט האבן גענומען שטארק דריקן זייערע אידישע שכנים. פאר יעדע שווערקייט אין דעם דארפישן לעבן, פאר דער נישט־געראטנקייט פון די פעלדער, פאר דער

ארעמקייט פון די פויערים, פאר דער קלענסטער אומארדנונג פון די פארשידענע שטייערן, — פאר אלץ האט מען געמאכט פאראנטווארטליך נאר דעם אידישן קרעטשמער, אדער דעם אידישן קרעמער. אין יעדן דארף האבן זיך שוין געפונען געוויסע העצער, וואס האבן אגיטירט די פויערים קעגן די אידן, און דער פועל־יוצא דערפון איז געווען, אז עס זענען געפלויגן מסירות אויף די אידישע קרעטשמערס צו די גובערנאטארן, און אמאל אויך העכער, ביז קיין פעטערבורג. גאנץ אפט פלעגן פון די גובערניעס אראפפארן אין די דערפער רעוויזארן, אויסצופארשן אויפן ארט די פויערישע טענות קעגן די אידן. כמעט שטענדיק פלעגן זיך די באשולדיקונגען ארויסווייזן פאר נישט ריכטיק, דאך האבן די רעוויזארן אין זייערע אפגעגעבענע ראפארטן אונטערשטיצט די מיינונג, אז די אידן זענען נישט קיין נוצליכע עלעמענטן אין די דערפער, און אז דאס איז עלול ארויסצורופן רייבונגען צווישן זיי מיט די פויערים.

די דאזיקע מיינונג איז אונטערגעכאפט געווארן פון די העכערע רעגירונגס־ספערן אין פעטערבורג, וואו ס׳האט שוין געשוועבט דער אנטיסעמיטישער גייסט פון ניקאלאי דעם ערשטן, און שטיצנדיק זיך אויף איר, האט מען גענומען זוכן פלענער, ווי צו באזייטיקן אידן פון די דערפער. די זאך איז איבערגעגעבן געווארן א באזונדער קאמיסיע, וועלכע האט געדארפט אויסארבעטן א געזעץ וועגן דעם וואוינרעכט פון אידן ״אויפן לאנד״. צווישן אידן האבן זיך דאן פארשפרייט קלאנגען, אז לויט דעם נייעם געזעץ וועט געגנוג זיין ארויסצוטרייבן א אידן פון א דארף, אפילו נאר ווען צוויי פויערים וועלן באשטעטיקן, אז ער איז פאר זיי שעדליך. אין א סך שטעט, באזונדערס אין ליטע און ווייס רוסלאנד, וואו א מאסע אידן האבן געוואוינט אין די דערפער, האט קהל אפגעהאלטן אסיפות, אין וועלכע ס׳איז באקלערט געווארן די פראגע, וואס צו טאן, כדי די דאזיקע שרעקליכע גזרה אפצווענדן. ס׳איז געבליבן, אז די קהלות זאלן זיך פאראייניקן און צוזאמען שיקן וועגן דעם ענין א דעפוטאציע פון אנגעזעענע אידן קיין פעטערבורג.

דערווייל האט מען זיך וועגן דעם נייעם געזעץ, וואס האלט זיך אין

אויסארבעטן, דערוואוסט אויך אין די פריצישע קרייזן, און דורך זיי איז די זאך אין טייל ערטער דערגאנגען אויך צו די פויערים. צווישן די לעצטע האבן זיך געפונען אזעלכע וואס האבן זיך נישט געקענט דערווארטן אויפן דעקרעט, און דערווייל וואס־ווען שוין אנגעהויבן מאכן בלבולים אויף אידן און ארויסזעצן זיי פון די דערפער. אזוינע צופאלן האבן פאסירט באזונדערס אין עטליכע דערפער פון טשערניגאווער גובערניע. וואו די פויערים זענען דאס רוב "סטאראבריאדצעס" וועלכע זענען פון לאנגע יארן אנגעזאפט מיט שנאה צו אידן.

אזא פאקט איז פארגעקומען אויך אין א דארף הארט ביי טשערניגאוו. אין יענעם דארף האט צענדליקער יארן נאכאנאנד געוואוינט א איד א ישובניק, א גאנץ רייכער און א מטופל מיט א גרויסע פאמיליע. ער אליין האט געהאלטן אין ארענדע די קרעטשמע, און פון זיינע צוויי איידעמס האט איינער געהאט א קראם און דער צווייטער א פאבריק פון סמאלע. די דאזיקע אידישע פאמיליע האט שטענדיק געלעבט מיט די דארטיקע פויערים "סטאראבריאדצעס" בשלום. די פויערים האבן שטענדיק געוואוסט צו שעצן דעם אידישן קרעטשמער מיט זיינע איידעמס פאר דער גרויסער פרנסה, וואס זיי ברענגען אריין אין דארף.

ס'האט אבער אמאל געדארפט פאסירן, אז דער "וואיט" וועלכער איז געווען דעם ישובניק א גרויסער בעל־חוב פון יארן לאנג, איז צו אים געקומען בעטן א נייע הלואה און נישט באקומען און איז דעריבער אויף אים געווארן שרעקליך אויפגעבראכט. פון דעמאלס אן האט דער "וואיט" אנגעהויבן אונטער גראבן דעם ישובניק מיט זיין פאמיליע, פריער אין דער שטיל און דערנאך בגלוי. ער האט געררייצט קעגן אים די פויערים, ער האט אויף אים געשיקט מסירות אין דער גובערניע, און אז דאס אלץ האט נישט געהאלפן, ווייל דער ישובניק איז געווען אין דער גאנצער געגנד ביי אידן און ביי קריסטן, באקאנט פאר א העכסט ארנטליכן מאן, האט ער אים אפגעטאן א טייוולאנישן שפיצל. ער איז אריין שפעט ביינאכט אין דערבייאיקן קלויסטער, האט דארט אראפגעריסן די צירונגען פון עטליכע צלמים, האט די ענטבלויזטע ערטער פארשמירט מיט פעך, און דורך א

קליין פענסטערל האט ער די צירונג אריינגעווארפן אין דעם קעלער פון דער סמאלע־פאבריק, און אויף מארגן גאנץ פרי איז ער אליין געלאפן קיין טשערניגאוו און געמאכט א ליארעם, אז עס איז בארויבט געווארן דער פראוואסלאוונער קלויסטער, און אז די רויבער זענען נישט קיין אנדערע, ווי נאר דער ישובניק מיט זיינע איידעמס, וועלכע זענען די גרעסטע פיינט פון דער קריסטליכער אמונה.

פון טשערניגאוו זענען תיכף אראפגעשיקט געווארן אין דארף עטליכע זשאנדארמען מיט א אפיציר, וועלכע זענען באלד צוגעפארן צו דער קרעטשמע, האבן געמאכט א רעוויזיע אין אלע ווינקאלאך, און נאכדעם, ווי זיי האבן דארט גארנישט געפונען, זענען זיי אוועק צו דעם ישובניקס איידעמס, און האבן ביי זיי אזוי לאנג געזוכט, ביז זיי האבן אנטפלעקט די צירונג אין דער פעך־פאבריק. אין די מינוט האט מען געשמידט אין קייטן דעם ישובניק מיט זיינע איידעמס מיט זייערע פרויען און מ׳האט זיי אפגעפירט קיין טשערניגאוו און אריינגעזעצט אין טורמע.

דאס דאזיקע געשעעניש האט ארויסגערופן א שטארקע אויפרודערונג צווישן די אידן פון דער גאנצער געגנט. באלד פון דער ערשטער מינוט אן זענען אלעמענס אויגן געווען געווענדעט צו פייגינען, אז ער, אלס אויסגעמישטער מיט נאטשאלסטווע און אלס א גרויסער מקורב צום גובערנאטאר, וועט געוויס קענען ארויסראטעווען די ארעסטירטע. פייגין האט זיך נישט געלאזט בעטן, ער איז געווען וועגן דעם ענין וואו מען דארף, ער האט אפגעשלאגן די שוועלן ביי אלע טשערניגאווער ביוראקראטן, אבער אומעטום האט ער באקומען די איין תשובה, אז דא אויפן ארט קען מען גארנישט מאכן, און אז דאס ווענדט זיך שוין בלויז אין פעטערבורג. פייגינען האט אבער די תשובה נישט אפהענדיק געמאכט, ס׳האט אין אים גענומען רעדן דאס הייסע אידישע הארץ, וואס האט אים נישט געלאזט איינזיצן רואיק אויף זיין ארט, ווען א גאנצע אידישע פאמיליע שמאכט אין טורמע צוליב א בלבול. ס׳האט ביי אים אויפגעבליצט דער געדאנק צו ווארפן זיינע געשעפטן און צו לויפן קיין פעטערבורג.

פאַר זיין אָפּפאָרן קיין פּעטערבורג האָט זיך פייגין געוואָלט באַזאָרגן מיט רעקאָמענדאַציעס צו דאָרטיקע געוויסע הויכגעשטעלטע פּערזאָנען. צווישן אַנדערע איז ער אַריין צום הויפּט דאָקטאָר פון דעם מיליטערישן שפּיטאָל, וואָס ער האָט אויסגעבויט אין טשערניגאָוו. דאָס איז געווען אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, אַ גענעראַל מיט אַ סך אָרדנס אויף דער האַרץ, מכח דעם דאָזיקן גענעראַל האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען אין טשערניגאָוו, אַז ער שטאַמט פון אידן, קיינער האָט דאָס אָבער נישט געקענט זאָגן אויף באַשטימט. ווען פייגין איז איצט אַריין צום גענעראַל און האָט אים דערקלערט דעם צוועק פון זיין באַזוך, האָט ער דערזען, אַז פון זיינע אויגן קייקלען זיך טרערן... גאַנץ דערשטוינט איז פייגין געבליבן שטיין אַן ווערטער אויף זיין אָרט. דאַן האָט אים דער גענעראַל אַריינגעפירט אין אַ הינטערשטן צימער און צו אים געזאָגט:

— איך און איר און דער ישובניק, וואָס פייניגט זיך דאָ אין טורמע, זענען מיר אַלע אידן... וואָס ליידן... איר וואונדערט זיך?

אויף דעם האָט אים פייגין געענטפערט:

— מ׳זאָגט שוין אויף אייך לאַנג, אַז איר שטאַמט פון אידן, מיר האָט זיך דאָס אָבער נישט געגלויבט, ווייל דאָס איז אין אייך גאַרנישט צו אָנמערקן, איר זענט דאָך אונז אַזוי ווייט און פרעמד...

— נישט איך שטאַם פון אידן — האָט זיך דער דאָקטאָר אָפּגערופן — נאָר איך בין אַ איד, אַ קורלענדער איד, איך האָב זיך קיינמאָל נישט געשמדט, פרעמד בין איך פון אידן, ווייל איך מוז מיך פאַרשטעלן.

דערביי האָט אים דער דאָקטאָר דערציילט, אַז זיינער אַ באַקאַנטער קורלענדער באַראָן האָט אים מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק פאַרגעשטעלט פאַר אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, בשעת ער איז אַדורכגעפאָרן ריגע, אַלס גוטן אין פראַנקרייך אויסגעבילדעטן כירורג, און דער רוסישער קייזער, נישט קימערנדיק זיך וועגן זיין גלויבן האָט אים אַריינגענומען אין דער אַרמיי אויף אַ ערשטקלאַסיגן מעדיצינישן אמט, און

די דאזיקע תשובה האט פייגינען דערשיטערט. ער האט פארשטאנען, אז פארן "וויאט" וועט די זאך בסוד נישט בלייבן און אז ער וועט געוויס שטעלן פאלשע עדות, און דאן איז דער איד א פארפאלענער. ער האט ארויסגעגעבן זיין מיינונג און האט אויף דעם צוגעגעבן אין א ענערגישן טאן:

— איר זעט דעם דאזיקן גאלדענעם רינג? דאס האב איך פון קייזער א מתנה. אזעלכע מתנות גיט מען נישט אבי וועמען. צו זיי זענען זוכה בלויז די, צו וועמען מ'האט צוטרוי. אין נאמען פון דעם צוטרוי, וואס אונזער גרויסער, אלמעכטיקער קייזער האט צו מיר, שווער איך, אז די גאנצע מעשה מיטן אידישן קרעטשמער איז נאר א נקמה־אקט פון א שונא־ישראל.

— און דו קענסט עס באווייזן מיט ראיות? — האט אים בעקענדארף געפרעגט.

פייגין האט נישט באלד געענטפערט. באמת האט ער דאך קעגן דעם "וויאט" קיין שום באווייזן נישט געהאט, בלויז דער שכל האט אים מחייב געווען, אז דאס איז נאר דעם וויאטס א שטיקל ארבעט. ער האט אבער א זאג געטאן:

— יא! ראיות האב איך אויף דעם גאר א סך...

— אויב אזוי, — האט בעקענדארף געזאגט — פאר אהיים, די אויספארשער וועלן דיך שוין ארויסרופן.

קומענדיק צוריק קיין טשערניגאוו, האט פייגינען גענומען שטארק פייניגן די פראגע: מיט וואס און ווי אזוי וועט ער קענען איבערצייגן די אויספארשער, אז דאס איז מער נישט ווי א בלבול מצד דעם "וואיט", אין דער צייט וואס ער האט נישט אין דער האנט קיין שום קאנקרעטן פאקט? בלויזע ווערטער וועלן דאך דא גארנישט העלפן.

אמאל, פארנאכט, איז פייגין אריין צום מיליטערישן דאקטאר און האט זיך מיט אים מיישב געווען וואס צו טאן.

איצט, אין ניקאלאיס צייטן, מוז ער זיך פארשטעלן, כדי נישט ארויסצוגעבן זיין אידישקייט.

— צוזאמען מיט מיר — האט דער גענעראל פארענדיקט — האט אלעקסאנדער דער ערשטער, לויט דער רעקאמענדאציע פון דעם זעלבן באראן, ארויסגעשריבן פאר דער ארמיי אויך א צווייטן איד, א מיטויער, מיינער א קאלעגע, וועלכער איז א בארימטער מעדיקער. אט צו דעם חבר, וועלכער וואוינט אין פעטערבורג און פארנעמט היינט אונטער דער רעגירונג פון ניקאלאי דעם ערשטן זייער א גרויסן פאסטן אין מעדיצינישן דעפארטאמענט, וועל איך אייך מיטגעבן א בריוו מיט דער בקשה אייך בייהילפיג צו זיין, און איך בין זיכער, אז ער וועט טאן אין דער זאך אלץ, וואס ער וועט נאר קענען, ווייל ער איז פארבליבן ביז אויפן היינטיגן טאג א הייסער איד, כאטש אלע האלטן אים פאר א קריסט...

אנגעקומען קיין פעטערבורג, האט פייגין באלד אויפגעזוכט דעם טשערניגאווער דאקטארס חבר, אויך א גענעראל, וועלכער האט זיך באמת ארויסגעוויזן פאר זייער א ווארימען איד, כאטש א פארשטעלטער...

דער מיטויער דאקטאר האט ווירקליך פון דער ערשטער מינוט אן ארויסגעוויזן דער זאך, צוליב וועלכער פייגין איז געקומען קיין פעטערבורג, די ווארימסטע באציאונגען. ער האט נישט געקארגט קיין מיה און באקומען פאר פייגין אזעלכע רעקאמענדאציעס, וועלכע האבן אים געגעבן די מעגליכקייט אנגענומען צו ווערן אויף א אודיענץ פון דעם דעמאלטיקן רוסישן מיניסטער־פרעזידענט, גראף בעקענדארף.

אויסהערנדיק פייגינען, האט אים דער גראף געענטפערט, אז די געשיכטע מיט דעם אידישן קרעטשמער איז אים באקאנט און אז ער האט שוין וועגן דעם געמאלדן דעם קייזער, וועלכער איז זייער אויפגעבראכט געווארן און האט באלד געהייסן מאכן א אויספארשונג אין דער זאך. די אויספארשונג האט זיך שוין אנגעהויבן, און זי ווערט געפירט אין געהיים, און ביז זי וועט פארענדיקט ווערן, קען ער אים קיין תשובה נישט געבן.

קלערנדיק אזוי, האט זיך דער גענעראל מיטאמאל א כאפ געטאן און זיך אפגערופן:

— איך האב א עצה!

פייגין האט אנגעשטעלט זיינע אויערן, און דער גענעראל האט פארגעזעצט:

— באלד איז ביי אונז פאסכא, ס'האט זיך שוין אנגעהויבן "פאסט". אין דער צייט זענען זיך די סטאראבריאדצעס מתוודה פאר זייערע גלחים אויף די עבירות, וואס זיי האבן אפגעטאן אינם משך פון יאר. דער וויאט וועט זיך מסתמא אויך קומען מתוודה זיין. גראד איז דער גלח פון יענעם דארף מיינער א געוועזענער פאציענט. איך וועל מיט אים איבעררעדן און וועל אים בעטן, אז ווען דער וויאט וועט צו אים קומען צו "וידוי", זאל ער אים אזוי צוקוועטשן צו דער וואנט, אז ער וועט אים מוזן דערציילן דעם גאנצן אמת, און דאן וועט מען שוין דארפן זען, ווי די זאך זאל דערגיין צו די וואס וועלן אנפירן מיט דער אויספארשונג.

אזוי איז טאקע געוועזן.

אין א שיינעם פרימארגן איז צווישן אנדערע אויך דער וויאט אריין צום דארפישן גלח און האט זיך גענומען מתוודה זיין פאר אים. ער האט אויסגערעכנט פארן גלח אלע זיינע חטאים, די מעשה מיטן קרעטשמער האט ער אבער געהאט פארשוויגן און נישט ארויסגערעדט וועגן דעם קיין איין איינציקווארט. דער גלח האט אים אבער נישט אפגעלאזט. ער האט אים נאכאנאנד פארווארפן מיט פראגן: אפשר האט ער נאך עפעס א עבירה געטאן? אפשר דריקט אים עפעס וואס אויף זיין געוויסן? אפשר קען ער זיך דערמאנען נאך וועלכע עס איז עוולות וועלכע ער איז באגאנגען? און אזוי האט אים דער גלח געצויגן די ווערטער פון מויל ווי מיט צוואנגען, ביז ער האט זיך פאר אים, צום סוף, מודה געווען אויך אין דעם בלבול, וואס ער האט געמאכט אויף דעם אידישן קרעטשמער. דערביי האט ער אים דערציילט די גאנצע געשיכטע אויספירלאך, ווי אזוי ער איז אין כעס

געוואָרן אויפֿן איד, פֿאַרוואָס ער האָט אים נישט געגעבן קיין גמילות־חסד, ווי אַזוי ער האָט באַשלאָסן נוקם צו זיין זיך אין אים און ווי ער האָט אַראָפּגעריסן אין קלויסטער די צירונגען פֿון די "הייליקע בילדער" און האָט זיי אַריינגעוואָרפֿן אין דעם קעלער פֿון דעם סמאַלע־פֿאַבריק.

מער ווי דאָס האָט מען, אייגנטליך, נישט געדאַרפֿט, צו דער אויספֿאָרשונג וואָלט דאָס נאָך אָבער נישט געקענט דערגיין, ווייל גלחים טאָרן קיינעם נישט מגלה־זיין די סודות, וואָס די בעלי־עבירהניקעס פֿאַרטרויען זיי בשעתן "ווידוי". דאַן איז געבליבן, אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדער מיטל, ווי נאָר, אַז דער גלח זאָל זען ווירקן אויפֿן וויאַט, ער זאָל עפֿנטליך מודה זיין אין זיין פֿאַרברעכן. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער גלח צו זיך געשיקט רופֿן דעם וויאַט און אים פֿייערליך דערקלערט, אַז די "תשובה", וואָס ער האָט אים אַרויסגעגעבן נאָכן "ווידוי", איז מכפּר אויף אַלע זיינע עבירות, אָבער נישט אויף דעם בלבול, וואָס ער האָט געמאַכט אויף דעם אומשולדיקן אידישן קרעטשמער, פֿאַר דער עבירה וועט זיך זיין נשמה קיינמאָל נישט אויסלייטערן, סיידן ער זאָל אַרויסראַטעווען פֿון אומגליק דעם איד מיט זיין פֿאַמיליע. דער וויאַט האָט זיך שטאַרק דערשראָקן, האָט זיך פֿונאַנדערגעוויינט אויפֿן קול און אונטער טרערן געפֿרעגט אַ עצה ביים גלח, וואָס צו טאָן. אויף דעם האָט אים געענטפֿערט דער גלח, אַז ס'איז נישטאָ פֿאַר אים קיין אַנדער עצה ווי נאָר, אַוועקצוגיין אין טשערניגאָווער געריכט און זיך מודה זיין, נישט קוקנדיק אויף די רעזולטאַטן, וואָס דאָס קען פֿאַר אים האָבן. אָנפֿאַנג האָט זיך דער וויאַט געפּרובט קווענקלען, ער האָט געוואוסט מיט וואָס דאָס שמעקט. צום סוף האָט אים אָבער גובר געווען דער פּחד פֿאַר זיין נישט אויסגעלייטערטע נשמה, וואָס האָט אים כסדר פֿאַרפֿאָלגט און נישט געגעבן קיין רו, און ער איז אַוועק און האָט זיך מודה געווען אין אַלץ...

פֿייגין האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט נאָך דעם זעלבן טאָג. דעם וויאַט האָט מען באַלד אַרעסטירט, אָבער דעם קרעטשמער מיט זיין פֿאַמיליע האָט מען נאָך אַזוי גיך נישט באַפֿרייט, ווייל די זאַך האָט זיך שוין געוועגדעט אין פּעטערבורג. ס'איז שוין דאַן געווען אַכט טאָג פֿאַר פּסח, דאָך האָט עס

פייגינען נישט אפגעהאלטן און ער איז מיט א פאפיר פון טשערניגאווער געריכט געפלויגן קיין פעטערבורג. כדי ארויסצוראטעווען דעם קרעטשמערס פאמיליע, איז ביי אים רעכט געווארן האלטן פסח אין וועג ווייט פון ווייב און קינדער.

אכט טאג נאך פסח איז דורך א טעלעגראפישער פאראָרדנונג פון פעטערבורג באפרייט געווארן דער קרעטשמער מיט זיין הויז-געזינט פון תפיסה. דעם זעלבן טאג האט מען געפונען דעם וויאט אין ארעסט א אויפגעהאנגענעם...

די דאזיקע געשיכטע איז גיך באקאנט געווארן אין דער גאנצער געגנט, פון דארט איז זי פארשפרייט געווארן קיין ליטע און ווייס-רוסלאנד. מיט פייגינס נאמען האט גענומען קלינגען ווייט און ברייט. וואו נאר ס'האט געטראפן א צרה ביי אידן, האט מען זיך באלד געווענדעט צו אים, און ער האט קיינעם נישט אפגעזאגט. פון יחידישע טובות איז ער אריבער צו כלל-ארבעט. ער פלעגט כמעט קיינמאל אינדערהיים נישט זיצן, נאר תמיד ארומפארן וועגן ענינים פון נאנטע און ווייטע קהלות. צוויי חדשים אין יאר פלעגט ער פארברענגען אין פעטערבורג, וואו ער פלעגט פון גאנץ פרי ארומלויפן איבער אלע דעפארטאמענטן מיט גאנצע פעק בקשות און השתדלותן, און כמעט שטענדיק פלעגן זיי האבן גרויס דערפאלג.

לייכט האט געמאכט פייגינען זיין שתדלנישע טעטיקייט די פאלגנדיקע, זייער אינטערעסאנטע אויסצייכנונגס בריוו וועלכע ער האט באקומען פונם העכסטן מלוכה-דעפארטאמענט:

"דער טשערניגאווער סוחר פון דער ערשטער גילדע ליטמאן פייגין, וועלכער פירט שוין פופצן יאר כסדר זיינע געשעפטן אין אוקראינע, האט תמיד אויפריכטיג און ערליך אויסגעפירט די מלוכה-פאדראדן מיט נוצן פאר דער מדינה.

"אין די יארן תקפ"ח-ט ווען ס'זענען דורכגעגאנגען דורך טשערניגאוו צו דער טערקישער גרעניץ גווארדייאישע פוס-דיוויזיעס, האט ער זיי

געטיילט אן געלט פארציעס בראנפן, און האט דערפאר זוכה געווען צו באקומען א קייזערליכן דאנק.

"אין יאר תקצ"א, ווען ס'האבן זיך פארמירט אכט אוקראינישע פולקן, האט ער, נישט קוקנדיק אויף דער שווערקייט פון דער זאך, מיטגעהאלפן דערין דעם אוקראינישן מיליטער־גובערנאטאר צום נוצן פון פאטערלאנד, וואס נאר דורכדעם איז מעגליך געווען אפצושיקן דעם דאזיקן חיל אינם משך פון זעקס וואכן צו דערשטיקן דעם פוילישן בונט.

אין דעם זעלבן יאר ווען אין טשערניגאוו איז אויסגעבראכן די כאלערע, האט ער אויסגעהאלטן די ארימע קראנקע אויף זיין חשבון, האט געגעבן אומזיסט ספירט און איינפאכן בראנפן אויף אויסצורייבן די חולאים. די דאזיקע פייגינס מענטשן־פריינטליכע מעלות און זיין פלייס פארן נוצן פון דער מלוכה, ווערן באשטעטיקט דורכן אוקראינישן גענעראל־גובערנאטאר.

אין די יארן תקפ"ח-צ"א, ווען רוסלאנד האט איבערגעלעבט אזעלכע טרויעריקע געשעענישן, ווי דער טערקישער קריג, דער אויסברוך פון כאלערע און דער פוילישער בונט, האט פייגין אין זיינע געשעפטן אויסגעפירט אלע פאדערונגען פון דער רעגירונג מיט נוצן פאר דער מלוכה און פארן פאטערלאנד. דער לויב פאר זיינע דאזיקע גוטע מעשים איז פארצייכנט געווארן אין די באריכטן פון פארשידענע רעגירונגס־קאמיסיעס.

אויסער דעם אלעם באשטעטיקן דער קיעווער גובערנאטאר, אלע גענעראלן און שטאב־אפיצירן, אז דער סוחר ערשטער גילדע ליטמאן פייגין פירט זיינע געשעפטן מיט נוצן פאר דער געזעלשאפט, און אז דורכדעם האט ער זיך דערווארבן א אויסגעצייכנטע רעפוטאציע און צוטרוי. די חשובסטע "דוואריאנעס" זאגן עדות, אז מיט זיינע מעשים אלס סוחר, מיט זיין ערליכקייט און פראקטישקייט האט ער מיטגעהאלפן צום אויפבוי פון אוקראינע".

האבנדיק אזא בריוו אין האנט, האט פייגין באקומען מוט ארויסצוטרעטן אלס שתדלן פארן גאנצן רוסישן אידנטום, וואס האט אין יענער צייט געהאט אויסצושטיין געברענטע ליידן אין יעדער שטאט און שטעטל. עס האבן זיך געשאטן גזירות אויף גזירות, ארויסגעגעבענע פון הויכע און אויך פון די סאמע נידריקסטע באאמטע, ווייל די גאנצע לופט איז דעמאלט געווען אנגעזאפט מיט א גרויסע שנאה צו אידן. אין דעם האט די רוסישע געזעלשאפט געהאט פאר זיך אלס מוסטער דעם קייזער אליין, ניקאלאיען, וואס האט געמאכט די אידן־פרעסעריי פאר א הייליקן צוועק, וועלכן ער האט געזוכט צו דערגרייכן מיט די גרויזאמסטע מיטלען.

אין יענער צייט האט זיך שוין פייגין געהאט אריבערגעקליבן פון טשערניגאוו קיין אדעס, וואו ער האט זיך איינגעארדנט א וואוינונג, ממש א פאלאץ מיטן גרעסטן קאמפארט. אין אדעס איז פייגינס הויז געווארן א צענטער פון דער אידישער און דער נישט־אידישער אינטעליגענץ, עס האבן ביי אים פארקערט די העכסטע פערזענליכקייטן, ציווילע און מיליטער לייט, זיינע געשעפטן האבן זיך אויך וואס מער פונאנדערגעבליט, און זיין עשירות איז געוואקסן פון טאג צו טאג. דאס אלץ האט אים צוגעגעבן מער מוט און דרייסט אין זיין קאמף לטובת דעם אידישן פאלק. ער האט שוין געהאט זיינע מענטשן אין פעטערבורג, אידן און קריסטן, וועלכע זענען געשטאנען אויף דער וואך אין די פארשידענע דעפארטעמענטן און האבן אים געגעבן צו וויסן פון צייט צו צייט וועגן אלץ, וואס עס ווערט ״אין די ספערן״ געפלאנט בנוגע די אידן. באזונדערס האט אים אין דעם געדינט דער מיטויער גענעראל, וועלכער האט אים שטענדיק געליפערט אלע נויטיקע ידיעות. גאנץ אפט פלעגט פייגין, אויפן סמך פון די דאזיקע ידיעות קומען צו לויפן קיין פעטערבורג, אפצושרייען א וועלכע עס איז געפלאנטע גזירה אדער פועלן, מ׳זאל זי, ווייניקסטן, אפלייגן אויף א געוויסער צייט.

אין א געוויסן טאג האט זיך פייגין דערוואוסט, אז ניקאלאי קלויבט זיך צו באשטעטיקן א גאנצע ריי שווערע רעכט באגרעניצונגען פאר אידן, וועלכע זענען אויסגעארבעט געווארן דורך א באזונדער קאמיסיע ביים

אינערן־מיניסטער. די דאזיקע ידיעה האט פייגינען דערשיטערט, ווייל זייענדיק פון דער נאטור אפטימיסטיש געשטימט, האט ער אלץ געגלויבט, אז די רעגירונג וועט ביי זיך נישט פועלן ארויסצוגעבן וועגן אידן אזעלכע דראקאנישע געזעצן. ער האט דאן דערלאנגט אויפן קייזערס נאמען א אויספירליכן מעמאראנדום וועגן דער אידישער לאגע אין רוסלאנד מיט א פלאן, ווי אזוי דעם אידישן מצב צו פארבעסערן מיט נוצן פאר דער מלוכה, דערביי האט זיך פייגין באנוצט מיט אזעלכע דרייסטע אויסדריקן, וואס קיין אידישער שתדלן פאר אים האט זיך קיינמאל נישט דערלויבט זיי צו געברויכן.

צווישן אנדערע האט פייגין געשריבן אין זיין מעמאראנדום: דאס ווייגעשריי פונם אידישן פאלק וועגן זיין אומגעהויער גרויסן אומגליק הערט זיך אין דער גאנצער וועלט. אנשטאט דעם, וואס ער האט דאס רעכט צו דערווארטן פארבעסערונג, ווערט זיין לאגע געפערליכער פון שעה צו שעה, ווייל עס זענען פאר אים פארצוימט נישט בלויז אלע בירגערליכע רעכט, נאר אויך אלע מיטלען צום לעבן.

"דאס אידישע פאלק האט זיך געטרייסט מיט דער האפנונג, אז נאך די נייע געזעצן, וואס וועלן ארויסגעגעבן ווערן וועגן אים, וועט דאס אלץ אויפהערן, און איצט האט עס אויך די דאזיקע האפענונג פארלוירן. די רעגירונג באטראכט די אידן אלס פארברעכער און לאזט זיך זיי נישט אויסטענהן, אפילו א יחיד קען מען נישט באשולדיקן איידער מען הערט אים אויס, און מכל־שכן א גאנצן פאלק! דער ריינער אמת וועגן אידן איז אבער אזוי פארפלאנטערט, אז דער רעגירונג אליין איז זייער שווער, און כמעט אוממעגליך, פונאנדערצוקלויבן זיך אין דעם.

"דאס אידישע פאלק טראגט אריבער די שווערסטע באליידיקונגען איינע נאך דער אנדערער, און נאר פון "נאטשאלסטווע". די פרידליכע קריסטליכע באפעלקערונג האט צו אידן גארנישט. איך קען דאס אלץ באווייזן מיט ראיות".

פייגין, וועלכער האט שוין דאן חושד געווען ניקאלאיען, אז מיט זיין

אנטיסעמיטישער פאליטיק איז ער נאר אויסן צו ברענגען אידן צום שמד. זאגט וועגן דעם ארויס אין זיין מעמאראנדום די פאלגענדיקע געדאנקען:

״דאס געזעץ ארויסצוטרייבן פון רוסלאנד יענע אויסלענדישע אידן, וואס האבן נישט קיין טויף־שיין, ווייזט קלאר, אז נישט צוליב זיינע זיטליכע חסרונות ווערט ביי אונז דער איד פארפאלגט, נאר צוליב זיין אמונה, ווען נישט, וואלט מען דאך פון דעם אויסלענדישן איד געדארפט פאדערן נישט קיין שמד־שיין נאר א ״אויפפירונגס־שיין״. א פאקט איז אבער, אז א איד מעג זיין דער ערליכסטער און דער שענסטער בירגער פון לאנד, ווערט ער דאך פאריאגט און באטראכט ערגער פון ציגיינער.

״אויסער דעם דערלאזט דאך נישט דער געזונטער מענטשליכער פארשטאנד, מ׳זאל רודפן א מענטשן נאר צוליב זיין גלויבן, מ׳דארף, פארקערט, פארלאנגען, אז יעדער מענטש זאל פארבלייבן ביי דער אמונה, אין וועלכער ער איז געבוירן און וועלכע איז אין אים געווארן איינגעזאפט מיט דער מוטערס מילך, און אז דער, וואס ווערט אומטריי זיין גלויבן, זאל גערעכנט ווערן אלס פארברעכער. באזונדערס דארף דאך גענומען ווערן אין אכט, אז אונזער אידישער גלויבן ווערט אנערקענט פון אלע פעלקער אלס ריין פון יעדן חשד און די ערשטע פון אלע וועלט־אמונות.

״ווען מיר זאלן אלע אפילו זאגן, אז דאס אידישע פאלק ווערט אזוי גרויזאם פארפאלגט נישט צוליב זיין גלויבן, נאר צוליב זיינע מידות, בלייבט נאך אלץ אומפארשטענדליך, ערשטנס: ווי איז דאס גאר מעגליך, אז א ציוויליזירטע רעגירונג ווי אונזערע, וועלכע האלט זיך ביים כלל, אז ״בעסער מוחל זיין צען שולדיקע, איידער באשטראפן איינעם א אומשולדיקן״, זאל פארמשפטן צום שטראף א מיליאן מענטשן אויף דור־דורות פאר דעם, וואס צווישן זיי זענען פאראן פארברעכער ווען נישט ווייניקער, אלנפאלס נישט מער ווי ביי יעדן פאלק? צווייטנס, איז נאך נישט געלייזט די פראגע: צו די אידן ווערן גערודפט צוליב זייערע חסרונות, אדער זייערע חסרונות שטאמען פון דעם, וואס זיי ווערן גערודפט? דריטנס: איז נאך נישט געווען קיין ביישפיל, אז דורך בלויזע רדיפות זאל

מען קענען אויסבעסערן חסרונות און מדות פון מענטשן״.

צום סוף פונם דאזיקן מעמאראנדום האט פייגין אויפמערקזאם געמאכט דעם קייזער אויף דעם, אז די אידן זענען ארומגערינגלט פון אלע זייטן מיט שונאים, וואס ווארפן אויף זיי ארויף אלע מיני בלבולים, און די רעגירונג נעמט זיך נישט די מיה אויסצופארשן אויף ווי ווייט די באשולדיקונגען זענען באגרינדעט און שטימען מיט דער ווירקליכקייט. צום סוף פירט אויס פייגין:

״מ׳זאגט, אז עס איז שעדליך פארן לאנד, אז אידן זאלן וואוינען אין די הויפט־שטעט ווי קיעוו, ניקאלאיעוו און כארקאוו. מ׳וועט אינגיכן זאגן, אז מען דארף אלע אידן ארויסשיקן פון רוסלאנד. דאס איז אלץ מעגליך, כל־זמן דער ריינער אמת און די ריכטיקע באגריפן וועגן דעם אידישן פאלק זענען פארדעקט מיט א געדיכטן, פינצטערן שלייער פון די אמאליקע אלטע פאראורטיילן. אונז בלייבט נאר צו האפן, אז די ג-טליכע השגחה אליין, וועלכע זארגט פאר דעם קיום פונם קלענסטן ווערימל, וועט עפענען די אויגן פון אייער קייזערליכער מאיעסטעט אויך אויף דעם אומשולדיקן־ליידנדן פאלק״.

א לאנגע צייט איז אוועק און פייגין האט אויף זיין מעמאראנדום קיין תשובה נישט באקומען, און דערווייל איז דער אידישער מצב געווארן אלץ ערגער און ערגער. דאן האט זיך פייגין געווענדעט מיט א בריוו צום מיניסטער־פרעזידענט גראף בעקענדארף און האט אים געבעטן, ער זאל זען דערמאנען דעם קייזער וועגן זיין מעמאראנדום, ווארום די אידן קענען שוין מער נישט אויסהאלטן.

אין דער צייט ווען דאס אידישע פאלק — אזוי האט פייגין געשריבן בעקענדארפן — האט געהאפט, אז באלד ווערט ער באפרייט פון זיין שווערן צושטאנד, שטיצנדיק זיך אויף די ווערטער פון זייער קייזער, וועלכער האט זיך נישט איינמאל אויסגעדריקט פאר די אידישע פארשטייער, בשעת זיין נסיעה, אז זיי וועלן ״דערזען אינגיכן ווי די רעגירונג זארגט זיך וועגן זייער מצב״, — אין דער זעלבער צייט איז זייער

לאגע געווארן פיל ערגער, אין וועליזש האט די אויספארשונגס־קאמיסיע ארויסגעטראגן איר מיינונג, אז די אידן געברויכן אויף פסח קריסטליך בלוט, און די שונאי־ישראל אין לאנד זענען אויף דעם ארויפגעפאלן ווי אויף א ווילדער מציאה, און די רעגירונג קוקט און שווייגט״.

נאכדעם האט פייגין פארבראכט אין פעטערבורג פופצן חדשים. די גאנצע צייט איז ער ארומגעלאפן איבער די דעפארטאמענטן, האט פארגעלייגט פראיעקטן, ווי מ׳זאל איינארדענען דאס אידישע לעבן אין רוסלאנד, ווי אוועקצושטעלן די דערציאונג פון דעם יונגן אידישן דור, ווי צוציען אידן צו ערד־ארבעט און צו פארשידענע מלאכות. אומעטום האט מען אים שיין אויפגענומען, אומעטום האט מען אים אויסגעהערט. פון טאג צו טאג האט ער געווארט צו זען גוטע רעזולטאטן פון זיין שתדלנות. די רעזולטאטן האבן אבער לאנג געלאזט אויף זיך ווארטן.

מיט דער צייט האט זיך ביי פייגינען מיטאמאל איבערגעדרייט דאס רעדל. עס האט זיך אפגעטאן פון אים דאס גליק. זיינע געשעפטן האבן גענומען פאלן. ביז ער איז ביסלעכווייז געווארן א יורד. ער האט זיינע אנגענומענע פאדראדן נישט געקענט צושטעלן צום באשטימטן טערמין און די רעגירונג האט דאן קאנפיסקירט זיינע הייזער, וואס ער האט געהאט אין טשערניגאוו, קיעוו און אדעס. דער באוואוסטער היסטאריקער יוליוס העסען גיט איבער אין נאמען פון דעם באראן הוראץ גינצבורג, אז פייגין איז רואינירט געווארן דורך דעם דעמאלטיקן רוסישן פינאנץ־מיניסטער ווראנטשענקא, וועלכער האט ביי אים מיטאמאל אפגענומען אלע קרעדיטן. דער דערמאנטער פינאנץ־מיניסטער, האט דאס געטאן אלס נקמה־אקט פאר דעם, וואס באזוכנדיק אמאל פייגינען אין אדעס, האט ער אים אויפגענומען נישט מיט דעם געהעריקן כבוד און אפילו נישט אויסגעטאן זיין מארגן כאלאט.

## עלפטער קאפיטל:
## יוסף הײלפּערין

א אומדערגרײכבארע קראפט — די גאלדענע גאס — דער קאמפּ מיט די גזירה פון "ראזראדן" — די געהײמע האנד — די גזירה צו נעמען אידן אין מיליטער דינסט — די רשעות פון דעם אונטערגעקויפטן מיניסטער — געלד פארן שווייגן — דער קאמף מיט די משכילים — ווער זיינען די געגנער?! — דער פארשטייער אין דער קאמיסיע — דער צמח צדק ביי רבי יצחק וואלאזשינער — אויסגעטרונקען דעם ביטערן בעכער ביז צום ענדע



**דער צמח צדק**

# יוסף היילפערין

מיט דער טראן־באשטייגונג פון ניקאלאי דעם ערשטן זענען אנגעשטאנען פאר די רוסישע אידן זייער שווערע טעג. נאך אלס פרינץ האט שוין ניקאלאי ארויסגעוויזן א גרויסע אנטיפאטיע צו אידן. כאטש ער האט אידן ווייניג געקענט, האט ער פונדעסטוועגן געהאט וועגן זיי די ערגסטע מיינונג, וועלכע ער האט גאנץ אפט ארויסגעזאגט אין געשפרעכן מיט זיינע מקורבים. געשטאמט האט עס פון דער עקסט־רעליגיעזער דערציאונג, וואס ער האט באקומען פון קינדווייז אן און א דאנק וועלכער ס׳איז פון אים אויסגעוואקסן א שטאק־פינסטערער רעאקציאנער. נאך פון דער יוגנט האט זיך איינגעזאפט אין אים א שטארקע שנאה צו אידן, וועלכע האט זיך געלאזט פילן כמעט פון דער ערשטער מינוט אן, וואס ער איז געווארן קייזער. זייענדיק פון דער נאטור א הארטער און שטרענגער מענטש מיט דעספאטישע נייגונגען, האט ער אידן באזונדערס געגעבן צו "שמעקן פולווער". צו די ספעציעלע "ניקאליאס גזירות" וועלכע האבן צוגעגעבן אין דער געשיכטע פונם רוסישן אידנטום א סך בלעטלאך, געטובלט אין בלוט און טרערן, וועלן מיר זיך נאך אומקערן אין די ווייטערדיקע קאפיטלאך. דערווייל ווילן מיר נאר באצייכענען דעם פאקט, אז אונטער דער השפעה פון זיין אנטיסעמיטישער פאליטיק, האבן זיך אלע באאמטע אויף די ערטער, פון די העכסטע ביז די נידריקסטע, באצויגן צו אידן זייער פיינטליך און האבן זיי אנגעטאן די גרעסטע נגישות. דאס האט ממילא ארויסגערופן ביי אידן א גרויס באדערפעניש אין שתדלנות, אזוי אז כמעט יעדע קהלה האט זיך געהאט איר שתדלן.

א באזונדערע גרויסע ראלע אין דער שתדלנישער וועלט פאר ניקאלאיס צייטן האט געשפילט דער באוואוסטער בערדיטשעווער באנקיר יוסף היילפערין. ער איז געווען פון העכסטן יחוס, א היפשער למדן און אויך מיט

א געזונטן פראקטישן פארשטאנד. דערצו האט ער באזעסן א הייס אידיש הארץ מיט א אייזערנע ענערגיע. דער דעמאלטיקער בערדיטשעווער גאראדניטשי (א מין היינטיקער פאליציי מייסטער) גראמעקא גיט איבער אין זיינע זכרונות, וועלכע זענען געדרוקט אין "סאווורעמעניק" אין יאר תרי"ח די פאלגענדיקע כאראקטעריסטיק וועגן היילפערינען:

"ער האט נישט קיין אפיציעלע באדייטונג, ער באזיצט נישט קיין אייגענע דערווארבענע מאכט, און דאך איז ער זייער א מעכטיקער מאן. דער המון גלויבט אפילו, אז ביי יוסף היילפערינען געפינט זיך א מונדיר, אינגאנצן ארומגענייט מיט ריינעם גאלד, וועלכן ער באנוצט ביי זיינע נסיעות קיין פעטערבורג, און היילפערין האט געהאט דאס פולע רעכט צו פארדינען אזא הויכן מיינונג וועגן זיך ביי זיינע גלויבנס-גענאסן. איך האב נישט געזען קיין אנדער איד, וואס זאל אזוי ליבן זיינע פאלקס-ברידער און וואס זאל זיך מער פון אים באטייליקן אין זיינע געזעלשאפטליכע אינטערעסן און נויטן. אין דער צייט פון כאלערע, פון שרפות און אנדערע פאלקס-אומגליקן, איז זיין הויז שטענדיק פוהל מיט אומגליקליכע, און קיינער גייט נישט אוועק אן הילף. דער ערשטער מנדב אויף וועלכן-עס-איז וואוילטעטיקן צוועק לטובת די אלגעמיינע באדערפענישן פון שטאט, איז יאסיף איזראעלעוויטש, און ווען איימיצער וואלט אים אין אזעלכע פאלן מקדים געווען, אדער געגעבן א גרעסערע נדבה פאר אים, וואלט עס פאר היילפערינען געווען ממש א טויט-קלאפ. עס זענען דא אין שטאט אנדערע סוחרים פון דער ערשטער גילדע. עס זענען דא א סך באנקירן מיט קאפיטאלן, נישט קיין קלענערע, קען זיין, פון היילפערינען, אבער קיינער פון זיי קומט נישט צו אים אין פראקטישער פקחות און ברייטהארציגקייט. קיין אייגענע, דאס הייסט: פערזענליכע אינטערעסן האט ער נישט, און האט זיי אויך קיינמאל נישט געהאט, קיינער האט נישט געזען און קיינער וועט נישט זען קיין איין פון אים אויפן פאפיר אנגעשריבענע בקשה, ווי מעכטיק איז אבער דערפאר זיין יעדעסווארט! אבער מיט ווערטער ריזיקירט ער אויך נישט אומזיסט, קומט ער אליין עפעס בעטן וועגן א ענין, הייסט עס, אז דער ענין וועט שוין זיין פארענדיקט און אונטערגעשריבן לויט זיין ווילן".

דער אין זיין צייט באַרימט געוועזענער רוסיש־אידישער זשורנאַליסט און געשוואוירענער אַדוואָקאַט מנשה מרגלית ברענגט וועגן היילפערינען די ווייטערדיקע זייער אינטערעסאַנטע פּרטים: ער איז געווען אַ אומדערגרייכבאַרע קראַפט נישט בלויז אין דער שטאָט, וואו ער האָט געוואוינט, נאָר אויך אין גאַנצן דרום־מערב קאַנט. אַריינדרינגענדיק אין דעם גייסט פון דער פאָלקס־מאַסע און איר פסיכאָלאָגיע, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז כדי צו געניסן ביי איר געפעליגקייט, איז פאַר אים נויטיק צו ווערן אַ פאַרברענטער אַנהענגער פון די "רביים" און צו זיין פאַר זיי אַ מליץ יושר ביי דער מאַכט, און ער איז דאָס געוואָרן. באַלד האָבן די צדיקים פון דעם גאַנצן דרום־מערב קאַנט, וועלכע האָבן געהאַט אין די אויגן פון המון אַ גרויסן רעליגיעזן אויטאָריטעט, אָנגעהויבן זיך מיישב זיין מיט היילפערינען: אַלע פרייע און נישט פרייע קאַפּיטאַלן זענען איינגעלייגט געוואָרן אין היילפערינס באַנק. דער צוטרוי צו אים מצד דעם פאָלק איז געוואַקסן נישט פון טאָג, נאָר פון שעה. מען דאַרף באַמערקן, אַז אין יענער צייט האָט בערדיטשעוו, וועלכע האָט זיך גערעכנט פאַר דער הויפּט־שטאָט פון וואָלין פאַרנומען אין עקאָנאָמישן זין זייער אַ גרויסן אָרט. זי האָט געהאַט עטליכע באַנק קאַנטאָרן, וועלכע זענען געווען אויסגעלייגט איבער די באַלקאָנען פון אַ גאַנצער שורה דריי־גאָרנדיקע מויערן. פון דעם האָט זיך עס באַקומען דער נאָמען: "די גאָלדענע גאַס". פאַר דער רייכסטער באַנק האָט זיך אָבער תמיד גערעכנט היילפערינס, און צו זיין באַלקאָן זענען שטענדיק אַלעמענס בליקן געווען געווענדעט מיטן גרעסטן יראת־הכבוד. אויבן און אונטן, אינעווייניק און אינדרויסן, אויף רעכטס און אויף לינקס, האָט דאָרט שטענדיק געקאָכט, ווי אין אַ קעסל. מ'איז אַהין געקומען נישט בלויז וועגן געשעפטליכע אינטערעסן, נאָר אויך וועגן געזעלשאַפטליכע ענינים. דער איז געקומען אָנזאָגן וועגן אַ נייער גזירה, אַ צווייטער האָט געוואָלט דערגיין, צו מ'האָט עפּעס געפּרובט טאָן, כדי מבטל צו מאַכן די גזירה, אַ דריטער איז געקומען מודיע זיין, אַז ס'האָט זיך איבערגעריסן דער "עירוב", אַ פערטער האָט פאַרלאַנגט ידיעות וועגן נאַבאָר א. א. וו.

היילפערין אַליין פלעגט זיך זייער זעלטן באַווייזן אויפן באַלקאָן, נאָר יעדעס מאָל, ווען ער איז אַהין אַרויס, האָבן זיך אַלע אָפּגערוקט אין אַ זייט,

און ס׳איז דארט קיינער נישט פארבליבן אויסער אים מיט זיין נאענטן אדיוטאנט. די גאנצע גאס פלעגט זיך דאן ארומקלויבן ארום באלקאן, כדי אנצוקוקן זייער מנהיג. אויף די אנדערע באלקאנען פלעגט זיך אויך מערקן א באוועגונג, אלע פלעגן נייגעריק זיין צו זען ווי ר׳ יוסף היילפערין שטייט, ווי ער שמועסט מיט זיין אדיוטאנט, ווי ער וויצלט זיך מיט אים און טרייבט מיט אים קאטאוועס. דאס אלץ פלעגט זיך פונאנדער טראגן בליץ־שנעל איבער אלע בערדיטשעווער גאסן, און ס׳איז דארט נישט געווען קיין איין איד, וועלכער האט נישט געוואוסט דאס, וואס ס׳איז פארגעקומען אויפן ״באלקאן״. מ׳האט שוין אפילו נישט געדארפט צוגעבן און זאגן: ״אויף ר׳ יוסף היילפערינס באלקאן״, ווייל אלע האבן שוין אויך אן דעם גאנץ גוט געוואוסט וועגן וועמען דא רעדט זיך.

צו היילפערינען האבן זיך באציגן מיט גרויס אכטונג נישט בלויז אידן, נאר אויך קריסטן, נישט בלויז דער נייער יונגער ״גאראדניטשי״ פלעגט צו אים אריין מיט א וויזיט, נאר אויך דער גענעראל־גובערנאטאר יעדעס מאל, ווען ער האט באזוכט בערדיטשעוו. מ׳האט זיך געקענט פארשטעלן, וואס ס׳האט זיך דאן געטאן אין שטאט, בשעת די אידן האבן דאס געזען מיט זייערע אויגן, בשעת זיי האבן געזען אויך דאס, ווי דער ״גאראדניטשי״, דער דאזיקער ״ג-ט׳ס־שטראף״ פון יענער צייט, פון וועלכן זיי פלעגן, בעגעגענדיק אים, אנטלויפן פאר הונדערט ווייארסט, כדי ער זאל זיך נאך, חלילה, צו עפעס וואס נישט טשעפען, ער זאל ביי זיי נישט אונטערהאקן די לאנגע קאפאטע און אזוי ווייטער, — ווי דער דאזיקער שרעקליכער ״גאראדניטשי״ גייט ארום אויף די שפיץ פינגער איבערן באלקאן, אפווארטנדיק דעם ארויסגאנג פונם גענעראל־גובערנאטאר. און נאכדעם אויפן אנדערן טאג האבן זיי גאר אויפדאסניי מורא געהאט פאר אים ווי פריער, נאר פונדעסטוועגן פלעגן זיי אלץ טראכטן ביי זיך מיט גרויס שטאלץ: ״ער גייט דאך אבער פארט ארום אויף אונזער ר׳ יוסף׳ס באלקאן נישט האבנדיק די העזה אריינצוגיין אפילו אין פארצימער״. ס׳איז קיין ספק נישט, אז דעם גענעראל־גובערנאטארס וויזיט האט געווירקט אויפן ״גאראדניטשי״, ער זאל זיך באציען מיט גרויס אכטונג צו דער פערזאן פון ר׳ יוסף היילפערין, וועלכער האט זיך מיט דעם געוואוסט צו באנוצן. און

באנוצט האט ער זיך מיט דעם נישט פאר זיך פערזענליך, נאר פאר אלע אידן, ווען ס'האט זיך נאר געהאנדלט וועגן א וועלכער ס'איז געזעלשאפטליכער נויט, האט ער זיי באלד געאיילט צו הילף. און דער "גאראדניטשי", געוויינליך, איז אים שטענדיק געקומען אנטקעגן.

נישט בלויז ביי זיך אין שטאט, נאר אין אלע דריי גובערניעס: קיעווער, פאדאליער און וואלינער, האט היילפערין געהאט איבערגעגעבענע פריינט, און אומעטום, וואו ס'איז אים אויסגעקומען אויפצוטאן עפעס לטובת א געזעלשאפטליכן אינטערעס, האט ער פארשטאנען ווי אויסצוניצן זיין לאגע, נישט צו דערלאזן צו צושטערן יענע רעכט, וואס עס קומט דעם אידישן קהל לויט דעם געזעץ. זיין טעטיקייט איז מערסטנס באשטאנען אין באשיצן די אידישע ענינים. אין יענער "גליקליכער" צייט, ווען יעדערער האט געקענט אומבאשטראפט טרעטן מיט די פיס אויף יענע מיקראסקאפישע רעכט, וועלכע אידן האבן דאן געהאט, איז זייער וויכטיק געוועזן, אז ס'זאל זיך פאר זיי אננעמען א מענטש מיט איינפלוס און מיט מאכט. אמת טאקע, אז כדי נישט אויפצובורגען אויף אידן יענע פערזאנען, וועלכע האבן זיי געקענט אנטאן צרות, פלעגט ער זיך באנוצן מיט זיין איינפלוס און מיט זיין מאכט, קלוג אויסגערעכנט, און גאנץ אפט פלעגט ער לאזן אין גאנג, אויך העכסט פרידליכע מיטלען, ווי אונטערקויפן די שררות דורך מתנות און דורך אנדערע מינים שוחד, און תמיד פלעגט ער דאס מאכן אזוי איידל און אזוי דעליקאט, אז אפילו יענע, וועלכע פלעגן אים דארפן אפטרעטן דעם וועג, פלעגן אים מוחל זיין און נישט האבן צו אים קיין טענות. האט אים אבער וועגן עס זאל נישט זיין געשטערט אין א גערעכטער זאך, איז ער דאן געווארן אומב'רחמנות'דיק, אין אזעלכע פאלן האט ער נישט געקארגט קיין שום מיטלען, מאטעריעלע און מאראלישע, און ווי איז געוועזן דעם וואס האט ארויסגעוויזן איינגעשפארטקייט, אדער וואס האט זיך אוועקגעשטעלט קעגן זיין ווילן. פון זיין באלקאן-אראפ האט היילפערין געלאזט פילן זיינע נעגל אפילו דעם איינפלוסרייכסטן קעגנער. אלע האבן געוואוסט, אז קיין אומדערפאלגן האט היילפערין קיינמאל נישט געהאט, ער האט אדער גאר נישט אנגעהויבן, אדער, ווען ער האט זיך באשלאסן צו נעמען א וועלכן-עס-איז ענין, איז שוין ביי אים דער דערפאלג

געוועז אויסגערעכנט פון פאראויס מיט א מאטעמאטישער פונקטליכקייט.

אין אלע געזעלשאפטליכע ענינים האט הײלפערין געארבעט נאר אויף זיין אייגענער אחריות, ס׳איז נאר נויטיק געווען, ער זאל זיין איבערצייגט אין דער נוצליכקייט פון א ענין, איז ביי אים רעכט געווען אויסגעבן אויף דעם פון זיין קעשענע הונדערטער טויזנטער רובל. אין די ערשטע יארן, ווען עס איז ארויס פון ניקאָלאיען א גזירה, מ׳זאל ארויסטרייבן אידן פון די דערפער, איז דאן הײלפערין געווען דער איינציקער, וועלכער, האט אונערמידלאך געקעמפט פאר אלע רוסישע אידן, נישט דורכרעדנדיק זיך וועגן דעם מיט קיינעם, כדי צו האלטן די זאך בסוד פון דער עפנטליכקייט. ער האט אזוי פיל געארבעט, ביז ס׳האט זיך אים איינגעגעבן צו ברענגען דערצו, אז פון אלע זייטן האבן מיטאמאל אנגעהויבן פליען קיין פעטערבורג בקשות פון גוט באזיצער, מ׳זאל מבטל מאכן די גזרה, ווייל דורך איר זענען זיי עלול צו ווערן בדיל הדל און קומען צו א אומגעהויער גרויסן עקאנאמישן חורבן.

איינציק און אליין איז הײלפערין געשטאנען אויפן קאמפס־פלאץ אויך בשעת ניקאלאי האט געפלאנט איינצוטיילן די אידן אין קלאסן, אין אזוי גערופענע ״ראזראדן״. לויט דער דאזיקער איינטיילונג, ווען זי וואלט פארווירקליכט געווארן, וואלטן דאן כמעט 75 פראצענט פון די רוסישע אידן געדארפט אנערקענט ווערן אלס ליידיקגייער און אן א משפט אוועקגעשיקט ווערן אין די ווייטע סיבירער סטעפעס. נאר הײלפערין אליין, נישט האלטנדיק זיך מיט קיינעם קיין עצות, נאר דורך זיין אייגענעם איינפלוס, דורך זיין אייגענער אייזערנער ענערגיע, מיט זיינע מיטלען, מיט זיין פילאזאפישן, געזונטן פארשטאנד האט ער אפגעהאלטן די פארווירקליכונג פון פארשידענע גזירות, וועלכע האבן זיך פראיעקטירט קעגן כלל ישראל. יעדעס מאל האט ער אזוי לאנג געארבעט ביז ער האט געבראכט צו דעם, אז די גזירה זאל אויף א געוויסער צייט אפגעלייגט ווערן.

אין די העכערע ביוראקראטישע ספערן, וואו מ׳האט מיט אידן גאנץ וויניג סימפאטיזירט, פלעגט מען רעדן מיט גרויס פארוואונדערונג וועגן

עפעס א אומבאוואוסטער, פארבארגענער קראפט, וואס לאזט נישט צו, אז די געוואונטשענע גזירות זאלן פארווירקליכט ווערן אין לעבן. די דאזיקע פארבארגענע קראפט איז געווען נישט קיין אנדערער, ווי יאסיף איזראעלעוויטש היילפערין, וועלכער האט סיסטעמאטיש טאג און נאכט געארבעט לטובת דעם אידישן פאלק. אזא ארבעט איז אים אויסגעקומען באזונדערס שווער, ווייל נישט באזיצנדיק קיין שום אייראפייאישע בילדונג, האט ער געמוזט אנקומען צו פרעמדע הילף, דאס רוב נישט צו אידישער, ווייל אידן האבן וועגן דעם נישט געדארפט וויסן, כדי זיי זאלן זיך נאך נישט אויסריידן און קאליע מאכן דורכדעם דעם גאנצן ענין. ער האט געמוזט פירן א ארגאניזירטע אטאקע אויף אלע פונקטן, צו פארווענדן אויף דער דאזיקער אטאקע אומגעהויערע גרויסע קרעפטן, און אליין בלייבן שטיין פון דערווייטנס, כדי נישט באמערקט צו ווערן — נישט בלויז פון אייגענע, נאר אויך פון פרעמדע.

נאך אזא טעטיקייט איז שוין קיין וואונדער נישט, אז אין אלע פאלקס־אומגליקן האט זיך היילפערין ארויסגערוקט אויפן ערשטן פלאץ. דאס פאלק האט געוואוסט, אז אין אזעלכע פאלן איז ער אי א בעל־טובה אי א טרייסטער, און קומענדיק צו אים אויפן "באלקאן", איז מען געווען זיכער, אז מ'וועט פון דארט נישט אוועקגיין אן א טובה און אן א טרייסט. אין דעם איז באשטאנען די סיבה פון דעם גרויסן יראת הכבוד, מיט וועלכן דאס פאלק האט זיך צו אים באצויגן. ס'איז געקומען דערצו, אז ווען מען פלעגט איימיצן פון המון א פרעג טאן וועגן ר' יוסף היילפערינען, פלעגט ער אויף דעם מיט טרערן אין די אויגן ענטפערן: איז דען דא נאך אזא איד, ווי ער אויף דער גאנצער וועלט?!

היילפערינס שתדלנישע טעטיקייט האט זיך אנגעהויבן גאנץ פרי. ער איז נאך א יונגער מאן געווען, נאר־וואס איז ער אראפ פון שווערס קעסט, און שוין איז ער אריינגעצויגן געווארן אין דעם שטראם פון דער אידישער כלל־טועריי. געבראכט האט אים דערצו די הייסע צייט, וועלכע איז דאן אנגעשטאנען אינם לעבן פון רוסישן אידנטום. אידן האבן זיך דערוואוסט, אז ניקאלאי האט באשלאסן נישט צו באפרייען זיי מער פון מיליטער־דינסט

פאר א געוויסן געלט־אפצאל, ווי עס האט זיך געפירט ביז אהער, נאר נעמען פון זיי זעלנער ווי פון די רוסן. די דאזיקע ידיעה האט ארויסגערופן ביי אידן זייער א שטארקע אויפרעגונג, ווייל זיי האבן זיך געשראקן, אז דער נייער תקון, וואס ניקאלאי וויל איינפירן, איז עלול אונטערצוגראבן זייער רעליגיעז און אויך עקאנאמיש לעבן. ס'האבן אנגעהויבן פליען שתדלנים קיין פעטערבורג, מ'האט געפירט אונטערהאנדלונגען מיט שררות, מיט די גרעסטע ביוראקראטן, פארוואלטער פון פארשידענע דעפארטאמענטן, ווי עס ווייזט אויס, האט מען געפרובט לאזן אין גאנג אויך אומגעהויערע גרויסע געלט־סומעס. ווען מען נעמט אין באטראכט, אז מיט אזעלכע מיטלען קעגן מיליטער־דינסט האבן זיך דאן און שפעטער באנוצט כמעט אלע פרעמדע פעלקער אין רוסלאנד, ווי די טאטערן, ארמענער און אנדערע, איז דאס מצד די אידן מיט זייער אייגנארטיקן לעבנס־שטייגער געווען גאנץ באגרייפלאך...

אויף א צייט האבן זיך די צוגרייטונגס־ארבעטן אין די קאנצעלאריעס מיטאמאל אפגעשטעלט. די סיבה דערפון איז געווען דאס, וואס צווישן די מיניסטארן און די מיטגלידער פון מלוכה־ראט זענען פארגעקומען מיינונגס־פארשידנהייטן וועגן דער פראגע. צו עס איז צוועקמעסיק צו כאפן איינפירן פאר אידן מיליטער־דינסט לויטן אלגעמיינעם פראגראם. דאס אויסארבעטן דעם פראיעקט איז צוגעגאנגען זייער לאנגזאם. אבער ניקאלאי דער ערשטער האט נישט געקענט סובל זיין קיין תירוצים און קיין פארשלעפענישן אין א ענין, וואס פאר אים פערזענליך איז ער שוין לאנג געווען א באשלאסענער, כאטש די זאך האט געמעגט צוטרייסלען די לעבנס־יסודות פון א גאנץ פאלק. אים האט געערגערט די לאנגזאמקייט פון די קאנצעלאריעס, דאס קלויבן פון די אין אזא ענין זייער וויכטיקע סטאטיסטישע ידיעות א. א. וו. ארויסגייענדיק אמאל פון געדולד האט ער אין א שיינעם פרימארגן איינפאך באפוילן דעם מיניסטער צוצוגרייטן אים צום אונטערשרייבן א "אוקאז" וועגן מיליטער־דינסט פאר אידן.

זייער אינטערעסאנטע ידיעות, ווען אפילו באפארבט מיט אביסל אנטיסעמיטיזם, וועגן דעם, וואס ס'איז דעמאלס פארגעקומען אין די

פעטערבורגער ביוראקראטישע ספערן, געפינען מיר אין די דעראינערונגען פון א געוויסן ציפרינוס, וואס זענען פארעפנטליכט געווארן אין "רוסקי ארכיוו" פארן יאר תרל׳ב, דער דאזיקער ציפרינוס איז געווען א באאמטער, וועלכער האט דאן געדינט אין דער קאנצעלאריע פונם אינערן־מיניסטער, אין דער ערשטער אפטיילונג וואו ס׳האבן זיך הויפטזעכלאך קאנצעטרירט אלע מאטריאלן בנוגע איינפירן מיליטער־דינסט פאר אידן.

— דער קייזער ניקאלאי — אזוי דערציילט דער דערמאנטער באאמטער — האט באלד נאך זיין טראן־באשטייגונג געמאלדן דעם דעמאלטיקן אינערן־מיניסטער, אז ער וויל נישט אנדערש נאר מ׳זאל ביי אידן אויך נעמען סאלדאטן ווי ביי אנדערע. ווייל דער איינציקער טייל פון דער מדינה, וואו אידן האבן געמעגט וואוינען, דער גאנצער מערב־קאנט, האט זיך געפונען אונטער דער הויפט־פארוואלטונג פון דעם קייזערס ברודער, קאנסטאנטין פאוולאוויטש, דער "נאמיעסטניק" פון ווארשע, האט דעריבער די העכערע ביוראקראטיע איינגעפונען, אז ווי פעסט ס׳זאל נישט זיין דעם קייזערס רצון צו פארווירקליכן די זאך תיכף ומיד, פאדערט אבער די מלוכה העפליכקייט צו מעלדן וועגן דעם פריער דעם גרויספירשט און אנפרעגן זיין מיינונג. אינגיכן איז פון קאנסטאנטינען אנגעקומען א תשובה. אז ער האט די זאך איבערגעגעבן דעם סענאטאר נאוואסילצעוו וועלכער איז באקאנט פון דער נאענט מיט דעם לעבן פון דער אידישער באפעלקערונג אין די גובערניעס פון דעם מערב און דרום־מערב־קאנט און פון ווייס־רוסלאנד, און ווי דער סענאטאר וועט נאר ארויסטראגן זיין מיינונג וועגן דעם ענין, וועט ער עס באלד מעלדן דעם מיניסטער, אים פארצולייגן עס פאר זיין מאיעסטעט דעם קייזער.

דער קייזער האט פון דער זאך נישט געמאכט קיין סוד. אלע האבן געוואוסט און אלע האבן צווישן זיך געשמועסט, אז גאר גיך וועט מען אנהויבן צו נעמען אידן צום מיליטער. אידן האבן שוין פון לאנג געוואוסט, וואס פאר זיי גרייט זיך, און האבן געהאט אין פעטערבורג זייערע אגענטן, כדי דעם קלאפ אפצווענדן, אדער, צום וויניקסטן, אפלייגן אים אויף א צייט. און זיי וואלטן אין דעם געוויס געהאט דערפאלג, ווי זיי האבן געהאט

דערפאלג אין זייערע פיל אנדערע ענינים, ווען דער געדאנק וואלט נישט אנגעהערט דעם קייזער אליין און ווען ער וואלט אויף אים נישט באשטאנען אזוי פעסט און מיט אזא אומבויגעוודיקן ווילן.

— אין יענער צייט — אזוי דערציילט דער באאמטער ווייטער — פלעגט מיך אפט באזוכן א אנגעזעענער איד, וועלכער איז געווען א רב אין גראדנער גובערניע און האט געהייסן מרדכי לייבאוויטש. ער האט מיר געבראכט א בריוו פון מיינעם א דארטיקן פריינט. דער איד איז געווען זייער א געבילדעטער מאן, און באזונדערס א גרויסער תלמודיסט, איך האב מיך דעמאלט פיל באשעפטיקט מיט שטודירן די אידישע קבלה, אין וועלכער לייבאוויטש האט געהאט א גרויסע ידיעה, איך האב אים איינגעלאדן צו באזוכן מיך און פלעג מיט אים גאנצע אוונטן אפשמועסן וועגן ענינים, וואס האבן א שייכות צו דער דאזיקער געהיימער וויסנשאפט און צו דער אידישער רעליגיע בכלל, ער איז מיר געווען זייער נוצליך ביי מיינע פארשונגען, דערקלערנדיק מיר פארשידענע טונקעלע פראגן. אזוי האט זיך אנגעהויבן צווישן אונז א קעגנזייטיקע התקרבות, וועלכע האט זיך אויסגעדריקט מצד דעם רב אין א ברייטער אפנהארציגקייט. ער האט, דוכט מיר, אפילו געהאפט, אז ער וועט זיך שטארקן איבער מיר אין אונזערע ויכוחים און וועט מיך מאכן פאר א אידן, און איך, כדי נאך מער אים אויסצופארשן, האב אים זיין אילוזיע נישט צושטערט.

ווייל וועגן דעם אידישן מיליטער־דינסט האבן שוין אלע געוואוסט, האבן מיר אפט וועגן דעם געשמועסט. דער רב איז געווען א גרויסער שונא פון דער זאך, ער האט געזאגט, אז דאס איז זייער א שווערע באדריקונג, און ער איז געווען זיכער, אז אדער עס וועט דערפון בכלל גארנישט ווערן, אדער דאס וועט נישט אזוי גיך פארווירקליכט ווערן, און דערווייל וואס ווען — אזוי האט ער געזאגט — קען זיך דער צושטאנד אינגאנצן ענדערן. זיין מיינונג איז געווען, אז ווען איימיצער וואלט דערקלערט דעם קייזער דעם גאנצן מהות פון דער זאך, וואלט ער זיך דאן געוויס אפגעזאגט פון זיין געדאנק.

איך האב, נאטירלאך נישט דערציילט, וואס עס קומט פאר אין

מיניסטעריום, נאר ס׳איז געווען קענטיק, אז ער איז געווען איינער פון די פעטערבורגער אגענטן און האט אויך אן מיר אלץ געוואוסט, ער איז אבער געווען אויף אזוי פיל דעליקאט, אז ער האט מיך נישט געוואלט ברענגען צו א נסיון. אז איך פלעג אים אמאל א זאג טאן אין א וויץ, אז איינער פון זיינע זין וועט נאך זיין סאלדאט, פלעגט ער שטענדיק ענטפערן מיט א היימליכן שמייכל: ״נו, מיר וועלן זען״.

דערווייל זענען אריבער זעקס וואכן, און נאוואסילצעווס מיינונג וועגן דער אידן־פראגע, וואס דער גרויספירשט האט פארשפראכן אריינצושיקן, איז נאך אלץ נישט אנגעקומען. דער קייזער פלעגט ביי יעדן ראפארט פרעגן וועגן דעם אומגעדולדיק דעם מיניסטער, און הייסן מאכן א נייע אנפראגע אין ווארשע. אויף דעם האט דער גרויס־פירשט געענטפערט, אז דער סענאטאָר קלויבט די נויטיקע ידיעות אויפן ארט. עס זענען אוועק נאך א דריי וואכן ביז ס׳האט ביים קייזער ענדליך געפלאצט די געדולד און ער האט באפוילן דעם מיניסטער, מער א מינוט נישט צו ווארטן און צו פארפארטיקן תיכף א ״אוקאז״ צום סענאט, אז צום ערשטן אלגעמיינעם ״נאבאר״ זאלן גערופן ווערן די אידן גלייך מיט אלעמען.

אין צוויי וואכן ארום, נאכדעם, ווי עס זענען פון סענאט פונאנדערגעשיקט געווארן די ״אוקאזן״ וועגן דעם אידישן ״נאבאר״ צו אלע גובערנאטארן און אויך צו דעם גרויס־פירשט אלס העכסטער פארוואלטער איבער די מערבדיקע, דרום־מערבדיקע און ווייס־רוסישע גובערניעס, איז אין מיניסטעריום אנגעקומען פון קאנסטאנטין פאוולאוויטשן א תשובה מיט א בייגעלייגטן ראפארט פון סענאטאר נאוואסילצעוו.

אין דעם דאזיקן ראפארט האט נאוואסילצעוו אויספירליך ארומגערעדט דעם פראיעקט וועגן נעמען אידן צום מיליטער־דינסט, און האט אים דערקלערט פאר זייער נוצליך. דערביי האט ער באמערקט, אז די אידן זענען פון שטענדיק אן טריי דער רוסישער רעגירונג, אז זיי האבן פאר איר גרויסע פארדינסטן, זיין אויספיר איז אבער געווען, אז ס׳איז נאך נישט

געקומען די צייט צו פארווירקליכן דעם פראיעקט, און אז פריער דארפן דורכגעפירט ווערן פארשידענע פאראָרדענונגען, וועלכע זאלן צוגרייטן די אידן צו אזא שווערע איבערקערעניש אין זייער לעבן א. א. וו.

ניקאלאי האט די דאזיקע מיינונג נישט גענומען אין אכט, אבער אויף נאוואסילצעוון האט מען ארויסגעלאזט א קלאנג, אז די ווארשעווער אידן האבן אים אונטערגעקויפט מיט א גרויסע מטבע.

בכלל זענען פארשפרייט געווארן א סך מעשיות, דורך אנטיסעמיטן, געוויינליך וועגן דעם, ווי די אידן האבן אפגעשלאגן די שוועלן ביי די גרעסטע שררות און זיי געוואלט אפשיטן מיט גאלד, אבי נאר זיי זאלן זיך ארויסזאגן קעגן אידישן מיליטער־דינסט, יענע האבן אבער דאס געלט נישט גענומען, ווייל זיי זענען געווען גרויסע נקי־כפים׳ניקעס...

באזונדערס כאראקטעריסטיש איז איינע פון די מעשיות וועגן דעם, ווי אזוי ניקאלאיען איז איינגעפאלן נעמען קליינע אידישע קינדער פאר סאלדאטן. די דאזיקע מעשה ווערט געבראכט כמעט אין אלע רוסישע היסטארישע זשורנאלן, אבער אין פארשידענע װאַריאַנטן, אזוי אז ביי יעדן שריפטשטעלער ווערט אנגערופן דער הויפט־העלד פון דער געשיכטע מיט א אנדער נאמען. דער יסוד איז אבער ביי אלעמען איינער און דער זעלבער. א געוויסער נ. י. אריסטאוו דערציילט פון יענער עפאכע פאלגענדעס:

— מיט גרויס שרעק האבן אידן דערהערט די דאזיקע ביטערע נייעס, בליץ־שנעל האט זיך פונאנדערגעטראגן איבער אלע קהלות אין רוסלאנד די ידיעה וועגן דער גרויסער סכנה. אומעטום האט מען אויסגערופן תעניתים און געקליבן נדבות. אין פארלויף פון חודש האט מען צונויפגעזאמלט עטליכע הונדערט טויזנט רובל. די דאזיקע סומע איז באשטימט געווארן אויף משחד זיין די איינפלוסרייכע ביוראקראטן אין פעטערבורג, זיי זאלן זיך משתדל זיין, נישט צו דערלאזן איינפירן מיליטער־דינסט פאר אידן. די אידישע גבירים די אנפירער פון די קהלות, האבן גענומען דאס געלט און זענען אוועקגעפארן אפצוטאן דעם עסק, אין דאס מערסטע פאלן זענען זיי געווען צופרידן, ווייל זייער השתדלות האט געהאט דערפאלג.

א גרויסע שטערונג האָבן זײ אָבער באַגעגנט אין דעם אומאײגננוציקן, ערליכן גראַף מאָרדווינאָוו, מיט װעלכן עס האָט געהאַלטן דער קײזער. "וואָלט ער כאָטש אַביסל געװען מיט אונז, אָדער װען ער װאָלט צוליב א קראַנקהײטס־פֿאַל נישט געקומען אין מלוכה ראַט, אָדער װען ער װאָלט, אײנפֿאַך, בײ דער זיצונג געזעצן און געשװיגן, דאַן װאָלטן מיר געװיס אױסגעפֿירט". אַזױ פֿלעגן רײדן צװישן זיך די הויף־שררות. און די אידישע פֿאַרשטײער האָבן גענומען באַטראַכטן, װי אַזױ זײ זאָלן קענען צוקומען צום אַדמיראַל מאָרדווינאָוו.

מיט א פּאָר טעג פֿריער, אײדער עס האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען אין מלוכה־ראַט די זיצונג װעגן אידישן מיליטער־דינסט, זענען געקומען שליחים צום גראַף און האָבן געבעטן, ער זאָל זײ באַװיליקן צו שענקען אַביסל צײט. מאָרדווינאָוו איז צו זײ אַרױס און האָט זײ גענומען אױפֿמערקזאַם אױסהערן, אַלס שטאַרקע מענטשן־קענער, האָבן זײ לכתחילה באַרירט די הומאַניסטישע סטרונע, און האָבן, צװישן אַנדערן, געטענה'ט: "װאָס פֿאַר א פֿאַרדינסט װעט זײן פֿאַר אײער דורכלױכט, װען מיליאָנען אונטערטאַנען פֿון דעם קײזער אין גאַנץ רוסלאַנד װעלן אױפֿהײבן א געװײן און קלאָג און װעלן שעלטן מיט טױטע קללות יענע, װאָס זענען שולדיק אױף זײער אומגליק?"

— זאָלן זיך בעסער אױף מײן קאָפּ שיטן די אידישע קללות, — האָט מאָרדווינאָוו געזאָגט מיט א שמײכל, — אײדער אױסצוהערן טענות פֿון מײנע אײגענע פּראַװאָסלאַװנע ברידער, װעלכע זענען די בעלי־בתים פֿון דער רוסישער ערד און פֿאַרדינען יעדע פֿאַרלײכטערונג.

דאַן זענען די אידן צוגעטראָטן צו דעם, לױט זײער מײנונג, װיכטיקסטן פּראַקטישן מיטל און האָבן אָנגעהױבן פֿאַרצולײגן דעם גראַף אומגעהױערע גרױסע געלט־סומעס, כּדי נאָר ער זאָל נישט שטערן יענע, װאָס װעלן אין מלוכה־ראַט אַרױסטרעטן קעגן דעם פּראָיעקט.

— איך האָב ביז אַהער נישט געהאַנדלט, נישט מיטן אמת און נישט מיט מײן געװיסן!... — האָט זײ מאָרדווינאָוו שטאָלץ איבערגעריסן.

— אייער דורכלויכט! ווען מען איז דאס נישט באקאנט, אז אייך מיט ספעדאנסקין קען מען נישט אונטערקויפן? היתכן, אז איר האלט אונז פאר אזוי נידריג און קליין, אז מיר וועלן האבן די העזה צו בעטן אייך, איר זאלט מאכן געשעפט מיט די אומשעצבארע אוצרות פון אייער נשמה? מיר לייגן אייך פאר צוויי הונדערט טויזנט רובל נאר דערפאר, איר זאלט שווייגן אין מלוכה־ראט, און פאר דער דאזיקער סומע קענט איר דאך טאן פיל טובות און חסדים.

— דאס הייסט, אז איר גיט מיר צוויי הונדערט טויזנט רובל נאר פאר דעם, איך זאל שווייגן? — האט זיי דער אדמיראל איבערגעפרעגט — האב איך אייך ריכטיק פארשטאנען?

— גאנץ ריכטיק, נאר פארן שווייגן, קיין אומרעכט דארף דא נישט געטאן ווערן פון אייער זייט.

— אויב אזוי, טא גיט אהער דאס געלט, פאר דער גאנצער צייט, וואס עס וועט אין מלוכה־ראט באהאנדלט ווערן די פראגע וועלכע אינטרעסירט אייך אזוי, וועל איך נישט ארויסלאזן פון מיין מויל קיין איין־איינציק ווארט, נישט פאר אייך און נישט קעגן אייך.

— אייער דורכלויכט חוזק'ט נישט פון אונז? — האבן געפרעגט די שליחים פון קהל, וועלכע האבן, ווי עס ווייזט אויס, נישט געגלויבט זייערע אויערן.

— וואס זאל דא זיין פאר א חוזק? איך בין אייך מבטיח און גיב איין מיין ערן ווארט, אז איך וועל טאן, ווי איך האב געזאגט.

זייער שנעל און פונקטליך האבן זיך די אידן פונאנדערגעזעגנט מיט מארדווינאווון און זענען אין גרויס התפעלות אוועק אהיים, זייענדיק זיכער, אז זיי האבן זייער זאך געוואונען.

די זיצונג אין מלוכה־ראט איז פארגעקומען צו דער באשטימטער צייט מיט דער באטייליקונג פון אלע מיטגלידער. דאס מאל איז דער קייזער אליין

אויך געקומען צו דער זיצונג. מ׳האט אנגעהויבן באהאנדלען די פראגע וועגן אידישן מיליטער־דינסט. דאס מערהייט פון די מיטגלידער האבן גענומען איינער נאך דעם אנדערן אויפוויין מיט באגייסטערונג און מיט התלהבות, וואס פאר א גרויסער שאדן עס וועט ארויסקומען פאר דער רוסישער מיליטערישער דיסציפלין, ווען מ׳וועט נעמען אידן פאר זעלנער. מארדווינאוו האט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט און — געשוויגן.

אלץ שטארקער האבן זיך פונאנדערגעפלאקערט די ויכוחים און דאס אמפערניש, און כסדר לטובת די אידן. מארדווינאוו זיצט ווי פריער, שטיל. ער רעדט נישט קיין ווארט. עפעס ווי די פראגע וואלט אים גארנישט אינטרעסירט. דער קייזער האט נישט איינמאל שארף א קוק געטאן אויף אים, ווענדיק, אז ער זאל זיך אריינמישן אין די דעבאטן און זאל אפווארפן די ארויסגעזאגטע מיינונגען פון די מיטגלידער פון מלוכה־ראט. דער גראף האט אנגעהויבן אויסמיידן דעם קייזערס בליקן און געקוקט אין א זייט. ענדליך האט ניקאלאי אין זייער א שארפן טאן באמערקט מארדיוונאוון:

— דו הויפטזעכליך ביסט באשטאנען אויף דעם, אז מ׳זאל צוציען אידן צום מיליטער־דינסט, איצט ווערט באהאנדלט אזא וויכטיגע פראגע, דו הערסט, אז פיל זענען מיט דעם נישט מסכים און זאגן, אז די פארווירקליכונג פון דעם פראיעקט וועט ברענגען שאדן, פארוואס רעדסטו גארנישט?

— איך קען נישט, אייער קייזערליכע מאיעסטעט!

— וואס הייסט: ״איך קען נישט״? — האט זיך פארוואונדערט דער קייזער — וואס זאל עס באדייטן?

— איך האב געגעבן מיין עהרנווארט נישט צו ריידן, און איך מוז עס האלטן.

דער קייזער האט זיך נאך מער פארוואונדערט און פארווארפן דעם אדמיראל מיט פראגן:

— "וועמען האסטו געגעבן דיין ווארט? פארוואס?" א. א. וו.

מארדווינאוו האט געענטפערט:

— כדי איך זאל שווייגן בעת ס'וועט זיך באהאנדלען אין מלוכה־ראט די אידישע פראגע, האט מען מיר געגעבן א גרויסע סומע געלט.

דערביי האט מארדווינאוו ארויסגענומען פון זיין פארטפעל דאס געלט און עס דערלאנגט דעם קייזער.

— דא איז ריכטיק צוויי הונדערט טויזנט רובל! — האט מארדווינאוו געזאגט, — אויב מיר האבן די אידן פאר איין שווייגן געגעבן אזא גרויסע סומע, טא וויפל האבן שוין גענומען יענע מיטגלידער פון מלוכה־ראט וועלכע האבן דא לטובת די אידישע אינטערעסן אזוי שיין און מיט אזא התפעלות גערדשנט?...

דער קייזער האט זיך פונאנדערגעלאכט, האט געהייסן די צוויי הונדערט טויזנט רובל איבערגעבן דעם אינוואלידן־פאנד און געשלאסן די זיצונג.

אויף מארגן האט ניקאלאי פאר גרויס כעס נאך שטארקער געמאכט די גזירה מיט דעם, וואס ער האט באפוילן צו נעמען פון אידן קליינע קינדער פאר סאלדאטן".

עס איז א פאקט, אז דער פראיעקט וועגן מיליטער־דינסט האט אין זיין צייט געטראפן די רוסישע אידן ווי א דונער, און אז זיי האבן פון אנהויב געגלויבט, אז מיט געלט וועט זיך זיי איינגעבן די זאך צו פאררייבן, און צוליב דעם צוועק זענען זיך צונויפגעפארן געוויסע אידישע כלל־טוער קיין פעטערבורג.

צווישן די דאזיקע עסקנים זאלן זיך האבן געפונען אויך דער דעמאלט נאך גאנץ יונגער יוסף היילפערין. ער איז אבער געוויס נישט געקומען אונטערקויפן די שררות. צו ערליך און צו שטאלץ איז ער געוועזן, ער זאל זיך באנוצן מיט שוחד. גיכער איז דער צוועק פון זיין קומען קיין פעטערבורג

געװוען, משתדל צו זײַן זיך לטובת די אידן פון אַלט־קאָנסטאַנטינאָװ, װאָלינער גובערניע, אויף װעלכע מ׳האָט, צוליב אַ נאַרישקײט, דערלאַנגט ניקאָלאַיען אַ פאַלשע מסירה, אַז אין דעם טאָג, װען עס איז פאַרעפנטליכט געװאָרן דער ״באַפעל״ װעגן אידישן מיליטער־דינסט, האָבן זײ זיך, אַלס צייכן פון פּראָטעסט, צובונטעװעט און געבראַכט צו אומרוען. אויף דעם סמך פון דער מסירה האָט ניקאָלאַי אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צום גרויס־פירשט, ער זאָל די אידישע בונטאַװוטשיקעס איבערגעבן צום מיליטער־געריכט. אָבער דאָס, װאָס עס האָט פּאַסירט אין אַלט־קאָנסטאַנטינאָװ, איז געװוען אין אמתן עפּעס־װאָס אַנדערש. אונטער דעם דערשיטערנדן אײַנדרוק פון ״באַפעל״ האָבן די אידישע אײַנװאוינער, דורכאויס חסידים, געפאַסט און געװײנט אין די שולן, און צום סוף האָבן זײ זיך געכאַפּט פאַר אַ װויכטיקן מיטל: זײ האָבן אָנגעשריבן אַ בקשה מיט אַ אָנקלאַגע צום רבונו של עולם, און האָבן דאָס פּאַפּיר איבערגעגעבן אין די הענט פון אײנעם אַ קהלס־מאַן, װעלכער איז אין יענע טעג אָפּגעשטאָרבן, ער זאָל עס אָפּגעבן װאו מען דאַרף.

די דאָזיקע אָנקלאַגע צום הימלישן קײזער אויפן ערדישן, האָט די אַלט־קאָנסטאַנטינאָװער אַדמיניסטראַציע באַטראַכט װי אַ ״בונד״. אַלס פאַרשטייער פון דער װאָלינער אידישער באַפעלקערונג, האָט דער אַלט־קאָנסטאַנטינאָװער צופאַל אָנגערירט הײלפּערינען טיף אין האַרצן, און פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן זײַן שתדלנישע טעטיקײט.

אין יענער צײַט האָבן זיך גענומען װײַזן אויף װאָלין קלײנע הײפלאַך אַזוי גערופענע ״משכּילים״, װעלכע האָבן מיט זײער אויפפירונג אַרויסגערופן גרויס פאַרביטערונג בײַם אָרטאָדאָקסישן עולם. דער אין זײַן צײַט באַװאוסטער איד־רוסישער זשורנאַליסט און געשװאוירענער אַדװאָקאַט מנשה מרגלית גיט אין זײַנע דעראינערונגען װעגן די דאָזיקע משכּילים פאָלגענדע זײער אינטערעסאַנטע כאַראַקטעריסטיק:

״װער עס האָט נאָר עפּעס פאַרזוכט פון בילדונג, האָט באַלד געפונען פאַר זײַן חוב אויסצוטײלן זיך פון זײַנע גלויבנס־ברידער, עובר צו זײַן עפנטליך אויף די הײליקסטע טראַדיציעס, אָפּצוטאָן אַלערלײ אפּיקורסישע

שטיקלאך און גאנץ אפט זינדיגן אפילו קעגן דער זיטליכקייט. דער ארימער משכיל האט זיך נאך ווי־עס־איז באהאלטן מיט זיינע פרייהייטן, דער רייכער האט זיך אבער נישט געשעמט צו טאן אלץ פאר אלעמען אין די אויגן. וואלטן זייערע מעשים באריירט נאר די ספערע פון דער רעליגיעזע, וואלט מען נאך געקענט מיינען, אז דאס זענען אמתע, פרייגעזאנענע, אבער אויפריכטיקע, ערליכע מענטשן. זיי זענען אבער דערצו געווען אויך נישט קיין בעלי־מידות, און שרעקליכע נידריגע מענטשן, וואס פאר א ווערד האבן די דאזיקע משכילים געקענט האבן אין די אויגן פון אזא קלוגן, פראקטישן פילאזאף, מיט אזא טרייער איבערגעגעבנקייט צו די אינטערעסן פונם אידישן פאלק, ווי ס׳איז געווען יאסיף איזראעלעוויטש הײלפערין?

און וואס ס׳האט געדארפט געשען, איז געשען. הײלפערין האט די ״משכילים״ דערקלערט קריג, קריג אויף לעבן און אויף טויט... אויף דער דאזיקער מלחמה האט ער פארווענדעט א סך פון זיין צייט, פון זיין ענערגיע און פון זיין געלט. די ״משכילים״ זענען אויך נישט געבליבן זיצן מיט פארלייגטע הענט. זיי האבן זיך באלד גרופירט ארום א געוויסער פערזאן, וואס האט זיך געשטעלט בראש פון זיי אלס הײלפערינס פארביטערטער קעגנער.

וועגן דער דאזיקער ״געוויסער פערזאן״ גיט איבער מרגלית פאלגענדע פרטים:

״הײלפערינס קעגנער איז געווען א מענטש מיט א אויבערפלעכליכער בילדונג, וועלכער האט זיך אויסגעצייכנט מיט אלע אייגנשאפטן פון זיין טיפ. ער האט זיך געשטעלט בראש פון דער פארטיי, נאר א דאנק זיין גרויס עשירות און זיין פארנעם אין דער געזעלשאפט, אבער נישט ווייל ער האט געהאט וועלכע־עס־איז מאראלישע פארדינסטן. זיין גאנצע פארטיי איז באשטאנען פון עטליכע מענטשן, פון וועלכע אנדערע, אלס אפהענגיקע, האבן געארבעט געהיים, און אנדערע וועלכע זענען פון קיינעם נישט געווען אפהענגיק, זענען געווען ווייניג ענערגיש, דערצו האבן זיי נאך געארבעט צוזייט און צושפרייט אן א וועלכן־עס־איז סיסטעם. אויב די פארטיי האט ווען־עס־איז געהאט א שטיקל נצחון, איז דאס געשען — אדער דורך א

צופאל, אדער דורך יענע צוויי, דריי טריט פאראויס, וואס היילפערין האט איר גערן אפגעטראטן, כדי ארויפצוואַרפן זיך אויף איר נאכדעם פעסטער און בעסער אויסברעכן די ביינער. דער אנפירער מיט דער משכילים־פארטיי האט פאר דעם הויפט צוועק פון דער מלחמה געהאלטן נישט די דערגרייכונג פון געזעלשאפטליכע צילן, ווי דאס איז געווען דער דעוויז פון ר׳ יוסף היילפערינען, ער איז נאר אויסן געווען די פערזענליכע מפלה פון היילפערינען אליין, אונטערצוגראבן זיין קרעדיט אין די אויגן פון דער רעגירונג, און באזונדערס אין דער פינאנסיסטישער וועלט, אדער פשוט גערעדט, אויסהאבן אים פון ״באלקאן״...

וועגן היילפערינס מלחמה מיט דער משכילישער פארטיי, וועלכע האט אים צום סוף אומגליקליך געמאכט, ווי דער לייענער וועט זען אין דעם ווייטערדיקן קאפיטל זענען נאך ביז היינט פארשפרייט אין ווָאלינער און פאדאליער גובערניעס פארשידענע מעשיות, צווישן אנדערע ווערן דערציילט אויך פאלגענדע פאקטן:

— דורך פארשידענע וועגן האט היילפערין שטענדיק געוואוסט, וואס זיינע קעגנער פלאנעווען צו טאן, און יעדעס מאל פלעגט ער זיך מקדים זיין און צושלאגן זייערע פלענער. בשעת ניקאלאי דער ערשטער האט ארויסגעגעבן דאס געזעץ, אז די טראדיציאנעלע אידישע קליידונג זאל אומגעביטן ווערן אין דער אייראפייאישער, האבן די וואלינער ״משכילים״ באשלאסן אונטערצוזאגן ״נאטשאלסטווא״, אז דער שטאק פינסטערער היילפערין וועט געוויס נישט וועלן דערלאזן, אז די דאזיקע העכסט־נוצליכע רעפארם זאל פארווירקליכט ווערן. דערוויסנדיג זיך באצייטנס וועגן דעם, האט היילפערין געמאלדן דורך דעם בערדיטשעווער ״גאראדניטשי״ אז ער שענקט עטליכע טויזנט ארשין טוך, כדי צו געבן ארימע אידן די מעגליכקייט וואס גיכער צו ערפילן דאס וואוילטעטיקע געזעץ פון דער רעגירונג. דער גענעראל־גובערנאטאר האט באלד היילפערינען ארייגעשיקט א דאנק פאר זיין וואוילגענויגטער אויפמערקזאמקייט צו די געזעצן פון דער רעגירונג, און מ׳קען זיך לייכט פארשטעלן, מיט וואס פאר א אויגן דער זעלבער גענעראל־גובערנאטאר

האט דערנאך אנגעקוקט די דורך הײלפּערינס געניטער האנט אויפגעהאלטענע, און דעריבער פּאַרשפּעטיקטע דערקלערונג פון דער משכּילישע פּאַרטײ װעגן הײלפּערינס קעגנערישע באַציאונג צו דעם רעגירונגס־געזעץ מכח די אידישע מלבושים. דאס איז געװען דער ערשטער קלאַפּ, דורך װעלכן די קעגנער האבן פארזוכט דעם טעם פון הײלפּערינס שאַרפע נעגל.

בעת ניקאלאי דער ערשטער האט זיך אנגעהויבן אינטערעסירן מיט דער אידישער בילדונג, האבן דאן אין בערדיטשעװ גדאַרפט געעפנט װערן צװײ קרוין־שולן פאר אידישע קינדער. א לאנגע צייט האט זיך די משכילים־פּאַרטײ משתדל געװען, מ׳זאל װאס גיכער עפענען די דאזיקע שולן, אבער אן דערפאלג: מ׳האט אין שטאט נישט געקענט געפינען פאר זײ די נויטיקע בנינים. דאס מאל האבן אבער די משכילים אפגעהאלטן דעם נצחון. מיט דער הילף פון דער שול־אדמיניסטראציע, מיט װעלכער הײלפּערין האט נאך נישט באוויזן באקאנט צו װערן, האבן זײ זיך אין געהײם צוזאמענגערעדט מיט א בעל־הבית, װעלכער האט אויסגעבויעט א גרויסע געמויערטע הויז, און האבן בײ אים געפועלט, ער זאל זײ פארדינגען עטליכע צימערן. פארבײיסנדיק די ליפּן, האט הײלפּערין באלד פאר זיך פונאנדערגעעפנט די טירן פון דער שול אדמיניסטראציע, און האט דארט דורכגעפירט זײנע מײנונגען מיט דעם זעלבן גרויסן דערפאלג, װי אין אלע איבעריקע רעגירונגס־אינסטיטוציעס. אנגעהויבן האט זיך עס פון דעם, װאס אויפן הויף פונם הויז, װאו ס׳האט זיך געפונען די שול, האט מען אװעקגעשטעלט א אומגעהיערע גרויסע גלאק אויף צונויפצורופן די קינדער. די בערדיטשעװער אידן האבן אין דעם דערזען א מנהג פון א קלויסטער און האבן געמאכט ״יעלות״. די משכילישע פּאַרטײ האט די דאזיקע ״יעלות״ באטראכט אלס װאונטש אונטערצוגראבן די יסודות פון דער ״השכלה״ און האבן זיך אנגעכאפּט פאר דער גלאק מיט בײדע הענט. אין עטליכע טעג ארום האט מען אבער די גלאק אראפּגענומען, און די תלמידים זענען געקומען אין שול צו דער צייט אויך אן דער גלאק. אין שול אלײן האט מען בײ די פײערליכע אקטן נישט געקענט װיסן, װער עס האט דארט פארנומען דעם אויבן־אן, צו דער ״גאראדניטשי״, צו די קרײז־

ריכטער, אדער ר׳ יוסף היילפערין. דער ״גאראדניטשי״ און דער ריכטער האבן עקזאמינירט די קינדער אין די אלגעמיינע ידיעות, און ר׳ יוסף היילפערין האט זיי עקזאמינירט אין די העברעאישע למודים. בכלל האט היילפערין דא אויך געשאטן מיט גרויסע נדבות, כדי אראפצוווארפן פון זיך יעדן חשד, אז ער באציט זיך קעגנעריש צו די דערפאלגן פון דער בילדונג, און די משכילים־פארטיי האט געשפילט אין דער שול נישט יענע חשובע ראלע, וועלכע זי האט געדארפט שפילן לויט איר בארוף.

היילפערין האט פון דער משכילים־פארטיי נישט אראפגעלאזט קיין אויג, און ער האט איבער איר געפירט א שטרענגע קאנטראל. אלע שבת פלעגן זיך די ״משכילים״ צוזאמענקלויבן הינטער דער שטאט אין א הייפל. דארט פלעגן זיי זיך דערלויבן רויכערן, שפילן אין קארטן א.א.וו. היילפערין האט זיך מיט די דאזיקע שבתדיקע פארוויילונגען פון די משכילים זייער פאראינטערעסירט, און שטענדיק האט ער וועגן זיי געקליבן ידיעות, נישט צוליב נייגעריקייט, נאר כדי צו שטודירן דעם כאראקטער פון זיינע קעגנער און כדי ער זאל קענען ביי א געלעגנהייט פון זיי אפ׳חוזקן. פאר די ענינים פון הייפל האט ער געהאט א באזונדער אדיוטאנט, וועלכער האט געהייסן ״קאצע דער טויבער״.

ער איז געווען א ״יודע ספר״, אים האט אבער היילפערין אלץ מוחל געווען, ווייל ער האט דאך באמת נישט געקענט שיקן שבת אין הייפל א איד אין א יארמולקע מיט לאנגע פיאות. אט דער קאצע פלעגט אלע שבת נאכשפיאנירן די משכילים־פארטיי און שוין אויף מארגן, זונטיק, פלעגט ער אפראפארטירן היילפערינען וועגן וויפל פאפיראסן האט אויסגערויכערט, ווער עס האט געשפילט אין קארטן א.א.וו. אלע זונטיק האט שוין היילפערין אפגעווארט זיין טויבן אדיוטאנט, כדי אויסצוהערן זיין ראפארט.

אויסער קאצען האט נאך היילפערין געהאט א פערזענליכן אדיוטאנט — הערש־מאיר העלד האט ער געהייסן. אן אים האט היילפערין ערגעץ קיין טריט נישט געטאן. הערש מאיר האט אים אומעטום באגלייט. פרייטיק בייטאג איז ביי היילפערינען געווען דער מנהג ארייגצופארן צו זיינע

אויסגעגעבענע טעכטער און פארזוכן ביי זיי זייערע שבתדיקע פיש. ער האט נישט געהאלטן קיין אייגענע פערד, ווייל ער איז געווען געוואוינט צו פראסטקייט און קיין מותרות האט ער נישט געליבט. אבער פארנדיק אפילו אויף א איינפאכער דראזשקע, האט ער שטענדיק געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון דעם פארבייגייענדיקן עולם, וועלכער האט אים שטענדיק מיט גרויס יראת־הכבוד אפגעטראטן דעם וועג. אויפן גאנצן וועג האט זיך געהערט ווי איינער גיט־איבער שטילערהייט דעם אנדערן: ״אט פארט ר׳ יעקב יוסי, אט איז ער, קוקט !״. דערביי איז שטענדיק נעבן אים געזעסן הערש־מאיר, וועלכער האט זיך געשעצט פאר דעם גליקלאכסטן מענטשן אין דער וועלט, און האט דערלויבט דעם פריילאך געשטימטן היילפערינען צו וויצלען זיך איבער אים און טרייבן מיט אים קאטאוועס. הערש־מאיר האט אבער קיין שום געזעלשאפטליכע ראלע נישט געשפילט. אלס היילפעריננס פערזענליכער אדיוטאנט האט ער זיך נאר שטענדיק געפונען ביי אים, אין זיינע אינטערעסן האט ער זיך אבער קיינמאל נישט געמישט.

איינער פון די בארימטע־טוער פון יענער צייט, ווען עס איז אמאל אויסגעקומען צו באזוכן היילפערינען אין בערדיטשעוו, דערציילט וועגן דעם שטארקן איינדרוק, וואס היילפערין האט אויף אים געמאכט. ער גיט איבער די פאלגענדע כאראקטעריסטישע פרטים:

״אריינגייענדיק אין קאנטאר, וועלכער איז געווען גאנץ איינפאך מעבלירט, איז צו מיר ארויס א מאן, וואס האט מיר געגעבן די האנט און מיר אנגעוויזן א שטול צו זעצן זיך קעגן אים. דאס איז געווען היילפערין, א מאן פון מיטעלן וואוקס, אין א לאנגער קאפאטע, מיט א יארמולקע אויפן קאפ, די ברילן זענען געווען ביי אים ארויפגערוקט אויפן שטערן, און די אויגן האבן געבליצט מיט פקחות. מיר האט זיך געדוכט, אז ער שטעכט מיך דורך מיט זיינע בליקן. נאכפרעגנדיק זיך ביי מיר גאנץ דעליקאט וועגן דעם, וואס עס הערט זיך אין ראבינער־שול, האט ער מיט מיר גענומען ריידן וועגן דעם פאלשן מצב, אין וועלכן די משכילים־פארטיי שטעלט זיך אליין. פארזיכערנדיק מיר, אז ער האט גארנישט קעגן די געבילדעטע אידן, האט

ער אויסגעדריקט נאר דעם פארלאנג, זיי זאלן זיך באציען מיט מער סבלנות צו דעם גלויבן פון פאלק. צייטנווייז האט ער מיך ממש באצויבערט מיט דער ווייכקייט פון זיין ריידן און מיט דעם אונערשפרעכליכן קוואל פון זיין ענערגיע. אלץ האט אין אים געדעדט, און זיינע רייד האבן זיך פלאסטיש אפגעשפיגלט אין די באוועגונגען פון זיין קערפער. אויסער די אויגן — אזוי האט זיך מיר געדאכט — האט ער אין מיר ארייגעשטאכן אויך גייסטיקע בליקן, וועלכע זענען געגאנגען פון מארך דורך די אויפן שטערן ארויפגערוקטע ברילן.

— טראכטן זיי דען וועגן זייער פאלק? — האט ער געפרעגט מיט א בייזער, און אין א ווײַלע ארום האט ער א זאג געטאן מיט התפעלות:

— האט איר דען, יונגערמאן, א שטיקל באגריף וועגן דעם וואס עס וואלט געוועזן מיט אונזערע אידן, ווען די גזירה וועגן די "ראזראדן" וואלט פארווירקליכט געווארן? איך האב מיט מיין נשמה פאר זיי געליטן, איך האב קיין נעכט נישט געשלאפן, איך האב געארבעט און אנגעשטרענגט אלע מיינע קרעפטן, ביז איך האב די דאזיקע גזירה מבטל געמאכט. האט זיך ווער פון די דאזיקע שלעפערס באטײליקט מיט מיר אין דער דאזיקער ארבעט? וואס פאר א רעכט האבן זיי צו האלטן זיך פאר די פארשטייער פון פאלק? איך האב איבערגעטראגן אויף זיך זיין פעקל צרות, און איר ווייסט דאך געוויס מיט וועמען איך האב מלחמה געהאלטן, און אויסגעפירט האב איך, א דאנק ג־ט — האט ער פארענדיקט מיט א טיפן זיפץ — וואס ער האט מיר באשאנקען מיט א ענערגיע צום קאמף. איך בין געוועזן נאר זיין באפולמעכטיקטער.

איך האב נאך דאן געהאט זייער א שוואכע פארשטעלונג וועגן "ראזראדן", איך האב נאר געוואוסט, אז דאס איז דאן באטראכט געווארן פאר זייער א שרעקליכע גזירה. איך בין געוועזן טיף גערירט, הערנדיק די ענערגישע רייד פון דעם אויפריכטיקן איד. ער איז אבער פיבערהאפט אריבער פון איין קעגנשטאנד צום אנדערן, ס'איז קענטיג געוועזן, אז ער האט געוואלט אויסניצן די מינוט, אויסצוגיסן פאר מיר זיין הארץ.

פאר מיין אוועקגיין האט מיר היילפערין דערלאנגט די ווערטער: "אויב איר קענט באמת די דאזיקע געבילדעטע פארטיי, טא גייט נישט אין אירע וועגן, זי וועט נאך אייך פארפירן ג-ט ווייסט וואוהין".

ממש א טויט־קלאפ פאר די ווארלינער משכילים איז געווען די ידיעה, וואס האט זיך דערהאלטן, אז דער בילדונגס־מיניסטער אובאראוו רופט ארויס קיין פעטערבורג א קאמיסיע פון עטליכע אידישע פארשטייער, מיט וועלכער ער וועט זיך באראטן וועגן די נייע שולן, און אז אין דער דאזיקער קאמיסיע איז באשטימט געווארן אלס פארשטייער פון ווארלינער אידנטום יאסיף איזראעלעוויטש היילפערין, ביי זיי איז גאר קיין שום ספק נישט געווען, אז היילפערין וועט שוין אויסזוכן און געפינען מיטלען, ווי אזוי אונטערצושטיצן אביסל די רעגירונגס שולן. דאך פיל געוויסער איז געווארן זייער מורא, נאכדעם ווי זיי האבן זיך דערוואוסט, אז אין דער קאמיסיע האט אובאראוו איינגעלאדן אויך דעם ליבאוויטשער רבין ר' מנחם מענדל שנייאורסון וועלכער איז געווען ווייט און ברייט באקאנט אלס קעגנער פון ניקאלאיס שול רעפארמען. אינגיכן האבן אנגעהויבן פליען קיין פעטערבורג פארשידענע אנאנימע מסירות אויף היילפערינען, וועלכע האבן אבער נישט געבראכט צו קיין שום רעזולטאט, ווייל מ'האט אין מיניסטעריום גאנץ גוט פארשטאנען פונוואנען דאס שטאמט, דערפאר אבער האבן געהאט א שטיקל ווירקונג די פאסקווילן, וועלכע ס'זענען דערהאלטן געווארן וועגן ר' מענדל ליובאוויטשער. די דאזיקע פאסקווילן זענען פון דעם בילדונגס־מיניסטער איבערגעגעבן געווארן צום אינערן־מיניסטער, וועלכער האט ר' מענדעלען אוועקגעשטעלט אונטער דער געהיימער השגחה פון דער מאהילעווער פאליציי. פון זיין אנטייל אין דער פעטערבורגער קאמיסיע האט עס אים אבער נישט געשטערט.

וועגן דער עצם נסיעה פון היילפערינען מיט ר' מענדעלען קיין פעטערבורג, דערציילט מען אייניקע זייער אינטערעסאנטע פרטים. לויט א פריערדיקן מדובר איז היילפערין אריינגעפארן קיין ליובאוויטש נעמען מיט זיך דעם רבין. אין ווילנע האבן זיי זיך אפגעשטעלט אויף א פאר טעג און אפגעהאלטן בארעטונגען מיט די דארטיקע כלל־טוער. בשעת די דאזיקע

באַראַטונגען האָבן זיך אַרויסגעװיזן שטאַרקע חלוקי־דעות. ר׳ מענדעלע און הײלפּערין זענען געװען פאַר דעם, אַז די אָנפירונג מיט דער דערציִאונג פון דער אידישער יוגנט זאָל איבערגעגעבן װערן נאָר אין די הענט פון די אָרטאָדאָקסיש־געשטימטע אידן און נישט אַנטרויען איר בשום־אופן די משכּילים. קעגן דעם פּראָיעקט זענען אָבער שאַרף אַרויסגעטראָטן עטליכע פון די װילנער אָרטאָדאָקסן, װעלכע האָבן געטענהט, אַז מען דאַרף טאַקע פאָדערן פון דער רעגירונג אַ שטרענג־רעליגיעזע דערציִאונג פאַר די אידישע קינדער, אָבער די משכּילים טאָר מען נישט מרחיק זײן, װײל די אמתע פּעדאַגאָגישע קענטענישן געפינט מען נאָר בײ זײ. צום סוף איז געבליבן, מ׳זאָל אָרויספאָרן זיך מיישב זײן װעגן דעם מיט דעם גרויסן גאון און װעלט־חכם ר׳ איטשעלע װאָלאָזשינער.

דאָ האָט זיך דערװעקט די פראַגע: װער זאָל פאָרן קײן װאָלאָזשין? הײלפּערין האָט זיך באַלד אָנגערופן, אַז ער איז גרײט צו פאָרן, נאָר בתנאי, אַז ר׳ מענדעלע װעלכער פאַרטרעט אײן שטאַנדפּונקט מיט אים, זאָל אויך צושטײן צו דער נסיעה. ר׳ מענדעלע האָט זיך אין אָנהויב שטאַרק געקװענקלט, ער האָט אָבער נישט דערקלערט פאַרװאָס ער זאָגט זיך אָפּ. דאַן האָט זיך אויפגעשטעלט אײנער אַ װילנער זקן, אַ פאַרברענטער מתנגד, װעלכער האָט אַנטײל גענומען אין דער באַראַטונג, און זיך אָפּגערופן, װענדענדיג זיך באַזונדערס צו ר׳ מענדעלען:

— איך אַלײן בין געװען אַ עד־ראיה, װי אַמאָל װינטער, אין אַ גרויסן, ברענענדיקן פראָסט, איז ר׳ איטשעלעס פאָטער, ר׳ חיים װאָלאָזשינער, זכרונו־לברכה, געקומען אײנגאַנצן אַ צובראָכענער אַהער קײן װילנע, כּדי מקבל־פּנים צו זײן און צו טרײסטן אײער זײדן, ר׳ שניאור זלמן, זכרונו־לברכה, בשעת ער איז געקומען שוין אַ צװײטן מאָל אויסטענהן זיך מיט די װילנער גאונים און האָט בײ קײנעם קײן געהער נישט געפונען. איר מעגט, איך לעבן, רבי, אָפּצאָלן איצט ר׳ איטשעלען דעם חוב, װאָס אײער זײדע איז געבליבן שולדיק זײן פאָטער פון לאַנג־אָן...

די װערטער האָבן געװירקט, און ר׳ מענדעלע מיט עטליכע פון די

ווילנער עסקנים זענען אראפגעפארן אויף א ישוב־הדעת צו ר׳ איטשעלען קיין וואלאזשין.

ווי נאר ר׳ איטשעלע האט זיך דערוואוסט וועגן ר׳ מענדעלעס אנקומען קיין וואלאזשין, איז ער תיכף אוועק צו אים אויף דער אכסניה און האט אים מיט ווארימע ווערטער אפגעדאנקט פאר דעם גרויסן כבוד, וואס ער האט אים אנגעטאן, אראפפארנדיק קיין וואלאזשין. ר׳ מענדעלע איז פון דעם דאזיקן ערשטן קבלת־פנים געבליבן שטארק צופרידן.

אין דעם זעלבן אוונט האט אבער ר׳ איטשעלע אין א פארטרויליכער זיצונג זייער שארף ארויסגעטראטן קעגן ר׳ מענדעלעס מיינונג וועגן מרחיק זיין די משכילים פונם אידישן שול־וועזן. ר׳ איטשעלע האט געווארנט, אז דאס איינרייסן זיך מיט די משכילים אויף אזא אופן, איז עלול ארויסצורופן א פירוד־הדעת, וועלכער קען ווירקן קאטאסטראפאל אויפן גאנצן רוסישן אידנטום, מיט גוטן וועט מען דאך אפשר מיט די משכילים קענען דורכקומען, אבער מיט בייזן זענען זיי שטארקער, ווייל מיט זיי האלט ניקאלאי...

— דא — דערציילט מען — האט זיך היילפערין נישט געקענט איינהאלטן, האט געגעבן מיט דער האנט א שטארקן קלאפ איבערן טיש און אויסגערופן אויפן קול:

— ס׳איז נישט אזוי, רבי! ניקאלאי איז נישט מיט זיי, נאר מיט אונז...

אויף דעם זאל אים ר׳ איטשעלע האבן געענטפערט:

— נעמט נישט פאר אומגוט, ר׳ יעקב יוסי, באטראכט נאר, אז ניקאלאי שמדט אפ אונזערע קליינע קינדער...

— ווער אזעלכער איז דאס ניקאלאי? — האט היילפערין אויסגעשריגן — ניקאלאי איז דער ״גאראדניטשי״, און מיט א ״גאראדניטשי״ קען מען מאכן וואס מען וויל, איך ווייס עס פון דער פראקטיק...

דער סוף איז געװען, אַז געזיגט האָט ר׳ איטשעלעס מײנונג און ס׳איז באַשלאָסן געװאָרן נישט אָפּצוטרעטן פון די אָרטאָדאָקסישע פּאָזיציעס. אָבער זוכן יעדעס מאָל אַרײַנצוגײן אין אַ קאָמפּראָמיס מיט די מעסיקע משכּילישע פאָרשטײער. דער דאָזיקער באַשלוס איז נאָך געװאָרן פעסטער, נאָכדעם, װי הײלפּערין מיט ר׳ מענדעלען זענען געקומען צוריק קײן װילנע און האָבן זיך דאָרט דערװאוסט, אַז מצד די משכּילים װעט זיך באַטײליקן אין דער קאָמיסיע דער אָדעסער שול־טוער און פּעדאַגאָג, בצלאל שטערן, װעלכער איז געװען באַקאַנט אין די ברײטע אידישע קרײַזן אַלס װײניקער רעדיקאַל פון אַנדערע בנוגע די דערציאונגס־פּראָבלעמען.

אַנגעקומען קײן פּעטערבורג, האָט הײלפּערין שױן אױפן צװײטן טאָג באַקומען אַ אױדיענץ בײַם בילדונגס־מיניסטער גראַף אובאַראָװ.

מען דערצײלט, אַז בשעת דער דאָזיקער אױדיענץ זאָל הײלפּערין, צװישן אַנדערן, האָבן געזאָגט דעם מיניסטער אױף פּאַלגענדיקעס:

— מיר אידן, דאַנקען אײַך זײער פאַר די טובֿות און חסדים, װאָס איר טוט מיט אונזערע קינדער, מיר װאָלטן אײַך אָבער געװאָלט בעטן, צו־פיל מיט זײ נישט מטיב צו זײַן, װײַל זײ קענען נאָך חלילה אַװעק פון אונז...

זינט מ׳האָט הײלפּערינען אױסגעקליבן אַלס מיטגליד פון דער שול־קאָמיסיע איז די שׂנאה צו אים מצד די װילנער משכּילים געװאָרן נאָך פיל גרעסער. אַ היפּשע ראָלע האָט אין דעם געשפּילט אױך די אַמביציע. זײ איז זײער נישט אָנגעשטאַנען, אַז דװקא זײער פאַרביסענער קעגנער האָט צו זאָגן אַ דעה אין די ענינים פון דער אידישער בילדונג, און זײ האָבן גענומען פון אַלע זײַטן רודף הײלפּערינען פּערזענליך. אױף די קאָנטראַקטן אין קיִעװ האָט מען פאַרשפּרײט קלאַנגען, אַז עס זענען בײַ אים אַװעק שלעכט די געשעפטן און אַז ער האַלט בײַם אָנזעצן. מיטאַמאָל האָבן אַלע קרעדיטאָרן אָנגעהױבן פאָדערן בײַ אים זײער אײַנגעלײגט געלט. אױף װיפל ס׳איז געװען מעגליך, האָט ער געצאָלט, דערנאָך האָט זיך די מאַשין אָפּגעשטעלט. מיטן פאַלן פון הײלפּערינס באַנק, זענען אײַנגעפאַלן פיל פרעמדע אונטערנעמונגען און אַ סך מענטשן זענען געװאָרן בדיל־הדל.

היילפערין איז דערקלערט געווארן אלץ אנזעצער, און זיינע קרעדיטארן האבן אים ארייגעזעצט אין טורמע.

"ווען איך דערמאן מיך איצט — אזוי דערציילט מנשה מרגלית — וואס פאר א סוף ס'איז אויסגעגאנגען דעם דאזיקן העלד פון זיין תקופה, און ביי וועלכע באדינגונגען ער איז אראפ אין קבר, ווערט מיר מיין הארץ פארגאסן מיט בלוט, א מענטש, וואס האט געהאלטן אין זיינע הענט א גאנצן קאנט, וואס האט פארגעשריבן לייטן געזעצן, וואס האט געקעמפט מיט דערפאלג מיט די גרעסטע שררות, נישט פאר זיך, נאר פאר זיין פאלק — אט דער מענטש האט פארענדיקט זיין לעבן אין טורמע, איינזאם, פון אלעמען פארלאזן, און ערשט פאר זיין טויט האט מען אים אויף א טורמע־בעטל אריבערגעטראגן ערגעץ וואו, אבער נישט צו אים אהיים, כדי נישט צו לאזן אים שטארבן צווישן פארברעכער. היילפערין איז געשטארבן ווי א העלד, אזוי ווי ער האט העלדיש געלעבט. קיינער האט נישט באפוצט זיין קבר מיט בלומען־קרענץ, קיינער האט נאך אים קיין פאלקס־טרער נישט פארגאסן. דער אן־הארציקער המון, פאר וועלכן ער האט געליטן, זיך געפייניקט און פאראומגליקליכט געווארן, האט אים נישט דערמאנט מיט א גוט ווארט. מ'האט מיר אויך איבערגעגעבן, אז בשעת ער איז קראנק געווארן אין טורמע און איז נאך געווען ביים באוואוסטזיין, האבן אים די אומברחמנותדיקע קרעדיטארן געוואלט באפרייען, ער האט אבער מיט פאראכטונג אפגעווארפן זייער פארשלאג, און האט אויסגעדריקט זיין ווילן אויסצוטרינקען דעם ביטערן בעכער ביזן דעק. זיין שטאלצע נשמה האט אים נישט דערלויבט צו באנוצן זיך מיט א חסד, און האט געלאזן זיינע קעגנער מקבל־נחת צו זיין ביז צום סוף פון זיינע יסורים. דאס איז געווען א אמתער העלד"...

## צוועלפטער קאפיטל:
## ר׳ יענקעלע קאוונער

א עלנדער יתום — ראש ישיבה און מורה הוראה — די דעלעגאציע צום קייסער — בוימל צומישט זיך נישט מיט וואסער — אין שפיץ פון דער רבנים קאמיסיע — אויסגעפועלט רעכט פאר אידן — מלאך מושיע — א נייע צרה פון דעם משומד בראפמאן — א טויט קלאפ פארן משומד — געשטארבן דער מלאך מושיע



גוים שיכורן זיך אן ביים פאגראם

# ר׳ יענקעלע קאוונער

מיטן סוף פונם קרימער קריג און מיטן טויט פון ניקאלאי דעם ערשטן האט אויסגעוויזן, אז די שתדלנות אלס פאליטישער אידישער אינסטיטוט הויבט אן פארלירן אונטער זיך דעם באדן.

מיט דעם טראן־באשטייגונג פון אלעכסאנדער דעם צווייטן, וועלכער איז געווען פון דער נאטור א ווייכער מענטש און ליבעראל־געזאנען, האבן א בלאז געטאן אין רוסלאנד נייע פרייע ווינטן, די געזעצגעבונג בכלל איז געווארן פראגרעסיווער, הומאנער. באלד האט זיך עס אנגעהויבן פילן אויך אין אידישן לעבן. דער באזונדערער דעספאטיזם, מיט וועלכן מען איז זיך מיט זיי באגאנגען אין ניקאלאיס צייטן, האט אויפגעהערט. מ׳האט שוין מער נישט גענומען ביי אידן קליינע קינדער צום מיליטער, און די אפגעגעבענע אידישע סאלדאטן האט מען נישט גענויט צום שמד. מ׳האט מער נישט געטריבן קיין אידן פון די דערפער, ביסלאכווייז האט מען געעפנט פאר אידן די טויערן פון בילדונג, מ׳האט זיי אויפגענומען אן פראצענטן אין די מיטעלע און אין די הויכשולן. געוויסע קאטעגאריעס אידן, באזונדערס די דיפלאמירטע, האבן באקומען ברייטע רעכט, און לויט דער ענדערונג צום גוטן, וואס איז פארגעקומען אין דער באציאונג פון דער רעגירונג צו די אידן האט מען געקענט האפן, אז מיט דער צייט וועט זייער מצב ווערן אלץ בעסער און בעסער.

ביי אזעלכע באדינגונגען זענען די שתדלנים כמעט ווי איבעריג געווארן. די קהלות האבן נישט געהאט קיין באדערפעניש צו האלטן אין פעטערבורג באזונדערע שתדלנים, וואס זאלן זיך משתדל זיין פאר דער רעגירונג לטובת אידן ביי יעדער עת־צרה. מ׳האט געקענט מיינען, אז די רעגירונג אליין שטייט אויף דער וואך פון אידישע אינטערעסן באופן, אז מ׳דארף איר שוין גארנישט דערמאנען, וואס זי האט צו טאן.

אבער אויך דעמאלט איז נאך די אידישע שתדלנות נישט בטל געווארן. זי האט זיך נאר א רוק געטאן פון דער הויפט־שטאט אין דער פראווינץ, פון די עכסטע רעגירונגס־אינסטאנצן צו די מיטלע. דער אנטיסעמיטישער גייסט, מיט וועלכן עס איז געווען אנגעזאפט די פאליטיק פון ניקאלאי דעם ערשטן בנוגע אידן האט נאך געשוועבט אין דער לופט פון דער פראווינץ. די פארשידענע אדמיניסטראטארן אויף די ערטער, די גענעראל־גובערנאטארן אין די גובערניעס פונם "תחום" האבן זיך נישט געקענט שיידן מיטן געדאנק, אז צו אידן דארף מען זיך באציען ווי צו בירגער פון א נידריקער מדרגה, און שטענדיק געהעצט פון דער ארטיקער קריסטליכער באפעלקערונג, האבן זיי צייטנווייז אפגעשיקט קיין פעטערבורג זייער נישט קיין גוטע באריכטן וועגן די אידישע מאסן און אויפגעפאדערט די רעגירונג אנצווענדן צו זיי א באזונדערס שטרענגע רעפרעסיווע פאליטיק. ס'האבן געטראפן פאלן, ווען איינצעלנע גענעראל־גובערנאטארן האבן פארגעלייגט דער רעגירונג גאנצע פראיעקטן קעגן אידן. די רעגירונג האט זיך אפילו נישט געאיילט די פראיעקטן אנצונעמען, זי האט זיי אבער איבערגעגעבן פארשידענע קאמיסיעס, און דאס אליין האט אויך זייער נישט געלוינט פאר אידן.

נעמענדיק דאס אין אכט, האבן די גרעסערע אידישע קהלות אין ליטע און ווייס־רוסלאנד, און אויך אין פוילן, געפונען פאר נויטיק צו האבן באזונדערע שתדלנים ביי די גענעראל־גובערנאטארן. די פונקציע פון די דאזיקע שתדלנים איז געווען אויפצוקלערן דעם גענעראל־גובערנאטאר וועגן דעם אידישן לעבן. אויפמערקזאם צו מאכן אים אויף די אינטריגעס פון די אידישע שונאים, און מוסיף זיין דערצו אמאל הייסע בקשות אונטער זיפצן און טרערן, און אמאל — אזעלכע פאלן זענען פארגעקומען נישט זעלטן — א וועלכע עס איז מתנה פאר אים אליין, אדער פאר דער פרוי וועלכע האט זיך תמיד ארויסגעוויזן אלס פיל גוטהארציקער פון איר מאן...

צווישן די דאזיקע פראווינציעלע שתדלנים, וואס דאס ליטווישע און דאס ווייס־רוסישע אידנטום איז זיי פארבליבן אויף אייביק דאנקבאר, האט

זיך באזונדערס אויסגעצייכנט דער גאון ר׳ יענקעלע קאוונער אין ווילנע, ווי דער לייענער וועט זען אין די ווייטערדיקע קאפיטלען.

ר׳ יענקעלע קאוונער איז געבוירן אין יאר תקנ״ז אין סימנע, א קליין שטעטל אין סובאלקער גובערניע. זייענדיק א קינד פון פינף יאר, האט מיט אים געלערנט זיין פאטער, א איד א למדן, און נאך דאן האבן זיך שוין ארויסגעוויזן זיינע וואונדערליכע פעהיקייטן. באזונדערס אויפפאלנד איז געווען די אומגעהויערע קראפט פון זיין זכרון. צו אכט יאר האט ער געקענט אויף אויסנווייניג גאנץ תנ״ך און די 6 סדרים ״משניות״. דאן האט אים דער פאטער אפגעגעבן צו א אלטן מאן, א למדן מופלג, וועלכער איז כל־ימיו געזעסן על התורה ועל העבודה אין דעם שטעטלדיקן בית מדרש. ביי דעם זקן האט דאס אינגל אפגעלערנט פיר ״זמנים״, און אין יענער צייט איז ער קלאר געווארן אין צוויי סדרים גמרא, פון דעמאלט אן האט ער שוין געלערנט אליין. צו צוועלף יאר זענען אים אפגעשטארבן זיינע עלטערן, און ער איז געבליבן א עלנטער יתום. פערצן יאר אלט איז ער געקומען קיין קאוונע. אן א גראשן אין טאש האט ער ארומגעבלאנקעט איבער די גאסן, ביז ער האט זיך פארשלעפט אין דאס פארשטעטל סלאבאדקע און איז דארט אריין אין בית־מדרש, וואו ער האט דערזען עטליכע צענדליק בחורים זיצן ארום א טיש, און א אלטער מאן זאגט פאר זיי א ״שיעור״. באלד האט ער זיך אריינגעמישט אין לערנען און האט אלעמען אריינגעבראכט אין גרויס דערשטוינונג מיט זיין גאונישן מח. פון דעמאלט אן האט אים דער ראש־ישיבה אריינגענומען צו זיך און אויסגעהאלטן מיט אלע הוצאות.

דריי יאר האט ר׳ יענקעלע פארבראכט אין סלאבאדקער ישיבה. די גאנצע צייט האט ער געלערנט מיט גרויס התמדה זעכצן שעה נאכאנאנד אין מעת־לעת. צו אכצן יאר איז ער געווען קלאר אין גאנץ ש״ס און פוסקים. דא האבן זיך אויף אים פארנומען אין קאוונע א סך בעלנים, וועלכע האבן אים געוואלט נעמען פאר א איידעם, דען אויסער זיין גייסטיקער גרעסטנקייט, איז ער אויך געווען זייער שיין אין וואוקס. אין יענעם יאר האט זיך מיט אים מתחתן געווען איינער פון די קאוונער גבירים, א איד א מיוחס פון דער פאמיליע באריט. זעקס גליקליכע יאר האט ער פארבראכט אין דעם הויז פון

זיין רייכן שווער. אין משך פון דער צייט איז ער נאך מער אויסגעוואקסן אין לערנען און אויך אין וועלטליכער בילדונג. קאוונע, אלס נאהנטע שטאט פון דער דייטשער גרעניץ איז שוין דאן געווען אנגעשמעקט מיט דער אזוי גערופענער ״השכלה״ און דאס האט געהאט א ווירקונג אויך אויף דעם יונגן ר׳ יענקעלען. ער האט זיך דערווארבן א גרויסע ידיעה אין רוסיש און דייטש, אין פראנצויזיש און אין פארשידענע וויסנשאפטן, באזונדערס אין מאטעמאטיק, אלגעמיינע געשיכטע און געאגראפיע, צו וועלכע ער האט ארויסגעוויזן א שטארקע נייגונג. אויפן זיבעטן יאר נאך דער חתונה איז אים אפגעשטארבן זיין פרוי, און דאן איז ער ארויס וואוינען קיין ווילנע, וועלכע איז שוין דעמאלט געווען א גרויסער צענטער פון תורה און חכמה.

אויך אין ווילנע האט מען באלד דערקענט די גאונות פון דעם פינף און צוואנציק יעריקן ר׳ יענקעלע קאוונער, און אינגיכן איז ער דארט געווארן א גרויסער מקורב צו אזעלכע אין יענער צייט בארימטע פערזענליכקייטן ווי ר׳ חיים נחמן פרנס, דער ווילנער שטאט־מגיד ר׳ פייוול, די גאונים ר׳ יחזקאל לאנדא און ר׳ יצחק שירווינטער און אנדערע.

אין ווילנע האט ר׳ יענקעלע גענומען א צווייטע פרוי, א טאכטער פון א גרויסן עושר. ער האט אבער נישט געוואלט עסן קיין קעסט, ווי דער דעמאלטיקער מנהג, און האט זיך מיטן נדן געעפנט א בראנפן־ברויז. דאס געשעפט איז אים גוט אוועקגעגאנגען, און ער האט געהאלטן פון אים נתעשר צו ווערן. האט אבער ניקאלאי דער ערשטער אין יאר תר״ה ארויסגעגעבן א באפעל אפצונעמען ביי אלע אידן די ברייזער. צוליב דער דאזיקער גזירה איז ר׳ יענקעלע גיך פארארימט געווארן און איז געבליבן כמעט אן ברויט.

גראד האט ר׳ חיים נחמן פרנס אין יענער צייט געעפנט א ישיבה פאר יונגעלייט, וועלכע שניידן זיך אויף רבנות, און קענענדיק ר׳ יענקעלען פאר א גרויסן גאון און אויסגעצייכנטן בעל־מסביר, האט ער אים אויסגעקליבן אלס ראש־ישיבה. די נייע מאדערנע תקונים, וואס ר׳ יענקעלע האט איינגעפירט אין דעם ״סדר־הלמודים״, זיין קאמפף קעגן דעם פלפול און די



האר־שפאלטעריי, זיין אופן לערנען לויט דער ריינער, געזונטער לאגיק, אן קונצן און בויך־סברות, האבן צוגעצויגן צו זיין ישיבה תלמידים פון נאענט און פון ווייט. צווישן די תלמידים, וואס האבן איבערגענומען זיין נייעם שטייגער לערנען, האבן זיך באזונדערס געמאכט א שם אין דער וועלט די ווילנער מורה־הוראות, די גאונים ר׳ בצלאל און זיין ברודער ר׳ שלמה.

ר׳ יענקעלעס פאפולאריטעט איז געוואקסן פון טאג צו טאג און דאן האבן זיך געפונען אייניקע שטעט, וואס האבן אים געוואלט נעמען פאר א רב. ער האט זיך אבער תמיד אפגעזאגט פון רבנות און יעדעס מאל געענטפערט: איך וויל אליין זיין א בעל־הבית אויף זיך, און וויל נישט, אז אנדערע זאלן אויף מיר האבן א דעה. אזוי זענען אוועק פיל יארן און ער האט בשום־אופן קיין רבנות נישט געוואלט אננעמען. אבער אין יאר תרט״ז האט זיך די לאמזשער קהלה פארגענומען נישט אנדערש, אז זי מוז באקומען ר׳ יענקעלע קאוונער פאר א רב. די גרעסטע לאמזשער גבירים האבן אים אין אנהויב פארווארפן מיט בריוו, נאכדעם האבן זיי אנגעהויבן שיקן צו אים א דעלעגאט נאך א דעלעגאט מיט איינלאדונגען, און אזוי האבן זיי אים ממש קיין רו נישט געגעבן, ביז ער האט ענדליך מסכים געווען, און האט שוין אויך גענומען מאכן הכנות צום וועג.

ווי נאר מ׳האט זיך אין שטאט דערוואוסט, אז ר׳ יענקעלע קאוונער האלט ביים ארויספארן קיין לאמזשע, זענען צו אים אוועק די מנהיגים פון דער ווילנער קהלה און אים געבעטן, ער זאל זיי נישט אנטאן די חרפה און זאל זיי נישט פארלאזן, נאכדעם ווי ער האט צווישן זיי אפגעוואוינט אזוי פיל יאר. באלד אויפן ארט האבן זיי אים דערלאנגט א כתב אלס מורה־הוראה מיט א מאנאטליכן געהאלט פון קהל. פון דעמאלט אן איז ר׳ יענקעלע פארבליבן אויף ביידע שטעלעס: אלס מורה־הוראה און ראש־ישיבה.

ר׳ יענקעלע האט זיך אבער נישט איינגעשלאסן אין די פיר איילן פון תורה און עבודה. פון דער נאטור איז ער געווען באשאנקען מיט א חוש פאר א געזעלשאפטליכע ארבעט. זיין גרויס פקחות און זיין פראקטישער פארשטאנד האבן געבראכט דערצו, אז פון גאנצן שטאט האט מען צו אים

אנגעהויבן גיין צו האלטן מיט אים עצות וועגן פארשידענע ענינים. נאכדעם ווי עס האט זיך ארויסגעוויזן זיין פעאיקייט פונאנדערצוקלויבן זיך אין די פארפלאנטערסטע פראגן, איז ער געווארן דער איינציקער בורר אין שטאט, צו וועלכן עס האבן זיך געווענדעט מענטשן פון אלע ערליי קלאסן און שטאנדן מיט דער בקשה זיי אויסצוגלייכן אין זייערע געשעפטליכע סכסוכים. אויך קריסטן, וואס האבן זיך פראצעסירט מיט אידן, פלעגן זיך פארלאזן אויף דעם פסק־דין, וואס ר׳ יענקעלע פלעגט ארויסטראגן. איידער צו גיין משפטן זיך אין געריכט, איז בעסער דער ווילנער עולם געגאנגען צו ר׳ יענקעלע קאוונער.

דער ביאגראף פון ר׳ יענקעלע קאוונער גיט די פאלגענדע אינטרעסאנטע כאראקטעריסטיק וועגן זיין הויז:

״ביי אים איז געווען דער צענטער פון דער גאנצער פיל פארביקער ווילנער אידישער אינטעליגענץ. אין איין ווינקל זענען געזעסן די גרעסטע רבנים און גאונים און האבן זיך מפלפל געווען אין דברי תורה, און אין א צווייטן ווינקל האבן צווישן זיך געפירט שמועסן שריפטשטעלער און געלערנטע מכח ענינים פון ליטעראטור און וויסנשאפט, און וואו נאר א שווערע פראגע, וואו נאר א פארפלאנטערטער פראבלעם, סיי אין לערנען, סיי אין פקחות, האט מען זיך געווענדעט צו ר׳ יענקעלען נאך הילף. אויסער די אלע האט מען ביי ר׳ יענקעלען שטענדיק געקענט געפינען אלע ערליי עלנטע, געדריקטע מענטשן, וועלכע זענען געקומען אויסגיסן פאר אים זייערע פארביטערטע הערצער און בעטן ביי אים שטיצע, און ער האט קיינעם נישט אפגעזאגט, פאר אלעמען האט ער זיך משתדל געווען און יעדערן האט ער געהאלפן ווי ווייט ער האט נאר געהאט דערצו די מעגליכקייט״.

אין יאר תר״ז בשעת די רעגירונג פון ניקאלאי דעם ערשטן האט געעפנט אין ווילנע די ראבינער־שול און באשטימט א קריסט אלס דירעקטאר, איז ר׳ יענקעלע קאוונער געווען כמעט דער איינציקער, וועלכער האט געהאט אין זיך די דרייסטקייט אויסצודריקן אין דער עפנטליכקייט זיין גרויסע אומצופרידנהייט מיט דעם וואס די דערציאונג פון דער אידישער יוגנט

ווערט איבערגעגעבן אין פרעמדע הענט. שפעטער האט מען אים אויסגעקליבן אלס עקזאמענאטאר פון תלמוד און שולחן־ערוך אין די העכערע קלאסן פון ראבינער־שול. די געענדיקטע אלס קאנדידאטן אויף ראבינער שטעלעס פלעגן מוזן פון אים באקומען א מין "סמיכה", אז זיי זענען באהאוונט ווי געהעריק אין די אידיש־רעליגיעזע למודים. ער האט פארשטאנען ברענגען צו דעם, אז די קריסטליכע פארוואלטונג פון ראבינער־שול האט זיך גערעכנט מיט זיין אויטאריטעט, און דער דירעקטאר מיטן אינספעקטאר פלעגן זיך גאנץ אפט קומען באראטן מיט אים וועגן פארשידענע פעדאגאגישע פראגן.

ר' יענקעלע קאוונער איז געווען דער איינציקער צווישן די רבנים און גאונים אין ליטע און ווייס־רוסלאנד, וואס האט גערעדט פליסיק רוסיש. דורכדעם איז ער געווארן זייער פאפולער, און שפעטער אויך באליבט, ביי דער העכערער מאכט פון קאנט. ביי די ווילנער גענעראל־גובערנאטארן און גובערנאטארן איז ער געווען שטענדיק א גאנצער "בן־בית", און פלעגט ביי זיי יעדעס מאל אויספועלן אלערליי טובות פארן אידישן כלל און פאר יחידים.

די לעצטע פערציקער יארן איז די אידישע לאגע אין רוסלאנד געווארן באזונדערס שווער צוליב די אפטע גזרות און באגרעניצונגען אין מסחר און אין וואוינרעכט. אידן האבן זיך ממש געטרונקען אין צרות, און מ'האט געזען באשיינפערליך, ווי זיי גייען צו גרונט פון טאג צו טאג. דערצו האט נאך אלעמען געדריקט די מורא פון דער גזרה פון די "ראזראדן", וועלכע האט געדראט מאסן אידן פארשיקט צו ווערן קיין סיביר. דאס הייסע אידישע הארץ פון ר' יענקעלע קאוונער האט זיך באגאסן מיט בלוט פון זארג פארן ביטערן גורל פון זיינע ברידער, טאג און נאכט האט ער זיך באראטן מיט ווילנער שטאט־פרנסים וואס צו טאן. ער האט אבער קיין עצה נישט געפונען.

האט גראד געדארפט פאסירן, אז אין א געוויסן טאג איז ר' יענקעלע דערגאנגען פון דעם דעמאלטיקן ווילנער גובערנאטאר, ביביקאוו, אז אינגיכן דארף ניקאלאי דורכפארן ווילנע אויפן וועג קיין האמעל. באלד

האָט ביי ר׳ יענקעלען אויפגעבליצט דער געדאַנק, אַז די אידן דאַרפן זען אויסצונוצן דעם קייזערס נסיעה און אויסריכטן צו אים אַ דעפּוטאַציע, וועלכע זאָל אים דערלאַנגען אַ מעמאָראַנדום וועגן דער אידישער לאַגע, מיט אַ בקשה מבטל צו מאַכן די גזירות. נאָך אין דעם זעלבן אָוונט האָט ר׳ יענקעלע צונויפגערופן צו זיך די גרעסטע אידישע פּערזענליכקייטן אויף אַ פּאַרטרויליכער זיצונג, אויף וועלכער ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די דעפּוטאַציע דאַרף באַשטיין פון אויסגעקליבענע נישט בלויז פון ווילנער אידן, נאָר פון אַלע ליטווישע און ווייס־רוסישע קהלות. שוין אויף מאָרגן האָט מען פון ווילנער קהל אַרויסגעשיקט עקסטרע־שלוחים אין די גרעסערע אידישע צענטערן, און אין משך פון עטליכע טעג זענען דורכגעפירט געוואָרן די וואַלן פון די דעפּוטאַטן, בסך־הכל צען פּערזאָן. מיט אַמאָל האָט זיך אָבער ר׳ יענקעלע דערוואוסט, און אַלץ פון דעם זעלבן ביביקאָוון, אַז דער קייזער האָט געענדערט דעם מאַרשרוט פון זיין נסיעה, און אַז ער וועט פאָרן פון פּעטערבורג קיין האָמעל נישט דורך ווילנע, נאָר דורך וויטעבסק. ר׳ יענקעלע איז געוואָרן צוטומלט, ער האָט אָבער באַלד געפאַסט מוט און באַשלאָסן זיך לאָזן מיט דער דעפּוטאַציע קיין וויטעבסק, אָבער שוין נישט אַלע צען נאָר זאַלבעדריט: ער און נאָך צוויי. אין וויטעבסק האָט אָבער ניקאָלאַי נישט געוואָלט אָננעמען די דעפּוטאַציע, און איר געהייסן דורך זיין אַדיוטאַנט פאַרשטעלן זיך פאַר אים אין האָמעל. אָנגעקומען קיין האָמעל, האָט ניקאָלאַי אָנגענומען אויף אַ פינף־מינוטיקער אוידיענץ מער נישט ווי ר׳ יענקעלען אַליין, די פּרטים פון דער דאָזיקער אוידיענץ זענען פאַרבליבן בסוד. אין ליטע זיינען וועגן דעם אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע עובדות. מען דערציילט, למשל, אַז ניקאָלאַי האָט אַ פרעג געטאָן ר׳ יענקעלען:

— פאַרוואָס זאָל דאָס אידישע פאָלק אַזוי פיל ליידן, ווען עס קען אין איין קליינער ווייל׳ע פּטור ווערן פון זיינע צרות?

— ווי אַזוי, דהיינו? — האָט אים ר׳ יענקעלע געפרעגט.

— עס דאַרף זיך נאָר לאָזן באַשפּריצן מיטן הייליקן וואַסער, — האָט

אים ניקאלאי געענטפערט.

אויף דעם זאל ר׳ יענקעלע האבן געזאגט:

— בוימאייל לאזט זיך נישט צעמישן מיט וואסער...

— אזוי?! — האט ניקאלאי אויסגערופן גאנץ אויפגעבראכט — זיך האלט איר פאר בוימאייל און אונז פאר וואסער?

— נישט מיר — איז געווען ר׳ יענקעלעס תשובה — האלטן אונז אזוי, נאר אונזערע גרויסע, אונזערע תלמודיסטן האבן פארגליכן דאס אידישע פאלק צו איילבירטן, וועלכע מען דריקט, מען שטיקט און מען קוועטשט פון זיי ארויס זייער זאפט...

און נאך אזעלכע מעשיות.

א פאקט איז, אז קיין ווילנע האט זיך דאן ר׳ יענקעלע צוריקגעקערט מיט דער גוטער בשורה, אז די גזרה וועגן די "ראזראדן" וועט נישט פארווירקליכט ווערן. און די גזרה איז טאקע באמת געבליבן נאר אויפן פאפיר...

אין יאר תרט״ו האט די רוסישע רעגירונג פראיעקטירט איבערצוגעבן די אידישע רעליגיעזע אינטערעסן אין די הענט פון א קאנסיסטאריע, אין וועלכער עס זאלן אריינגיין אלס מיטגלידער די חשובסטע גאונים און תלמוד־געלערנטע. די רעגירונג האט דאן באפולמעכטיקט דעם באוואוסטן קאראאימער געלערנטן אברהם פירקאוויץ ארומצופארן איבערן תחום און אויסזוכן דארט די פאסיקע פערזאנען פאר דעם דאזיקן הויכן אמט. קומענדיק קיין ווילנע, האט ער זיך באלד אפגעשטעלט אויף ר׳ יענקעלע קאוונער, און דער דעמאלטיקער גענעראל־גובערנאטאר נאזימאוו האט דערצו גלייך מסכים געווען.

דער זעלבער נאזימאוו האט שטארק געהאלטן פון ר׳ יענקעלעס פקחות און ער פלעגט צו אים גאנץ אפט אריינפארן בעראטן זיך מיט אים וועגן פארשידענע אדמיניסטראטיווע ענינים. ר׳ יענקעלע האט פארשטאנען

אויסצונוצן נאזימאווס געוויגטקייט צו אים לטובת הכלל. דאס וויכטיקסטע, וואס ר׳ יענקעלע האט געפונען ביי נאזימאוון איז געווען, צו עפענען פאר די ווילנער אידן די עטליכע קריסטליכע גאסן, אין וועלכע זיי האבן ביז אהין נישט געטארט וואוינען און אויך צו באזעצן זיך אין טראק, וואוהין די קאראימער, די מערהייט פון שטעטל האבן זיי קיינמאל נישט צוגעלאזט.

צוליב פארשידענע נישט אויפגעקלערטע סיבות איז די רוסישע רעגירונג שפעטער אפגעשטאנען פון איר פלאן וועגן גרינדן א אידישע קאנסיסטאריע, דערפאר האט זי אבער אין יאר תרי״ח צונויפגערופן קיין פעטערבורג א קאמיסיע פון רבנים אונטער דער אנפירונג פונם אינערן־מיניסטער. זיבן מיטגלידער האט מען געדארפט קלייבן אין דער קאמיסיע, און פון ווילנע איז אויסגעקליבן געווארן ר׳ יענקעלע קאוונער. ער איז שוין דאן געווען א זקן פון עטליכע און זעכציק יאר, און דאך האט עס אים נישט אפגעהאלטן צו אונטערנעמען מיט פערד אזא שווערע נסיעה, וועלכע האט געדויערט העכער דריי וואכן. אין פעטערבורג האט זיך דאן ר׳ יענקעלע זייער באפריינדעט מיט דעם דעמאלט שוין זייער פאפולער געוועזענעם כלל־טוער באראן גינצבורג, וועלכער האט באקומען א באזונדערע איינלאדונג פון דער רעגירונג אנטייל צו נעמען אין די בעראטונגען פון די רבנים. פון דאן אן האט באראן גינצבורג נישט אונטערגענומען קיין שתדלנות לטובת הכלל וואו ער האט זיך פריער נישט מיישב געווען וועגן דעם ענין מיט ר׳ יענקעלע קאוונער.

אין דער רבנים־קאמיסיע, וואס איז פארגעקומען אין דער קעגנווארט פון די העכסטע רעגירונגס־באאמטע, האט ר׳ יענקעלע געמאכט גרויס אויפזען מיט זיין שארפן ארויסטרעטן קעגן די, וועלכע זענען איינגעגאנגען אויף פשרות בנוגע איניקע פראיעקטירטע רעליגיעזע רעפארמען. שטאל און אייזן איז ער געשטאנען פאר דער קאמפעטענץ פון די רבנים אין אלע קהלשע ענינים, וואס האבן א שייכות מיט דער אמונה. זיינע פלאמיקע רעדעס וועגן דער אידישער עטיק האט געמאכט אויף אלעמען א געוואלדיגן איינדרוק.

זעקס חדשים איז ר׳ יענקעלע אפגעזעסן דאס ערשטע מאל אין פעטערבורג. אין פארלויף פון דער צייט האט ער זיך באקאנט געמאכט אין די העכסטע רעגירונגס־ספערן, וואו אים איז אויסגעקומען פיל מאל אויסצוטענהן זיך לטובת די אידן קעגן שונאים און בייזע צינגער. שטענדיק האבן זיינע ווערטער געמאכט א איינדרוק, און יעדעס מאל האט ער עפעס אויסגעווירקט פאר אידן. פיל מאל האט פאסירט, אז הויכגעשטעלטע פערזאנען האבן אים ספעציעל פארבעטן צו זיך, כדי צו באלויכטן זיי פארשידענע ענינים.

אין יאר תרכ״ב בשעת מ׳האט אין גאנצן לאנד געפייערט דעם טויזנט־יעריקן יובילעי פון דער רוסישער מלוכה, האט די ווילנער אידישער קהלה אויסגעריכט קיין פעטערבורג ר׳ יענקעלען מיט א באגריסונגס־אדרעס צו אלעקסאנדער דעם צווייטן. ר׳ יענקעלע איז דאן אנגעקומען קיין פעטערבורג ערב ראש־השנה, און דעם זעלבן טאג האט ער באקומען א מעלדונג פונם אינערן־מיניסטער גראף וואלויעוו, אז דער קייזער וועט אים אננעמען אויף א אוידיענץ איבערמארגן פיר אזייגער נאכמיטאג אין צארסקאיע סעלא.

איבערמארגן, דעם צווייטן טאג ראש־השנה, האט ר׳ יענקעלע אפגעדאוונט אין זיין אכסניה ביחידות און, קוים עפעס איבערגעביסן, האט זיך דער עטליכע און זעכציק־יעריקער זקן אוועקגעשלעפט צו־פוס קיין צארסקאיע סעלא, א מהלך פון צוואנציק וויארסט. ״ג־ט — אזוי האט ר׳ יענקעלע נאכער געשריבן צו דעם בארימטן גאון ר׳ העשל לעווין פון וואלאזשין — האט אין מיר ארייגעגעבן דעם וואונדערליכן כח אנצוקומען קיין צארסקאיע סעלא נאך מיט א שעה פריער, איידער עס איז פארגעקומען די אוידיענץ״.

דער קייזער האט זייער פריינטליך אנגענומען דעם אדרעס פון דער ווילנער קהלה און געהייסן ר׳ יענקעלען אפגעבן אין זיין נאמען א גרויסן דאנק דער אידישער באפעלקערונג. ר׳ יענקעלע האט פארבראכט אין פאלאץ ביז אין אוונט, און דאן האט מען אים אין א הויף־קארעטע אפגעפירט צוריק קיין פעטערבורג.



ר׳ יענקעלע קאָווּנער

גראד איז אין יענער צייט געקומען קיין פעטערבורג דער ווילנער גענעראל־גובערנאטאר נאזימאוו. ר׳ יענקעלע איז גלייך צו אים אוועק און אין א לאנגן שמועס וועגן דעם אידישן מצב האט ער אים אויפמערקזאם געמאכט, אז ס׳וואלט זיך אפשר געלוינט אויסצונוצן דעם קייזערס גוטע שטימונג צוליב דעם יובילײ לטובת דעם אידישן פאלק. אויף דעם האט אים נאזימאוו געענטפערט:

— וועלכע הנחות למשל, וואלטן אידן איצט פארלאנגט פון קייזער?

ר׳ יענקעלע האט פיל נישט געקלערט און געזאגט:

— אידן ליידן באזונדערס פיל דורכדעם וואס די אינוויייניקסטע גובערניעס און די צוויי רעזידענץ־שטעט זענען פאר זיי פארשלאסן. דאס צווינגט קאמפאקטע אידישע מאסן צו קאנצענטרירן זיך אין צפון־מערב־קאנט, און די ענגשאפט איז א אומדערטרעגליכע! איינער ביים צווייטן נעמט אוועק זיין פרנסה, די קאנקורענץ איז גרויס און דער מסחר איז געפאלן. סוחרים האבן נישט וואו אפצוזעצן זייערע סחורות, בעלי־מלאכות גייען אום ליידיק, און דער גאנצער האנדל און וואנדל האט זיך אפגעשטעלט. דעריבער וואלט גוט געווען, אז די רעגירונג זאל צום וויייניקסטן געבן וואוינרעכט אין די אינערע גובערניעס און אין די צוויי הויפט־שטעט די דאזיקע דריי קאטעגאריעס: א) אויסגעדינטע סאלדאטן, ב) בעלי מלאכות און ג) סוחרים פון ערשטער און צווייטער מדרגה.

נאזימאוו האט פארגעלייגט ר׳ יענקעלען צו דערלאנגען אים וועגן דעם א באזונדער מעמאראנדום, צו וועלכן ער וועט צולייגן זיינעם א בריוו צום מיניסטער־פרעזידענט בלוקאוו, און ער האפט, אז די זאך וועט האבן דערפאלג.

און עס איז ווירקליך אזוי געווען, ר׳ יענקעלעס מעמאראנדום צוזאמען מיט נאזימאווס בריוו האבן אין די העכסטע מלוכה־ספערן געמאכט א שטארקן איינדרוק. דעם 3-טן יולי תרכ״ב איז ארויס א קייזערליכער ״אוקאז״ — פריער וועגן דעם פרייען וואוינרעכט אין גאנץ רוסלאנד פון די

אידישע סאלדאטן, און שפעטער האבן די זעלבע רעכט באקומען אויך בעלי־מלאכות און סוחרים.

די אידישע באפעלקערונג האט דאן פרייער אפגעאטעמט. מ׳האט עס געהאלטן פאר א צייכן, אז די דאזיקע גוטע התחלה וועט נאך פירן צו גרעסערע מעשים מצד די רוסישע רעגירונג.

ר׳ יענקעלע האט דעמאלט באקומען ברכות פון אלע אידישע קהלות, וועלכע האבן אים גערופן אין די בריוו: ״מלאך מושיע״....

אין יאר תרכ׳ג איז נאזימאוו באשטימט געווארן אלס מיטגליד אין מלוכה־ראט, און אויך פון פעטערבורג האט ער כסדר קארעספאנדירט מיט ר׳ יענקעלען, וועלכער האט זיך צו אים גאנץ אפט געווענדעט מיט פארשידענע בקשות וועגן אידן. אין יאר תרל׳ב, בשעת נאזימאוו האט געפייערט דעם פופציק־יעריקן יובילעי פון זיין מלוכה־דינסט, האט ער צו דער פייערליכקייט איינגעלאדן אויך ר׳ יענקעלען. ר׳ יענקעלע האט זיך שוין דאן געפילט זייער אלט און שוואך, וועלנדיק אבער אויסנוצן נאזימאוון לטובת די אידן, האט ער דאך אונטערגענומען די שווערע נסיעה קיין פעטערבורג. אין דעם טאג פונם יובילעי, בשעת נאזימאווס פאלאץ איז געווען פול מיט די גרעסטע שררות, איז אריין דער שווייצער און האט אים געמאלדן, אז א אלטער איד איז געקומען. נאזימאוו איז אים תיכף ארויסגעלאפן אנטקעגן אין קארידאר, איז אים ארויפגעפאלן אויפן האלז און האט זיך מיט אים ברידערליך צוקושט. דערנאך האט ער אים גענומען אונטערן ארעם און אריינגעפירט אין זאל, וואו ער האט אים פארגעשטעלט פאר די אנוועזנדע מיניסטארן און העכסטע גענעראלן אלס דעם גרעסטן זון פונם אידישן פאלק, וועלכן ער האט דעם כבוד צו האבן פאר א פריינט.

גאנצע אכט טאג האט דאן ר׳ יענקעלע פארבראכט אין פעטערבורג, וואו ער האט זיך טעגליך געזען מיט נאזימאוון, און אויסגעפועלט ביי אים א סך טובות פארן כלל־ישראל.

אין יאר תרכ׳ט האט זיך אויפן רוסישן אידנטום אנגערוקט א גאנץ

אומגעריכטע צרה. דער טרויעריק־באוואוסטער משומד בראפמאן האט זיך דאן באזעצט אין ווילנע, וואו עס איז אין יענער צייט געווען גענעראל־גובערנאטאר גענעראל קויפמאן. אויף דעם דאזיקן קויפמאנען, וועלכער איז געווען גאנץ א נאאיווער מענטש, האט בראפמאן פארשטאנען צו מאכן מיט זיינע גיפטיקע מסירות אויף אידן א שטארקן רושם און האט ביי אים געפועלט, ער זאל זעצן א באזונדערע קאמיסיע, וועלכע זאל באהאנדלען די אידן פראגע. גענעראל קויפמאן האט זיך געלאזט איינרעדן און האט אויסגעקליבן אזא קאמיסיע פון לויטער קריסטן, אונטערן פארזיץ פון א געוויסן ספאסקי, א הויכער באאמטער פון דער אדמיניסטראציע פונם צפון־מערב־קאנט. פאר דער דאזיקער קאמיסיע האט בראפמאן באשולדיגט אידן אלס די גרעסטע פיינט "פון ג-ט און פון קייזער", וואס היטן נישט אפ די געזעצן פון דער מלוכה, וועלכע עקספלאאטירן די פויערים, זויגן־אויס פון זיי דעם זאפט און לעבן אויף זייער חשבון, דערביי האט דער צורר היהודים פארגעלייגט פארשידענע פלענער, ווי פטור צו ווערן פון אידן. ער האט פארגעלייגט מ׳זאל פארשליסן פאר זיי די גרעסערע שטעט, מ׳זאל זייערע קינדער נישט צולאזן אין די מלוכה־שולן, און אזוי ווייטער.

די קריסטליכע מיטגלידער פון דער קאמיסיע, וועלכע האבן געהאלטן בראפמאנען, דעם מחבר פון "קנינא קהאלא" פאר דעם גרעסטן קענער פון אידן און אידישקייט, זענען אין אנהויב געווען גענויגט צו רעכענען זיך מיט בראפמאנס מיינונגען און אננעמען זיינע פראיעקטן. די ווילנער אידישע פארשטייער האבן זיך פון דעם דערוואוסט, און פון זיי איז פארשפרייט געווארן די ידיעה צווישן דער גאנצער אידישער באפעלקערונג און אין שטאט איז געווארן חושך. דער אלטער ר׳ יענקעלע איז מיט זיינע לעצטע כוחות געלאפן צום גענעראל קויפמאן און צו ספאסקין מיט בקשות, זיי זאלן צולאזן אין דער קאמיסיע אויך אידישע מיטגלידער, וועלכע זאלן זיך אויסטענהן מיט בראפמאנען און ענטפערן אויף זיינע באשולדיקונגען. ער האט אבער גארנישט געפועלט. דאן האט ר׳ יענקעלע צונויפגערופן קיין ווילנע א אסיפה פון די בארימטסטע אידישע פערזענליכקייטן פון פארשידענע שטעט און האט זיך מיט זיי בעראטן וועגן די מיטלען, וועלכע

מ׳דארף אננעמען קעגן דער גרויסער געפאר, וואס דראט דעם גאנצן רוסישן אידנטום.

פארצווייפלט זענען ארומגעגאנגען די אידישע פארשטייער. נאך אלע בעראטונגען, וואס זיי האבן אפגעהאלטן צוזאמען מיט די גרעסטע אידישע פערזענליכקייטן פון ליטע און ווייס־רוסלאנד, האבן זיי אלץ קיין ריכטיקן מיטל נישט געפונען, ווי אזוי אפצושוואכן בראפמאנס השפעה אויף דער קאמיסיע. אלע אויגן זענען געווען געווענדעט צו ר׳ יענקעלען, מ׳האט געהאפט, אז אזוי ווי שטענדיק, וועט ער אויך איצט געפינען א אויסוועג פון דער קריטישער לאגע. דאסמאל האט זיך אבער אויך ר׳ יענקעלע צו קיין זאך נישט געקענט דערקלערן.

דערווייל האט געדארפט פאסירן, אז מ׳האט קויפמאנען ארויסגערופן קיין פעטערבורג אפצוגעבן דארט א דין־וחשבון וועגן דעם מצב אין צפון־מערב־קאנט. קויפמאן האט דאן איינגעלאדן צו זיך איניקע פון די אידישע און קריסטליכע פארשטייער און מיט זיי פארפירט א אויספירליכן שמועס וועגן די נויטן פון ווילנער געגנט. צוערשט האט ער אפגעפטרט זיין געשפרעך מיט די קריסטן, און נאכדעם האט ער אריינגערופן צו זיך די אידן. מיט דער געלעגנהייט האט זיך באנוצט ר׳ יענקעלע און קונציק ארויפגעפירט דאס געשפרעך אויף דער ארבעט פון דער קאמיסיע. דערביי האט ער באקאנט געמאכט קויפמאנען מיט בראפמאנס מאראלישן מהות און ביי אים געפועלט, עס זאלן צוגעלאזט ווערן צו דער קאמיסיע אויך אידישע מיטגלידער, וואס זאלן קענען ענטפערן אויף די באשולדיקונגען און בלבולים. קויפמאן האט תיכף די זיצונגען פון דער קאמיסיע אריבערגעטראגן אין זיין פאלאץ און פארארדנט, ס׳זאלן צו זיי איינגעלאדן ווערן אויך צען מיטגלידער, וואס די אידן אליין וועלן צווישן זיך אויסקלייבן. אין פארלויף פון צוויי וואכן זענען שוין די צען אידישע דעפוטאטן געווען אויסגעוויילט און בראש פון זיי ר׳ יענקעלע קאוונער.

שוין אויף דער ערשטער זיצונג, וואס איז פארגעקומען אין דער קעגנווארט פון גענעראל קויפמאן, האט בראפמאן איבערגעחזרט זיין גיפטיקן באשולדיקונגס־אקט קעגן דער אידישער אמונה און האט געמאכט

תורת־משה אמת צו אש און צו בלאטע און אלס קוואל פון דעמאראליזאציע און אלערליי מדות רעות. די אידישע דעפוטאטן, וועלכע האבן זיך גארנישט געקענט פארשטעלן, אז א געוועזענער איד זאל אזוי טרעטן מיט די פיס און מאכן צו שפאט און צו שאנד דאס אלערהייליקסטע, זענען געזעסן בלייך ווי די וואנט, און פון גרויס צוטומלעניש און הארץ־קלעמעניש האבן זיי נישט געקענט עפענען קיין מויל. דער איינציקער, וועלכער האט זיך נישט פארלוירן, איז געווען דער זיבעציק־יעריקער ר׳ יענקעלע קאוונער. גאנץ קאלטבלוטיק האט ער אפגעענטפערט בראפמאנען און מיט לאגישע באווייזן צוקלאפט זיינע טענות איינע נאך דער אנדערער. דאס האט שוין צוגעגעבן מוט אויך די איבעריקע דעפוטאטן און יעדער פון זיי האט גענומען דאסווארט און אויפגעוויזן, ווי ווייט דעם משומדס באשולדיקונגען האבן נישט קיין ממשות זייענדיק באגרינדעט אויף די גרעסטע פאלסיפיקאציעס.

נישט אזוי גיך האט אבער בראפמאן פארלאזט דעם קאמף־פלאץ. ער האט גענומען נישטערן דעם תלמוד און די רבנישע ליטעראטור און שטיצנדיק זיך אויף די מסירות פון די באוואוסטע שונאי־ישראל, ווי אייזענמענגער און פעפערקארן, האט ער געשאטן פעך און שוועבל אויפן "שולחן־ערוך" און "חשן־משפט", וועלכע האבן זיך געקליגט נאר אלץ מער צו לערנען דעם אידן, ווי אפצונארן דעם קריסט און אויסזויגן פון אים דעם זאפט.

די אידישע דעפוטאטן זענען געזעסן, ווי אויף הייסע קוילן, יעדערער פון זיי האט געציטערט, אז טאמער געלינגט בראפמאנען צו ווירקן אויף קויפמאנען איז די זאך פארלוירן. נאר ר׳ יענקעלע אליין האט נאך די האפנונג נישט אויפגעגעבן.

פלוצלונג איז געשען א זאך, וואס קיינער האט נישט דערווארט. קויפמאן האט זיך אויפגעהויבן פון ארט און אויסגערופן:

— איך באפעל, מ׳זאל דא וועגן רעליגיעזע פראגן מער נישט דיסקוטירן. די רעגירונג וויל זיך בכלל נישט מישן אין אזעלכע ענינים. איר

אינטרעסירן נישט די אמונה־אנגעלעגנהייטן. דעריבער קען זיך די קאמיסיע באשעפטיקן נאר מיט דעם, וואס איז נוגע די אידן אלס פאלק.

דער דאזיקער באפעל איז געווען פאר בראפמאנען א טויט קלאפ. ער האט פארשטאנען, אז דורכדעם האט ביי אים קויפמאן אפגענומען זיין גאנצן כלי־זין און האט אראפגעלאזט דעם קאפ.

דער פארזיצנדער פון דער קאמיסיע, ספאסקי, האט דאן ארויפגעפירט די ויכוחים אויף דאס טעמע וועגן דעם מהות פון די אידן אלס פאלק. בראפמאן האט זיך נאך געפרובט ווארפן מיט בלבולים אויפן גאנצן אידנטום, אבער דא האט ער אויף יעדן טריט געהאט א מיאוסן אפשניט פון די אידישע דעפוטאטן, און באזונדערס פון ר׳ יענקעלען, וועלכער האט אים אנטפלעקט אלס גרויסער עם־הארץ, וואס האט נישט קיין שום ידיעה אין דער אידישער געשיכטע און אין די שווארצע פינטאלאך בכלל. אויף דער לעצטער זיצונג האט ר׳ יענקעלע געהאלטן א דריי שעהדיקע רעדע וועגן דער באדייטונג פונם אידישן פאלק און דער ראלע, וואס אים איז אויסגעקומען צו שפילן צווישן די אנדערע פעלקער, און די דאזיקע רעדע, וועלכע האט ארויסגערופן גרויס אויפזען און געמאכט אויף די קריסטליכע מיטגלידער א געוואלטיקן רושם, האט געהאט א דעצידירנדע ווירקונג אויף דער גאנצער ארבעט פון דער קאמיסיע. לויט ספאסקיס א באזונדערער פאראָרדנונג זענען ר׳ יענקעלעס תשובות צוזאמען מיט זיין לעצטע רעדע פארפראטאקאלירט און אונטערגעשריבן געווארן דורך דער גאנצער קאמיסיע.

נאכדעם ווי די קאמיסיע האט זיך געשלאסן, האבן זיך די אידישע דעפוטאטן פארגעשטעלט פארן גענעראל קויפמאן און אים אויסגעדריקט זייער דאנק פאר זיין אביעקטיווער באציאונג צו דער אידן־פראגע. אין זיין פריינטליכן ענטפער האט זיי קויפמאן אויפמערקזאם געמאכט, אז זיי האבן פאר אלץ צו פארדאנקען נאר ר׳ יענקעלען, וועלכער האט מיט זיינע קלוגע, לאגישע רייד צונישט געמאכט דעם קעגנערס טענות. אויף מארגן האט ספאסקי אפגעשטאט א וויזיט ר׳ יענקעלען און אים איבערגעלאזט זיין

פאטאגראפיע צום אנדענקען. דערביי האט ער אים דערציילט, אז גענעראל קויפמאן פירט אפ מיט זיך די פראטאקאלן פון דער קאמיסיע קיין פעטערבורג, וואו ער וועט זיי פארלייגן דעם העכסטן מלוכה־ראט און, לויט זיין מיינונג, וועט דאס ברענגען צו א נייער ווענדונג מצד דער רעגירונג און איר באציאונג צו דער אידן־פראגע.

די רעזולטאטן פון דער קאמיסיע האבן ארויסגערופן ביי אידן גרויס פרייד. ר׳ יענקעלע איז געווארן דער העלד פון טאג. פון אלע אידישע קהלות האט מען אים אריינגעשיקט דורך באזונדערע דעלעגאציעס הארציקע ברכות. פון וואלאזשין זענען געקומען די גאונים ר׳ יוסף בער סלוצקער און ר׳ הירש ליב. אלע זענען געווען איינשטימיק אין דעם, אז אויב בראפמאנס אויפווייזונגען האבן פארלוירן זייער איינפלוס אויף דער קאמיסיע, איז דאס געווען נאר א דאנק די קלוגע תשובות פון ר׳ יענקעלע קאוונער און זיינע שארפע איינפאלן. מען דערציילט צווישן אנדערן וועגן דעם פאלגנדיקן דיאלאג, וועלכער איז פארגעקומען אויף איינער פון די זיצונגען צווישן ר׳ יענקעלען מיט בראפמאנען:

בראפמאן האט שטארק אפערירט מיט דעם ווערטל: „טעות גוי מותר״, פון וועלכן ער האט געוואלט דרינגען, אז א איד מעג אפנארן א קריסט. אויף דעם האט אים ר׳ יענקעלע געפרעגט:

— פונוואנען האט איר עס גענומען דאס ווערטל?

— פון אייער גמרא! — האט זיך בראפמאן ארויסגעכאפט.

— מיינע הערן! — האט זיך ר׳ יענקעלע געווענדעט גאנץ געלאסן צו דער קאמיסיע — אויב ס׳געפינט זיך אזא מימרא אין אונזער גמרא, וועל איך זיין דער ערשטער, וואס וועט מסכים זיין מיט אלע אויספירונגען פונם הער בראפמאן.

ספאסקי, דער פארזיצנדער פון דער קאמיסיע, האט אויסגעגלאצט א פאר אויגן אויף בראפמאנען, ווי איינער זאגט: נו, וואס האט איר אויף דעם צו ענטפערן? בראפמאן איז געבליבן זיצן גאנץ רואיק, ווי נישט אים מיינט

מען עס, און נאכער האט ער זיך אפגערופן, ווענדענדיק זיך צו ר׳ יענקעלען:

— איר אידן, האט שוין א אלטע טבע אפצולייקענען אפילו דאס, וואס עס שטייט געשריבן שווארץ אויף ווייס.

אויף דעם האט ר׳ יענקעלע געזאגט:

— און איר, משומדים, האט שוין א אלטע טבע צו באנוצן זיך מיט גאלע שקרים און כל־ערליי ליגנס.

דאן האט ער מוסיף געווען:

— און פון דער געהערטער קאמיסיע פארלאנג איך צו פאדערן פון אונזער באשולדיקער שוין תיכף דא אויפן ארט אנצווייזן וואו עס געפינט זיך דאס ווערטל "טעות גוי", אויף וועלכן ער האט אנגעבויט אזוי פיל מסירות אויף דער אידישער תורה.

בראפמאן האט געמאכט דעם אנשטעל, ווי ער פילט זיך באליידיקט פון דעם, וואס מען גלויבט נישט אזא אויטאריטעט, ווי ער, אויפן ווארט, און מען פאדערט פון אים באווייזן. נאכדעם ווי מ׳האט אים צוגעקוועטשט צו דער וואנט, האט ער געזאגט, אז ער האט די מימרא אמאל געזען אין א ספר, ער געדענקט שוין אבער נישט היינט אין וועלכן...

בראפמאנס לעצטע ווערטער האבן ארויסגערופן אין זאל א גרויס געלעכטער, און דאס האט שוין באדייט דעם אנהויב פון זיין מפלה.

ווינטער תרל״ג איז ר׳ יענקעלע פלוצלונג פאראליזירט געווארן. אים האט אפגענומען די רעכטע האנט מיטן רעכטן פוס. מ׳האט אים דאן ווי עס איז אויסגעהיילט. נישט נעמענדיק אין אכט דעם פארבאט פון די דאקטוירים, איז ער געגאנגען אין בית־המדרש דריי מאל א טאג דאווענען און זאגן דאס בלאט גמרא פארן עולם, אין יאר תרל״ז האט ער באקומען א פאראליטש אין מח און איז געבליבן אן לשון. אין דעם דאזיקן שווערן צושטאנד האט ער זיך געפונען גאנצע זעקס יאר. געשטארבן איז ער אלס זעקס און אכציק־יעריקער זקן אין מיטן ווינטער תרמ״ג.

ר׳ יענקעלעס טויט האט ארויסגערופן גרויס טרויער ביים גאנצן ליטווישן און ווייס־רוסישן אידנטום, און אין אלע הספדים, וואס מ׳האט נאך אים געמאכט, האט הויך געקלונגען דער שמערצליכער אויסרוף:

— ס׳איז געשטארבן אונזער ״מלאך מושיע!״...